STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06603

LITERATUR-BILDER

Sch. Gorelik

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שמריהו גארעליק.

ליטעראַטור-בילדער

א רייהע קריטישע ארטיקלען

איבער די בעדייטענדסטע שריפטשטעלער פון דער מאדערנער וועלט-ליטעראטור.

פערלאג „פראגרעס", ווארשא.

תרע"ב. 1912.

ВАРШАВА 1911.
Тип. Ф. Ваумритера, Красинская пл. № 6.

דער פעסימיזם
אין דער נייער ליטעראטור.

I.

פינסטער, אח, ווי פינסטער.
די לעצטע ווערטער פון כאפאסאן.

איהר קענט איהם שטענדיג לייכט דערקענען אן דעם ביטערן שמייכעל, וואס איז בעהאלטען אין די ווינקלען פון זיין פערקרימטען מויל. נישט אלעמאל איז אנגענעם זיין געזעלשאפט: וואס קען מען געפינען אנגענעמעס אין א מענשען, וועלכער איז מבטל איינגאנצען דאס אלץ, וואס איהר נעמט אן פאר הייליג און שען? א, איהר ווילט נאך לעבען. און וואס וויל ער, אט דער מיט די שווארצע געדאנקען? איז דען ווירקליך די וועלט שולדיג אין דעם, וואס איהם האט נישט געגליקט אין ליעבע, וואס ער איז קראנק, וואס ער האט לאנג געהונגערט?!

בעזונדערס נישט בעליעבט איז דער שטילער פעסימיסט, דער פעסימיסט־מעלאנכאליק, וועלכער זיצט איינזאם אין א ווינקעל און שווייגט, ווען מען געזיכט ס'איז שטענדיג פערצויגען מיט א אומעטיגען שלייער, וועלכער זיצט איינגעבויגען פונקט, ווי דאס מעסער פון דער גיליאטינע וואלט אויף איהם ווארטען.

דער פעסימיסט־ציניק, דער אפלאכער, דער מייסטער אויף פאראדאקסען, אויף א בייזער, שארפער כאראקטעריסטיק, — דער איז נאך צו פערטראגען. ער קען איינוויקלען זיינע פעסימיסטישע געדאנקען אין א רייצענדער פארם און איז, לכל הפחות, אינטערעסאנט.

בכלל אבער האט מען נישט ליעב נישט דעם ערשטען און נישט דעם צווייטען. די געזעלשאפט וויל לעבען רוהיג און פערט־

רייבט דעם פערטרויערטען, דעם פערצווייפעלטען, ערגעץ ווייט הינטערן שטאדט אין די טונקעלע, אבגעזונדערטע פלעצער. שפאצירען זיי דארט, די איינזאמע, די פערטריבענע, און זענען ענליך צו אלמנות, — צו די ארימע אלמנות, וועלכע דער געניאלער באדלער האט אזוי אומעטיג און שען געשילדערט אין זיינע קליינע פאעמען.

זייער צאהל ווערט אלץ גרעסער און גרעסער. ווי אפט זעהט מען זיי, אריבערגעהענדיג פון דער הויפט-אלעע, וואו עס ווערט אזוי פרעהליך געפייערט דער יום-טוב פון לעבען, אהין, וואו עס איז אזוי פינסטער און קאלט! ווער זענען זיי, אט די אלע? וואס טרייבט זיי אזוי שטארק פון לעבען? זענען זיי אלע נאר שוואכע, לא יוצלח׳דיגע אדער ס׳זענען אויך פערהאן אין דער ערשיינונג טיעפערע און וויכטיגערע סבות? האבען מיר דא צו טאן מיט געצוואונגענע אדער מיט פרייוויליגע סוביעקטען? איז דא געשעהען דאס, אז א דאנק דעם אונגליקליכען צופאל האט געפלאצט איין סטרונע און דער מענש קען מעהר נישט שפילען; אדער דער מענש אליין האט די הארפע צובראכען, ווייל סיי ווי סיי וועט איהר קיינמאל נישט געלינגען אויסצושפילען די געטליכע מעלאדיע?

אויב מיר וועלען שטעלען די פראגע: וואס איז דאס חאראקטעריסטישע פאר אונזער צייט? וועלכער מאמענט טרעט ארויס בולט׳ער און אויסדריקליכער? וועט אונז אויסקומען אנצעווייזען אויף דער אונצופריעדענהייט מיט׳ן לעבען, וואס פערשפרייט זיך אלץ מעהר און מעהר. פערשטעהט זיך, נישט די אונצופריעדענהייט, וועלכע מאכט רעוואלוציעס, ווארפט אראב רעגירונגען און פיהרט איין סאציאלע פערבעסערונגען. עס רעדט זיך דא וועגען דער פילאזאפישער אונצופריעדענהייט, וואס גראבט אונטער דעם יסוד פון לעבען.

אין דער צייט, ווען א געוויסער טייל פון דער מענשהייט קוקט מיט א אנגעשטרענגטער נייגיריגקייט אויף די אלע נייע ערפינדונגען אין דער וועלט פון טעכניק, אין דערזעלבער צייט פערגרעסערט זיך די צאהל פון יענע, וועלכע געהען ארום איינגעהילט אין טרויער און פאר וועלכע די גאנצע וועלט, מיט אלע איהרע שענקייטען, מיט אלע איהרע רייצענדע מיניאטורען, האט אנגעווארען דעם גאנצען חן, די גאנצע צוציהונגס-קראפט. זאל נאר עמיצער צוטרעטען צו דער אנקעטע, און פון אלע עקען וועט ער בעקומען איין ענטפער: „מיר האבען אנגעווארען דעם געשמאק צום לעבען, די פעהיגקייט צו לאכען,

פרעהליך צו זיין. נישטאָ קיין ציעל, נישטאָ קיין גאָט, מיר בלאָנדזען ווי פערוואָרפענע קינדער און בעוויינען אונזער איינזאַמקייט. מיר טוען אַלץ, מיר וואַנדערן אין אַלע מיטלען, זיך צו פערגעסען; מיר לויפען צו דער קאַטעדרע, אויף וועלכער עס שטעהט דער אָפּטימיסט און פרעדיגט מוט; מיר געהען אין טורן-פעראיין און זעהען פערשטאַרקען אונזערע מוסקולען, מיר בעגייסטערן זיך מיט די וואונדערבאַרע פאָרשריטען פון דער לופט-פליהעריי, מיר חלומ'ען וועגען דעם מענשען-פויגעל, נאָר אַהיים, אין אונזערע חדרים קעהרען מיר זיך דאָך אום אומעטיגע, נידערגעשלאָגענע".

לעגיאָנען שטעהען ביים אַריינגאַנג און זענען גרייט „אומצוקעהרען דעם בילעט". קיינמאָל איז דער בעשולדיגונגס-אַקט געגען לעבען ניט געווען אַזוי רייך אין פאַקטען, אין איבערצייגונגען, און עס איז געוואָרען אונגעהויער שווער, דאָס לעבען צו פערענטפערן. מ'טוט דאָס געוועהנליך; איהר קענט, צום ביישפיעל, הערען אין בערלין ריידען דעם פראָפ. אָסטוואַלד „וועגען לעבענס-אינהאַלט". דער זיבציערער און איבערצייגטער געלעהרטער סטאַרעט זיך איינצורעדען זיינע צוהערער, אַז עס איז דאָ אין לעבען אַ ציעל, אַ טיעפער זין, אַ אינהאַלט, נאָר ווי ביי אַלע אָפּטימיסטען, זענען זיינע ווערטער אויך טעמפּ און פלאַך.

עס איז גאָר אינטערעסאַנט צו זעהן, אויף וויפיעל דער אָפּטימיזם איז אַלעמאָל טרוקען און טאַלאַנטלאָז, אין דער צייט ווען דער פעסימיזם פערמאָגט אַזאַ עשירות פון געפיהלען און געדאַנקען און האָט נאָך דערצו אַ בעזונדערע רייצענדע שאַרפקייט. איז דאָס נישט אַ בעווייז אויף דעם, אויף וויפיעל עס איז אונמעגליך צו פערטיידיגען אַ נישט ריכטיגע זאַך? ווי באַנאַל זענען אָט די אַלע סמאַילס'ען, לעבאָנ'ען, מילפאָרד'ען! ווי ציניש גראָב איז דער געשלעכטס-פערמיטלער אויגוסט פאָרעל מיט זיינע פראַקטישע עצות, מיט זיין פראַקטישער, כלומרש'ט-געזונטער וועלט-אַנשויאונג! זייער זיכערהייט און סאָלידקייט שטאַמט דערפון, וואָס זיי האָבען די מעהרהייט אויף זייער זייט, — די מעהרהייט, וועלכע איז פויל און אינערטיש, וועלכע איז אַלעמאָל צוזאַמען, קאָמפּאַקט, און גענוג בעשעפטיגט, אום זיך אַליין נישט צו הערען. דער אָפּטימיזם, די — אַזוי צו זאָגען — רעגיערונגס-פּאַרטיי, שטעלט זעלטען ווען אַרויס אַ שאַרפען רעדנער, וועלכער זאָל לכל הפחות זיין אינטערעסאַנט, אויב נישט מיט'ן אינהאַלט

איז וועניגסטענס מיט דער פאָרם, אויב נישט מיט נײַע ווערטער, וועניגסטענס מיט אַ נײַער מוזיק צו די אַלטע ווערטער. אָט טרעט אָבער אַרויס די „לינקע פּאַרטײַ״, די אָפּאָזיציע, דער פּעסימיזם און באַלד פיהלט איהר, אַז איהר האָט פאַר זיך אַ גרויסע קראַפט. די דאָזיגע קראַפט פערחאַפּט און איבערצײַגט אײַך. איז דער פּעסימיסט אַ געלעהרטער, פערוואונדערט ער אײַך מיט זײַן שאַרפען מוח; איז ער אַ פּאָעט, ריהרט ער אײַך מיט זײַן ליריזם, מיט זײַן עלעגיע אָדער ער שרעקט אײַך מיט דער מרה שחורה, וואָס וועהעט פון זײַנע שורות. דער פּעסימיסט איז קײנמאָל נישט לאַנגווײַליג — צופיעל אמת און וועהטאָג איז פערהאַן אין זײַן רעדען. נאַרט אײַך דען ניט אָב דאָס לעבען אויף יעדען טריט און שריט? וואַרט דען ניט אויף אונז דער פאָלקאָמער יאוש נאָך יעדען מאָמענט פערגניגען?

נישט אין דעם אַלײן ליעגט די טראַגעדיע, וואָס עס פעהלט בײַ דער מענשהײַט די „אַבסאָלוטע אידעע״, דער הויכער, טיעפער ציעל, וועלכער זאָל קענען אַלעמען פעראײניגען; נישט דאָס איז טרויעריג, וואָס פון אונז איז פערבאָרגען דער הויפּט־אמת. וואָלט עס אַזוי זײַן, וואָלט אפשר מעגליך געווען זיך צו בערוהיגען מיט׳ן פּאָזיטיוויזם אָדער ראַציאָנאַליזם, וועלכער עצה׳ט דעם מענשען, ניט פערקריכען אין אלף השישי און בענוגנען זיך מיט קלענערס. אמת, דער גאַנצער פּעסימיזם פון דער איצטיגער קונסט, פון דעם איצטיגען מענשען איז אַ פּראָטעסט געגען די „ד׳ אמות״, וועלכע זענען פאַר איהם פערצוימט. נאָר לאָמיר שוין נאָכגעבען, אַז ער איז יאָ מסכים צו אַלץ און איז גרײַט זיך צו „בענוגנען״ מיט „קלענערס״.

וואָס וועט איהר איהם אָבער ענטפערן אויף זײַנע טענות, אַז איהם איז קאַלט, אַז ער איז אײנזאַם? דאָס בעוואוסטזײַן דערפון, אַז ער איז אַ הערשער, אַ זיעגער איבער דער נאַטור — פערשאַפט איהם נישט קײן פערגניגען. דען קוים הערשט ער, הײסט עס, אַז ס׳זענען פערהאַן אונטערטאַנען; קוים זיעגט ער, הײסט עס, אַז ס׳זענען פערהאַן בעזיעגטע, און ער דאַרף דאָס אַלץ ניט, זײַן האַרץ בענקט נאָך אַ ביסעל ליעבע.

„מיר זענען אײנזאַם, — קלאָגט זיך מעטערלינק אין הספד אויף דעם טויט פון זײַן הונט פעללעאַס — פאָלקאָם אײנזאַם. אויף דער צופעליגער פּלאַנעטע און צווישען די אַלע פאָרמען פון לעבען, וועלכע רינגלען אונז אַרום, האָט נישט אײנע, אויסער דעם הונט, געש-

לאסען דעם בונד מיט אונז.

פערהאן שוואכע נפשות, וועלכע האבען פאר אונז מורא; דאס רוב פון זיי זענען מיר אונבעקאנט, נאר קיינער האט אונז נישט ליעב. אין דער וועלט פון פלאנצונגען זענען ביי אונז פערהאן שוויינגענדיגע קנעכט, נאר זיי דינען אויך נישט מיט זייער ווילען, פשוט: זיי גיעבען זיך אונטער אונזערע געזעצען, אונזער יאך.

דאס זענען שוואכע געפאנגענע קרבנות, וועלכע קענען נישט אנטלויפען, נאר ווידערשפעניגען בסוד; און ווי נאר מיר דערווייטערן זיך, אזוי איילען זיי זיך אומצוקעהרען צו זייער פריהערדיגער, שעדליכער פרייהייט.

ווען די רויז וואלט געהאט פליגלען, וואלט זי ווי א פויגעל אוועקגעפלויגען, בעת מיר דערנעהנטערן זיך צו איהר..." (מ. מעטערלינק. דער דאפעלטער גארטען).

וואס פאר א הילפלאזיגקייט פיהלט זיך דא אין יעדער שורה! פון אלע אונזערע נצחונות בלייבט גארנישט. עס לאזט זיך אויס, אז מיר זענען נאר ברוטאלע הערשער; דורך געוואלט-טאטען צווינגען מיר צו דינען יענע, וועלכע האבען אונז פיינט.

קיינער האט אונז נישט ליעב — צו די אלע איבריגע טענות איז נאך צוגעקומען די דאזיגע, אויפ'ן ערשטען בליק סענטימענטאלע טענה, און נאך טראגישער איז געווארען דעם מענשען'ס גורל און געגליכען איז ער צו דעם בלינדען, וועלכען עס האט אוועקגעווארפען דער פיהרער...

דער אפטימיסט זוכט כסדר צו טרייסטען. ער ווייזט אן אויף קליינע פינטעלאך, ער צינדט אן א לאנטערנע און וויל איינרעדען, אז עס איז די זון...

עס האבען זיך געוויזען אויך אזוינע, וועלכע לעגען גרויסע האפנונגען אויפ'ן ספארט. א דאנק דער גימנאסטיק, זאגען זיי, וועט געלינגען דעם מענשען זיך צו פערוואנדלען אין דעם אמאליגען גרעק, וועלכער האט געלעבט א געזונטען, זארגלאזיגען לעבען צווישען שענע קונסט-בילדער. זיי האפען, אז עס וועלען זיך אומקעהרען די צייטען, ווען דער בעליעבטסטער און בעריהמטסטער העלד וועט זיין דער אטלעט אין צירק און דער סקולפטאר וועט בעסער שטרעבען צו שטייפע מוסקולען, צו די הארמאנישע ליניען פון א געזונטען לייב, איידער

צו דעם ליידענדען, דענקענדען געזיכט פון א שפינאזא. דערצעהלט דאך טען (אין זיינע לעקציעס איבער קונסט) וועגען איינעם דיאגאר, וואס זיינע צוויי זיהן זענען געוועזען די בעסטע אטלעטען און האבען גענומען דעם ערשטען פריז ביי די פאלקס-שפיעלען, אז די בעגייס־טערטע ארענע האט געשריען צו דעם אלטען טאטען, וועלכער האט צוגעזעהען אזא גליק: „שטארב דיאגאר! ווילסטו דען א גאט נאך ווערן?" און דיאגאר איז געשטארבען — זיין הארץ האט נישט אויס־געהאלטען דעם ברויזענדען שטראם פון גליק און שמחה... צוקוקענ־דיג זיך אבער גוט צו דעם איצטיגען מענשען און צו דער איצטיגער קונסט, פערליערען מיר אלץ מעהר די האפנונג אויף אזא מין גאל־דענער צייט. ניין, א פנים קיין געצענדיגער וועלען מיר שוין קיינמאל נישט ווערען, אין קיין פרעהליכע קינדער וועלען מיר זיך שוין קיינ־מאל נישט פערוואנדלען און דער אפטימיזם מיט אלע זיינע רעצעפטען, מיט אלע זיינע עצות און מיט זיין גאנצער טעמפער פילאזאפיע, דער־מאהנט אזוי אפט און אזוי שטארק דעם נארישען, געמיינעם פאלא־ני'ען, בעת ער נעהמט זיך ערקלערען דעם קעניג די סבות, וועלכע האבען ארייננעווארפען האמלעט'ן אין אזא שווערער מעלאנכאליע. ווי אומגליקליך איז באמת דער דענישער פרינץ! נישט גענוג דאס, וואס אויף איהם ליגט אזא שווערע, טראגישע אויפגאבע, ווי בערוהיגען דעם שאטען פון זיין פאטער, וועלכער פאדערט נקמה; ניט גענוג דאס, וואס אלע זיינע אידעאלען און גלויבונגען ווערען פערשוועכט, — דארף ער נאך ליידען פון דער שענדליכער געמיינהייט, וועלכער שעקספיר האט אזוי געניאל פערקערפערט אין פאלאני'ען.

געהט האמלעט ארום איינזאם, אליין מיט זיינע פייניגענדע געדאנקען. דאס פערזענליכע אומגליק מאכט איהם פאר א פילאזאף-פעסימיסט, וועלכער קלערט וועגען דאס פראבלעם פון „זיין און נישט זיין", — דאס פראבלעם, און וועלכען ניט איינער האט זיך שוין דעם קאפ צעבראכען און וועלכע ציהט דאך אזוי שטענדיג צו זיך; און דער נארישער פאלאני דרעהט זיך ארום זיין געקריינקטען פאטראן און רוימט איהם איין דעם וויכטיגען סוד. א! ער ווייס: האמלעט'ס טרויער ערקלערט זיך דערמיט, וואס ער איז פערליעבט.

אט איז זי די וואולגערע, בעל-הבת'ישע פילאזאפיע!

און וואס בלייבט איהם, האמלעט'ן, אנדערש צו טאן, אויב נישט פערשטעלען זיך פאר א משוגע'נעם. איהם איז לאנגווייליג צווי־

שען די, וועלכע רינגלען איהם ארום, און ער מאלט זיך נארעש; אבער —

ווי טיעף זענען די וואונדען, ווי גרויס איז זיין צער.

„דענעמארק איז א געפענגניש" — זאגט האמלעט. די גאנצע וועלט איז א געפענגניש, נאר דענעמארק איז די ערגסטע. דא איז אייגענטליך קיין נייעס נישטא; א אלטער פעסימיסטישער געדאנק, אנ'אלטע טעאריע. פון צייט צו צייט קערט זיך די מענשהייט אום צו איהרע שווערע דעיונות און ווארפט אין דער וועלט ארייך דעם „הכל הבל"; אבער פארוואס קלינגט די שטים שטענדיג אזוי ניי? פארוואס הערען מיר זיך אזוי פלייסיג צו צו דער ברומעריי, וואס טראגט זיך איבער דער וועלט? און ווען האמלעט'ס טרויער ווערט נאך עטליכע הונדערט יאהר ווידער איבערגעגעבען אין דער איצטיגער קונסט; ווען זיין שווארצער פלאשץ הענגט ווידער אויף די פלייצעס פון אזא פאעט ווי באדלער, זאגען מיר נישט: „מיר האבען שוין דאס געהערט", נאר ווערען אנטשוויגען און הערען מיט דער אנגע־שטרענגטסטער אויפמערקזאמקייט, ווי עס קלאגט און וויינט זיין קראנ־קע נשמה.

דעם איצטיגען מענשען ווערט נישט נמאס צו הערען די יאוש־לידער פון פאעט, און נישט נאר דעם מידען וואנדערער, וועלכער האט נאך א לאנגען וועג זוכען און שטרעבען אוועקגעווארפען דעם שטעקען און איז ליגען געבליבען, און נישט נאר דיר, איינזאמען, אונגליקליכען, אהן איין ליכטיגען, זונענדיגען טאג, נאר אפילו דו, גליקליכער „חתן פון לעבען", וועסט זיך אבשטעלען און זיך טיעף פערטראכטען, פערשטעהט זיך — נישט אויף לאנג, דערוויל נאך נישט אויף לאנג...

קיינמאל אפשר איז נאך די קונסט נישט געווען אזא אמת'ע אויסדריקערין פון דער עפאכע, ווי איצט. דער פאעט איז דער שליח ציבור, ער הערט זיך צו צו דעם אלגעמיינעם קרעכצען, ער זעהט דעם אומעט אויף די געזיכטער, אויף די פעלדער, ער קלייבט צו־זאמען אלע טרערען, וואס ווערען פערגאסען אין דער שטיל, און ווען איהם גיט זיך איין אין געשריבענע שורות איבערצוגעבען דעם אלגעמיינעם צער, — ווערט אונז אויך לייכטער.

וועלכע קונסט האט מעהר רעכט צו עקסיסטירען: די וועלכע איז פול מיט לעבענס־פרייד, וועלכע לאכט און שפיעלט, אדער יענע, וועלכע בעזינגט דעם צער פון וועלקען און אונטערגעהן? אזא

פראַגע האָט אין פלוג קיין זין ניט, און ס'איז גרייט די תשובה: יעדער עפּאָכע האָט זיך איהר קונסט. מיט די גרייטע תשובות דאַרף מען אָבער זעהר פאָרזיכטיג זיין; אין דער ווירקליכקייט רעדט אַ סך דערפאַר, אַז דער אַפאָריזם „די שענהייט פון טרויער איז רייכער, ווי די שענהייט פון לעבען", — אַז דער אַפאָריזם האָט אין זיך אַ טיעפען אמת.

פאַרוואָס ציהט אונז צו זיך אַלץ, וואָס איז טרויעריג און אומעטיג? פאַרוואָס פערגעסען מיר גיך אַ הילכיגען געלעכטער, אַ צופריעדען געזיכט, אַ פרייליכען מאַרש און הערען ניט אויף דערמאָנען זיך און בענקען נאָך די טיעפע, אומעטיגע אויגען, נאָך די ציטריגע, ניט זיכערע שטימען? דערמאָנט זיך, ווי יעדע שענע לאַנדשאַפט, ווי אַלץ וואָס איז וואונדערבאַר און געטליך אין דער נאַטור לאָזט נאָך זיך אין אייער נשמה אַ שטילען לאַנג-דויערענדען וועהטאָג; אייך ווילט זיך עמיצען אַרומנעהמען און צעוויינען זיך. ווייזט דאָס דען ניט, אַז צווישען שענהייט און טרויער איז פערהאַן אַ צוזאַמענהאַנג? נעבען וועלכע בילדער אין דער קונסט-גאַלעריע וועט איהר זיך אָבשטעלען לענגער? אָהן צווייפעל וועט אייך שווער זיין אָברייסען זיך פון בעקלינ'ס „די אינזעל פון די טויטע" אין דער צייט, ווען רובענס'ס ווערק וועלען אייך אפשר לאָזען גלייכגילטיג: „צו פיעל פלייש און מוסקולען" — וועט איהר זאָגען.

דער אָפּטימיזם איז דערמיט ניט איינשטימיג, און דאָרט וואו אַנדערע זעהען אַ אייביגען געזעץ, זעהט דער אָפּטימיזם נאָר אַ רעזולטאַט פון קראַנקע נערווען, קראַנקעס בלוט, פערדאָרבענע פלאַנצונגען אויף דעם באָדען פון נעוראַסטעניע און נאָך אַזעלכעס. אונז חעט נאָך אויסקומען שפּעטער גענויער צו בעטראַכטען די דאָזיגע מיינונג פון אָפיציעלען אָפּטימיזם, אויף וויפיעל זי שפּיגעלט זיך אָב אין דער איצטיגער קונסט; אין דער מיינונג איז פערהאַן מעהר שרעק איידער אמת. די וואַקסענדע אונצופריעדענהייט האָט אַרויסגערופען שרעק און מ'האָט אָנגעהויבען מורא האָבען, עס זאָל אין גיכען ניט פערווירקליכט ווערן דער חלום פון דעם גרויסען פּעסימיסט וועגען אַלוועלטליכען זעלבסטמאָרד, אויב מ'וועט ניט זעהען בעצייטענס אַנווענדען די נייטיגע מיטלען ד. ה. איינרייזען דעם מענשען ווי געהריג איז און צוזאָגען איהם עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל איהם אָבהאַלטען פון דעם לעצטען געפעהרליכען שריט.

דאס ווייזט נאר, אויף וויפיעל דער אפטימיזם איז זעלבסט נישט זיכער. נאר די שרעק איז דאך איבריג; „די רעגירונגס־פארטיי" מעג בלייבען רוהיג, די מענשהייט וועט זיך נאך נישט ענדיגען אזוי גיך, די קאמעדיע וועט נאך לאנג, לאנג דויערן...

יעדענפאלס קען מען נישט נישט מודה זיין, אז רענאן איז גערעכט, ווען ער זאגט:

„מיר שטעלען זיך אפט פאר, אז אפילו ערב דעם יום הדין, ווען די סמנים אויפ'ן הימעל וועלען זיין אזוי פיעל קענטיג, אז יעדער צווייפעל וועט ווערען אונמעגליך וועלען זיך דאך געפינען מענשען, וועלכע וועלען שטרעבען צו דעם כבוד פון זיין א מער פון דארף אדער א מוניציפאל־ראט". און דאס איז אמת, נישט קוקענדיג אויף דעם, וואס עס עקסיסטירט א מאטעמאטישע פארמולע, לויט וועלכער די סומע פון ליידען איז גרעסער, ווי די סומע פון גליק.

II

יא! איך בין זעהר, זעהר נערוועאיש,
שרעקליך נערוועאיש; נאר פארוואס ווילט איהר
נישט אנדערש מיינען, אז איך בין משוגע.
די קראנקהיים האט פערשארפט מיינע געפיהלען,
אבער נישט אבגעשוואכט, נישט פערטעמפט זיי.

עדגאר פאע.

די רייהע געדאנקען און געפיהלען, וועלכע ווערען פעראייניגט אין דעם איין בעגריף „פעסימיזם", דריקען זיך אויס אין צוויי פארמען: אין דער פארם פון א שטרענגער, פילאזאפישער לעהרע, וואס אפערירט מיט פילאזאפישע, מאטעמאטישע טערמינען, און אין דער פארם פון פאעטישע ווערק. דער מארך פון דעם געלערטען און די נשמה פון קינסטלער קומען צו איין און דעמזעלבען רעזולטאט, דער ערשטער רעכענט, דער צווייטער לעבט איבער און פיהלט; ביי איינעם איז א גרויסער, שארפער מוח, ביי דעם אנדערן א קראנקע נשמה, וועלכע נעמט אויף אלץ אויף א בעזונדער אופ'ן. עס פערשטעהט זיך, אז נים אלעמאל

קען מען אָבטײלען דעם פִילאָזאָף פון פּאָעט. גיכער איז אַ אמת׳ער, טִיעפער פִילאָזאָף אויך אַ פּאָעט, פונקט ווי אַ אמת׳ער, טִיעפער פּאָעט — אַ פִילאָזאָף. נאָר דאָך וועט איהר שטענדיג בעמערקען אַ גרויסען אונטערשִיעד צווישען זײ; פריהער פון אַלץ וועט איהר בעמערקען, אַז די שרעק פאַר די געדאַנקען, צו וועלכע ער איז געקומען, איז בײַ דעם פִילאָזאָף אַ קלענערע, אײדער בײַ דעם פּאָעט. אפשר שרעקט זיך דער פִילאָזאָף גאָרנישט; ער האָט געטראַכט און געטראַכט, גערעכינט און גערעכינט און עס האָט זיך אויסגעלאָזען, אַז עס „לויהנט ניט“. אמת, עס בלײַבט דאָך אַלץ אַ וואונדער, ווי קען מען עס בלײַבען רוהיג, ווי באַלד „עס לויהנט נישט“? ווי האָט שאָפּענהויער געקענט פיהרען אַ לעבען פון אַנ׳עלטען ראַנטיע און שפִּילען יעדער אין דער פריה אויף זײַן פלייט? ווי פאַרענטפערט מען דעם ווידערשפרוך צווישען פרײדיגען פאָלקאָמע נירוואַנע און דאגות, ווי בעסער צו פאַרזיכערען דאָס פערמעגען? אונז בלײַבט נאָר צו פערענטפערן דאָס דערמיט, וואָס דער פּעסעמיזם בײַ דעם פִילאָזאָף האָט אויסגעקליבען ניט דעם וועג פון האַרץ, פון דער נשמה, נאָר איז בעשאַפען געוואָרען אַלס פּראָדוקט פון זײַן געניאַלען קאָפּ; פשוט: די קויל איז נישט דורכגעגאַנגען דורך דעם געפעהרליכסטען אָרט און די וואונד איז דעריבער נישט שטערבליך. בײַ דעם קינסטלער, דאַגעגען, ווערט פריער פאַר אַלץ אָנגעגריפען דאָס האַרץ; ער חאַפּט זיך אויף מיט אַ שרעקליכען וועהטאָג, וואַרפט אין דער וועלט עטליכע געשרײען און פאַלט טויט אין מיטען וועג. פאַלענדיג, ראַנגלענדיג זיך שילט ער און פלוכט דער וועלט, פערפאָלגט אַלע אונזערע שפִילערײען און פערגעניגענס מיט סאַרקאַזם, מיט בײַסענדער סאַטירע. די צערשטערונג פאַנגט ער אָן פון זיך זעלבסט: ער פאַרברענט זײַנע פּאַלאַצען, רואינירט זײַן געזונד — ער וויל זיך פאַרגעסען אַ ווײַלע. דאַן ווענדט ער זיך צו דעם גן עדן, וועלכען — ווי באַדלער האָט זיך אויסגעדריקט — ס׳איז לײַכט צו בעקומען אין אַפּטײק, און אין דעם פאַרבאָרגענעם חדר אין אײנער פון די פאַריזער גאַסען רײכערט ער אָפּיום — אַזוינע ווערען גיך פאַרברענט אויף דעם פײַער פון פּעסימיזם. פערהאַן אָבער אויך אַזוינע, וועלכע ברענען לאַנג, לאַנג; די געהען אוים, ווי אַ ליכט, די שרײַען ניט, נאָר בעקלאָגען זיך שטיל. דאָס זענען די בעליבסטע ליריקער, מיט וועלכע אונז איז אַזוי שווער צושײדען זיך, דאָס איז שאָפּענ׳ס מוזיק, דאָס איז די פּאָעזיע פון ראָדענבאַך, דאָס זענען די טִיעף קלוגע, אומעטיגע, שטילע ווערטער פון מעטערלינק׳ס אַלטען אין זײַן דראַמע „שטומע סודות“.

„איז עס אזוי, קינדער מיינע? זאגט מיר, פארוואס זענט איהר אזוי בלייך? צי איז פערהאן נאך עפעס אזוינס, וואס מען קאן ניט ארויסזאגען און דאס מאכט אונז וויינענדיג? איך האב ניט געוואוסט, אז אין לעבען זענען פערהאן אזוינע טרויעריגע זאכען, וואס ווארפען א מורא אויף די, וואס קוקען דערויף... קיין זאך וועט מיר איצט ניט איבערראשען אזוי, ווי זייער רוהיגקייט... זיי גלויבען צו פיעל אין דער וועלט, בעת זיי זענען אבגעטיילט פון זייער שונא נור מיט שפל'דיגע פענסטער... זיי בילדען זיך איין, אז עס וועט זיי גארניט טרעפען, וויל זיי האבען פארשפארט די טהירען, און קלערען גארניט וועגען דעם, אז אלע מזל טרעפט זיך עפעס-וואס טיעף אין דער נשמה פון די מענשען און אז די וועלט ענדיגט זיך נישט ביין טהיר פון שטוב... זיי האבען א ז ו י אמונה אין זייער קליין לעבען, און שטעלען זיך ניט פאר, אז אנדערע ווייסען וועגען איהם מעהר ווי זיי, און אז איך, א זקן, א חלוש, איך האלט דא, צוויי טריט פון טהיר, דאס גאנצע קליינע גליק זייערס, האלט עס ווי א קליין קראנק פייגעלע, אין דער אלטער האנד מיינער, ווערלכער איך האב מורא אויפצועפענען"....

יא דער דיכטער-פעסימיסט האלט אין זיינע הענד אונזער קליינעם נארישען גליק און וואס לירישער ער איז, אלץ מעהר ריהרט ער אונז און וויקעלט ארום אונזער נשמה מיט שווארצען טיול; מיר קענען ניט לאכען, מיר געהען לאנגזאמער און הערען זיך צו עפעס צו, און ווארטען ווי עס וועלען איינציגווייז, איינציגווייז אבפאלען די בלעטלעך פון אונזערע בלומען.

מיר זענען אבער אויף זיי נישט בייז, פארוואס זיי צושטערען אונזערע חלומות, פאר וואס זיי בעזינגען שטענדיג דעם אונטערגאנג. אין די בעסטע מינוטען, ווען מיר פלעגען בלייבען מיט זיך אליין האבען מיר דאך דאס געפיהלט, מיר האבען דאך געוואוסט, אז אלץ, צו וואס מיר וועלען זיך צובינדען, ליעב קריגען וועט פון אונז סוף כל סוף אוועקגעהן, און ווען מיר קושען אונזערע געליעבטע, פליהט דען ניט דורך אויף איין רגע א געדאנק, אז אויף אונז ווארט שוין די איינזאמקייט; מיר האבען דאך געוואוסט, אז דער טרויעריגער גורל פון א יתום וועט אונז ניט מיידען.

נור מיר זענען שטומע, מיר קענען דאס ניט ארויסזאגען, מיר ווייסען די נאטען, נאר מיר קענען ניט זינגען, און שטיל פרעהען מיר זיך דעריבער, ווען דער פאעט נעמט עטליכע בענקענדע אקארדען.

ווי נאָהענט איז ער אונז! ווי טייער! אין די זעלטענע ווערטער זענען בעהאַלטען אויך אונזערע ניט אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען, אין דעם יאָ-מער זענען פערהאַן אויך אונזערע טרערען.

די שפּראַך פון פּאָעט איז אונז נעהנטער, ווי די שפּראַך פון פי-לאָזאָף, דעריבער ווירקט אויף אונז מעהר דער פּעסימיזם, וועלכער דריקט זיך אויס אין קונסט, און די וועלכע זאָרגען דערפאַר, אַז מיר זאָלען בלייבען רוהיג און ניט פאַרלירען דעם אַפּעטיט צום לעבען, קוקען אויף דער צושטערענדער טעטיגקייט פון פּאָעט מיט מעהר חשד, איידער אויף די מאַטעמאַטישע פאָרמולעס פון אָפיציעלען פּעסימיזם.

אָבער ווי בעזייטיגט מען די שעדליכע ווירקונג?

דער טאַלאַנטלאָזער שוואַכער אָפּטימיזם קעהרט זיך דאַן אום צום אַלטען, אַלטען מיטעל; ער הויבט אָן... זאָגען רכילות. ער אָרגאַניזירט אַ גאַנצען שפּיאָנאַזש, וועלכער דאַרף בעווייזען די מאָראַלישע פערדאָרבענקייט פון די אונצופריעדענע, פון אַט די אַלע דעקאַדענטען און מאָדערניסטען.

„לעאָפּאַרדי האָט ניט געגלויבט אין גאָט, ווייל ביי איהם איז געוועזען אַ הויקער" — אַזוי האָט, דוכט זיך, בייז בעמערקט איינער אַ קריטיקער וועגען דעם איטאַליענישען פּאָעט-פּעסימיסט און אַזוי איינגע-טליך ווערט בעטראַכט די גאַנצע איצטיגע אַזוי גערופענע „קראַנקע קונסט" פון דעם שטאַנדפּונקט פון פּערזענליכען „הויקער". ווען מיר וועלען אָוועקוואַרפען די וואולגערען פּאַטאָלאָגישע קריטיק פון מאַקס נאָרדוי וועגען דער איצטיגער קונסט וועט נאָך בלייבען אַ גאַנצע רייהע קריטי-קער-אויספאָרשער, וועלכע וועלען אָנהויבען און ענדיגען מיט דעם, אַז אויף דעם באָדען פון פּערזענליכען אומגליק וואַקסען די גיפטיגע בלומען פון פּעסימיזם און יאוש. פאַר אַ גרויסען פילאָזאָף וועט זיך שוין רעכנען דער, וועלכער וועט זיך געבען די מיה צו זעהן אין דער איצטיגער אָבהענדיגקייט און אונצופריעדענקייט אַ טרויעריגען רעזול-טאַט פון דער לאַנגער הערשונג פון ראַציאָנאַליזם און מאַטעריאַליזם; ער וועט דערמאָנען די ענציקלאָפּעדיסטען, ער וועט דערמאָנען ראָבעס-פּיער'ן, פאַר וועמען דער טויט פון לודוויג איז געוועזען ווייניג און ער, דער ברוטאַלער קאָפּראַל פון דער רעוואָלוציע, האָט נאָך געוואָלט טויטען גאָט אויך...

פערהאַן אויך אַזוינע. נאָר דאָס אַנגענעמסטע פאַר דעם רוב פון זיי, איז זוכען און דערגעהן, אויף וואָס ער איז קראַנק געוועזען — דער

אדער יונגער קינסטלער, וועלכער האט מיט אזוינע שווארצע פארבען די וועלט געשילדערט, גאט געפלוכט און דעם מענשען בעקלאגט.

דאך ווען אפילו עס וועט געלינגען צו דערווייזען דעם שטענדיגען צוזאמענהאנג צווישען די פערזענליכע ליידען פון פאעט און דעם פעסימיזם, וואס וועהט פון זיינע שורות, ווערט דורך דעם נישט פארקלענערט און ערנידערט דער ווערט פון פעסימיזם אן און פאר זיך. קיינער איז ניט שולדיג אין דעם, וואס דאס גליק שמעקט שטענדיג מיט דעם גראבען נצחון פון א פלעבעיער; קיינער איז ניט שולדיג אין דעם, וואס קיין הויכער געדאנק ווערט ניט געבוירען נאך א גרויס געווינס. איוב אין די טעג פון זיין וואוילטאג, איוב ארומגערינגעלט מיט זיין פאמיליע, מיט זיין פארמעגען איז אפשר געווען נישט מעהר, ווי א לאנגווייליגער ערד-בעזיצער; נאר די ליידען, די טיעפע ליידען האבען איהם געמאכט פאר דעם אייביגען איוב'ן, וועמענס טענות עס הערען זיך אין אלע דורות, צווישען אלע פעלקער. דאס אומגליק איז אלע מאל רייך און פראדוקטיוו; נור פארלירענדיג הויבען מיר זיך אויף אויף דער העכסטער שטופע. פערהאן עפעס אזוינס אין גליק, וואס אז איהר דערצעהלט: איך האב היינט באגעגענט א גליקליכען מענשען, — ווילט זיך פרעגען: ער האט אייך ניט בעליידיגט?...

דער געדאנק, אז דער גרויסער צער האט זיין געבענשטע ווירקונג, איז אויסגעדריקט אין דער וועלט-ליטעראטור אין שעקספיר'ס „קעניג ליר" און „האמלעט". פריהער, ווען אלץ האט זיך פאר איהם געניייגט און געבויגט, איז ער געווען נור קעניג ליר; א גרויסער מענש ליר איז ער געווארען ערשט דאן, ווען אויף זיין אלטען קאפ האט זיך דורכגעטראגען דער שרעקליכער דונער. עס האט זיך געדארפט בעוויייזען דער שטן פון ערמארדעטען פאטער, כדי האמלעט זאל ווערען איינע פון די רייצענדסטע און ריהרענדסטע פיגורען, פון וועלכע מיר קענען זיך נישט אברייסען, און וועלכע פערקערפערן מיט זיך די בעסטע מינוטען פון אידעלען שמערץ. (גענוי וועגען דעם ביי ל. שעסטאוו: שעקספיר און זיין קריטיקער בראנדעס).

פאר קיינעם איז קיין ספק ניט, אז די קראנקהייט — שווינד-זוכט — פון דעם רוסישען שרייבער טשעכאוו האט געלייגט א בעזונדערע חתימה אויף אלע זיינע ווערק, און אין דעם איבערגאנג פון דעם פרעה-ליכען „צעהאנטע" צו דעם עלעגישען אויטאר פון „פעטער וואניא" און „קארשען-גארטען" האט געוויס געשפילט א גרויסע ראלע דער פערזענ-

ליבער אומגליק; טשעחאָוו איז געוואָרען אַ פּעסימיסט — זיין פּראָפעסאָר (ערצעהלונג: לאַנגווייליגע געשיכטע), וועלכער האָט אין פערלויף פון פילע יאָהרען געלערנט אַנדערע, געשריבען, מוז זיך סוף כל סוף מודה זיין, אַז ער ווייסט גאָרנישט, אַז ער קען ניט ענטפערן אפילו אויף איין פראַגע, ער ווייסט אַפילו ניט, וואָס פאַר אַ זין ס'איז געווען אין זיין לעבען. וואָס קען זיין שרעקליכער? נאָר זעהט, וואָס האָט געמאַכט פון טשעחאָוו'ן זיין אומגליק! יעדערער, וועלכער האָט איהם האָטש איין מאָל געזעהען אין לעבען, האַלט די ערינערונג, ווי עפּעס אַזוינס, וואָס איז זעלטען טייער. פאַרקעלטערטע נשמות, בעליידיגטע, פאַרצאָרענטע זענען זיך געגאַנגען וואַרמען ארום זיין וואונדערבאַרען שמייכעל און אַלעם שלעכטעם, חמורעם איז אַראָב פון זייערע הערצער, ווען זיי האָבען געזעהען, ווי שטיל און טיעף אין זיך בעהאַלטען ער טראָגט זיינע ליידען. דאָס איז ווירקליך געווען דער העכסטער פּעסימיזם, וועלכער ווייסט ניט פון קיין צאָרן, וועלכער פילט נאָר אָן די נשמה מיט אַ זעלטענעם רחמנות צו אַלץ און צו אַלע. טשעחאָוו האָט ניט געקענט זיין ברוגז און זיינע העלדען קענען אויך ניט האַלטען אין זיך לאַנג קיין צאָרן; ביי איהם איז פערהאַן איינער, וועלכער האָט זיך דערוואוסט, אַז זיין פרוי איז איהם אונטריי, און האָט בעשלאָסען אַרויסצורופען דעם פיינד אויף אַ דועל; ער געהט אין קראָם קויפען אַ רעוואָלווער און קעהרט זיך אום פון דאָרט... מיט שטריקלעך פאַר אַ נעץ צו כאַפּען פיש. און דאָס איז אַזוי נאַטירליך, אָט די ליעבע, דיהרענדע פערצייהונג! פשוט: ער איז געשטאַנען אַ ביסעל, געטראַכט און במילא איז איהם קלאָר געוואָרען, אַז אַיידער טויטען איז גלייכער געהן צום טייך כאַפּען פיש; דאָרט קען מען זיצען לאַנג, לאַנג, פערזונקען אין טיעפע מחשבות און סוף כל סוף — מוחל זיין.

די פערזענליכע ליידען האָבען איהם אויפגעהויבען אויף אַ זעלטענער הויכקייט און בערייכערט זיין נשמה; ער האָט זיך דורך זיי דערוואוסט דעם וויכטיגסטען סוד, און האָט שטיל, מעלאַנכאָליש געפּרובט טרייסטען, בערוהיגען דעם פעטער וואַניאַ, וועלכער האָט „געקענט זיין דאָסטאָיעווסקי, שאָפּענהויער", און וועמענס לעבען ס'איז אַזוי נאַריש אומזיסט פאַרבייגעגאַנגען, — „מיר וועלען אָברוהען, מיר וועלען אָבדוהען"...

די ערהויבענסטע געדאַנקען, די העכסטע געפיהלען קומען צו

אונז דורך דעם וועג פון לײַדען, און ווי שען איז דער אמת אַרויסגעזאָגט אין איין אָרט פון זשאָרז־זאַנד׳ס טאָגעבוך:

נור סענט־בעוו איז דער, וועלכער האָט מיר ניט וועה געטהאָן און קיינע גראָבהײַטען געזאָגט; איך האָב איהם געפרעגט: וואָס איז די ליעבע? און ער האָט געענטפערט: דאָס זענען די טרערין. אויב איהר ווייַנט, ליעבט איהר.

דערמאָנט זיך אָקאָרשט אַליין, ווען איהר זײַט אין איין זומערטאָג אין פעלד אַוועק, ווײַט אין פעלד שפּאַציערן; די זון איז נאָך הויך געווען און געהערט האָט זיך די קלאַפּעריי פון די קאָסעס; איהר זײַט געגאַנגען לוסטיג, מורמלענדיג אַ ליעד; קליינע, ליעבע נאַרישקייטען זענען אייך געלעגען אין קאָפּ, נאָר געהענדיג אַזוי לאַנג, האָט איהר זיך פּלוצלינג אָבגעשטעלט. אייך האָט ערשטוינט די מאָדנע שטילקייט; עס הויבט אָן פאַרגעהן די זון, די גאַנצע נאַטור ווערט דורכגעפּיהלט מיט דעם בעזונדערן אומעט פון צושיידונג. אַח, ווי שען! טראַכט איהר זיך. איהר בעמערקט ניט ווי שווייגענדיג, שוייגענדיג עס גנב׳ט זיך צו אייך דער אומעט, דער ווייכער שמערץ, וועלכער האָט ניט קיין נאָמען; איהר האָט פערגעסען אַלע אַנעקדאָטען, וועלכע איהר האָט היינט געהערט, איהר זײַט אויסגעוואַקסען מיט אַמאָל, אונערוואַרטעט ערנסט געוואָרען — איהר האָט זיך דערפּיהלט אײנזאַם. און דערפּיהלענדיג זיך אײנזאַם האָט איהר זיך דערמאָנט, אַז היינט אין דער פריה, ווען אײַנער אײַער אַ בעקאַנטער איז געקומען צו אייך און געוואָלט אויסדערצעהלען זײַן ביטער האַרץ, האָט איהר איהם ציניש־גראָב געענטפערט, אַז איהר האָט ניט קיין לוסט אויסצוהערען פרעמדע טראַגעדיעס. אייך פאַרדריסט דאָס, אַ געלעכטער — נאָר איהר זײַט אונרוהיג און זאָגט זיך איין מאָל פאַר אַלע מאָל, מעהר אַזוינס ניט צו טאָן; אייך ווילט זיך שוין גיכער דערגרייכען די שטאָדט, כדי צו געהן צו אײַער בעקאַנטען, פעסט דריקען איהם די האַנד און זאָגען: „ענטשולדיגט מיר, איך בעט אייך, איך האָב גאָרניט געמיינט, איך ווייס אַליין ניט, ווי דאָס האָט אַלץ פּאַסירט“.

וואָס איז פאָרגעקומען מיט אייך?

די נאַטור, אין אַ מאָמענט פון איהר שטאַרבען פון איהר אונטערגעהן, האָט אייך דורכגענומען מיט אַ אומעטיגער, פעסימיסטישער שטימונג; די וועלט האָט אייך שוין ניט אויסגעזעהען, ווי אַ גן־עדן וועלכען מ׳געהט דורך זינגענדיג און שפּילענדיג. די דאָזיגע פעסימיסטישע

געדאַנקען האָבען אָבער נישט ערנידערט איַיער נשמה, נאָר, פּערקערט, זי געוואַרען רייַכער געמאַכט. איהר האָט דערפיהלט, אַז איהר זייט גרעסער געוואָרען, אַז איהר זענט אינערליך אויסגעוואַקסען. אין יענער גוטער מינוט איז איַיער געזיכט געווען הערליך; קיין איין שמוציגער רעיון איז איַיך ניט ארויף אויפ'ן זינען, און דער נערוועזער צושטאַנד, אין וועלכען עס האָט איַיך געבראַכט דאָס בילד פון זונאונטערגאַנג, האָט איַיך ניט אָבגעשטויסען, נאָר צונויפגעבונדען מיט די איבריגע מענשען, וועלכע קענען נישט זיַין שלעכט, וואָרום זיי זענען דאָך אַזוי אומגליקליך, און עס איז פאַרשטענדליך, אַז איַיער ערשטער געדאַנק איז געווען — בעטען מחילה ביַי דעם, וועלכען איהר האָט ניט לאַנג בעליידיגט...

די מיינונג קען אָנגענומען ווערען כמעט אָהן אַ צווייפעל, אַז דורך ליידען, דורך אומגליק און צער בעגרייַפען מיר דעם וועזען פון דער וועלט בעסער, ריכטיגער, איידער דורך גליק, און דעריבער שטעהט דער קראַנקער קינסטלער מיט זיַין פּעסימיזם נעהנטער צום אמת, ווי דער פאַלשער אָפּטימיזם, וועלכער פאַרטיידיגט ניט דעם אמת, נאָר אַ געוויסען פּראָגראַם. דאָ איז אימיצער פּעראינטערעסירט, אַז די אָרדנונג זאָל ניט צושטערט ווערען און דער מענש זאָל טאָן זיַין פּריערדיגע אַרבייט, — מען האָט מורא, טאָמער חלילה שטעלט זיך אָב דאָס שטענדיגע, אונמענשליכע לויפען פון דער מענשהייט. וואָרום דאָס מוז מען דעם געזעלשאַפטליכען שומר מודה זיַין, אַז דער פּעסימיזם שטערט גאַנץ אָפּט דעם האַסטיגען טעמפּ פון דער אַרבייט.

אין פאַבריק-הויף איז אַריין אַ בלינדער מוזיקאַנט. ער האָט אָנגעהויבען שפּילען אַ אומעטיגע טרויעריגע מעלאָדיע, און אַ סך אַרבייטער האָבען אַוועקגעוואָרפען זייערע ערטער און צוגעטוליעט זיך צום פענסטער, און טיעפע זיפצען האָבען זיך אַרויסגעריסען פון זייערע הערצער...

דאָס האָט אָבער ניט לאַנג געדויערט; דער אויפזעהער האָט געגעבען אַ בעפעהל, אַז דער מוזיקאַנט זאָל וואָס גיכער אַוועק פון הויף, אַנדערש האָט ער איהם ניט געקענט בעקעמפען; ער האָט ניט געקענט ווירקען אַזוי, אַז אי דער מוזיקאַנט זאָל שפּיעלען, אי די אַרבייט זאָל ווייטער געהן, — האָט ער איהם אַרויסגעטריבען פון הויף.

אַנ'אַנדער פראַגע: אויף וויפיעל דער אויפזעהער איז געווען גערעכט...

III

רוהיגער יאוש, אהן צארן און טענות צום
הימעל — דאס איז די אמת'ע חכמה.

אלפרעד דע וויניאי.

„איך גרייט זיך צו זעלבסט־מארד, נאר פריער וויל איך דערצעהלען מיין לעבען".

אין דריי גרויסע בילדער דערצעהלט אויגוסט סטרינדבערג מיט א זעלטענער אפענהערציגקייט זיין לעבען — נאר דער מענש, וועלכער האט ביי זיך בעשלאסען צו מאכען דעם לעצטען שפרונג אין אבגרונד, קען אזוי דערצעהלען. די בילדער זענען אנגעמערקט מיט דער חתימה פון א שטארקען, שטורעמדיגען טאלאנט, נאר דאס זענען ניט קיין גרויסע בילדער; אין זיי איז צופיעל נקמה פערהאן, אום פאר אזוינע פאררעכענט צו ווערען. דער שוועדישער שרייבער וויל ניט אנדערש, ווי אברעכענען זיך מיט'ן לעבען, מיט די מענשען, — איבערהויפט מיט דער פרוי — וועלכע האבען איהם פערזענליך וועה געטאן און דאס שטערט איהם צו זיין א אמת'ער פילאזאף, דאס לאזט איהם ניט אויפהויבען זיין פעסעמיזם ביז צו דער העכסטער שטופע פון וועלט־טרויער.

סטרינדבערג איז בעשעפטיגט מיט קלייניגקייטען, זיי הענגען, ווי שווערע קייטען, און לאזען איהם ניט זיך אויפהויבען. פון יעדער שורה זעהט מען, ווי דער מענש איז פערזענליך בעליידיגט, ווי ער טראגט זיך ארום מיט איין גדאנק: וואס גילער, וואס שטרענגער בעשטראפען יענע, וועלכע האבען צושטערט זיינע אידעאלען. ער וויל ניט אראבנעמען די פעראנטווארטליכקייט פון ארימען מענשען און ארויפווארפען זי אויף אנדערע, אויף שטארקערע...

אט דער נישט טיעפער פעסימיזם האט געוויס אויך בערייכערט סטרינדבערג'ס נשמה און פערשארפט זיין פעדער; זיין פעסימיזם האט איהם אבער פערשטופט אין די ארעמס פון דער שטארקסטער מיזאנטראפיע. ער זיצט אין זיין ווינקעל א ברוגז'ער, א מרה שחורה'דיגער, פול מיט האס און צארן, און אויב מיר לייענען דאך זיינע בילדער מיט א בעזונדער פערגניגען, איז עס נאר דערפאר, ווייל מיר פיהלען, אויף וויפיעל אט דער מיזאנטראפ ליידט אין זיין איינזאמקייט, ווי גרויס עס זענען די שמערצען, ווי טייער ער צאהלט פאר דער

פוסטקײַט, וואָס פילט אָן זײַן נשמה. מיר האָבעֶן ליעב סטרינדבעֶרג׳ן דעֶרפאַר, ווײַל מיר פיהלעֶן, אַז איהם וואָלט זיך בעֶסעֶר וועֶלעֶן בעֶנשעֶן אײדעֶר שילטעֶן, אַז אין דעֶר שטילקײַט רופט עֶר אפשר צו זיך די ליעבעֶ און דאָס רחמנות, וואָס וואָלטעֶן איהם געֶבראַכט די אמת׳עֶ מנוחה און שלום געֶמאַכט צווישעֶן איהם מיט זיך אַלײן.

ווי ווײַט סטרינדבעֶרג זאָל נישט זײַן פון דעֶם אידעֶאַלעֶן טיעפעֶן פעֶסימיזם, איז עֶר אָבעֶר דאָך פיעל העֶכעֶר פון יעֶנעֶם אויבעֶרפלעֶכליכעֶן יאוש, וועֶלכעֶר ברעֶנגט צו אַ ציניש בעֶציהונג צום לעֶבעֶן. דעֶר דאָזיגעֶר ציניזם ווערט גאָר נישט קלעֶנעֶר דעֶרמיט, וואָס עֶס ליעגט אויף איהם דעֶר שטעֶמפּעֶל פון עֶסטעֶטישעֶן עֶפיקורעֶאיזם.

דעֶר ביטעֶרעֶר אמת וועֶגעֶן דעֶר ווערטלאָזיגקײַט פון אַלעֶ אונזעֶרעֶ שטרעֶבונגעֶן, וועֶגעֶן דעֶר נישטיגקײַט פון אַלעֶ אונזעֶרעֶ זוכעֶנישעֶן, — צווינגט אײנעֶם אַוועֶקצוגעֶהן אין דעֶר מדבר, זיך אָבצוזאָגעֶן פון אַלעֶ פעֶרגניגעֶנס, וועֶלכעֶ זעֶנעֶן אַזוי וואָלוועֶל, און צו צוטײלעֶן זײַן פעֶרמעֶגעֶן, און דעֶם צווײטעֶן פיהרט דעֶר זעֶלביגעֶר אמת, פעֶרקעֶהרט גאָר, אין די אויסגעֶמאָלטעֶ, אויסגעֶצירטעֶ פּאַלאַצעֶן, וואו עֶס זעֶנעֶן אָנגעֶגרײַט טישעֶן מיט אַלעֶרלײ מאכלים טובים און פעֶרגניגעֶנס. דאָרט זיצעֶן די קלוגעֶ ציניקעֶר און טראַכטעֶן נאָר וועֶגעֶן אײנס: ווי בעֶסעֶר די צײַט צו פעֶרברעֶנגעֶן ביז עֶס וועֶט זיך דעֶרנעֶהנטעֶרן די לעֶצטעֶ שעה.

דעֶר פלאָרעֶנטינעֶר העֶרשעֶר און מעֶצעֶנאַט, לאָרעֶנצאָ מעֶדיצי, פלעֶגט אַלײן פעֶרפאַסעֶן ליעדעֶר אויף די מאַסקאַראַדעֶן, וועֶלכעֶ פלעֶגעֶן פאָרקומעֶן אין זײַנעֶ פּאַלאַצעֶן און אין די ליעדלעֶך איז אויסגעֶשעֶפט געֶוואָרעֶן די גאַנצעֶ פרעֶהליכעֶ פילאָזאָפיעֶ פון עֶפיקורעֶאיזם:

„— ווי שעֶן די יוגעֶנד איז! *) — נאָר אָט לויפט זי שוין — וועֶר עֶס וויל זײַן גליקליך, דעֶר זאָל זיך אײַלעֶן. נישטאָ גאָרנישט זיכעֶרעֶס אויף מאָרגעֶן.

עֶס לעֶבעֶ באַקחוס, עֶס לעֶבעֶ אַמור! — זאָל יעֶדעֶרעֶר שפּיעלעֶן אויף כלי זמר, זינגעֶן און טאַנצעֶן; זאָל יעֶדעֶס האַרץ זיך מיט ליעבעֶ אָנצינדעֶן; אומעֶט און שמעֶרץ דאַרפעֶן זיך דאָ עֶנדיגעֶן. — ווער עֶס וויל גליקליך זײַן, — זאָל זיך אײַלעֶן — נישטאָ גאָרנישט זיכעֶרעֶס אויף מאָרגעֶן. אָט די נימפעֶן און נאָך דאָרט אַנדעֶרעֶ, דעֶר-

*) היפּאָליט טעֶן: „לעֶזונגעֶן איבעֶר קונסט".

ווײל זענען זײ פרעהליך, ווער עס וויל זײן גליקליך, דער זאל זיך אײלען — נישטאָ גאָרנישט זיכערעס אויף מאָרגען."

מיט וועניגער גראַציע אפשר, דערפאַר אָבער נישט מיט וועניגער אָפּענהערציגקײט ווערט אָט די לײכטע לעבענס-פילאָזאָפיע אָפט געפּרײדיגט אין דער איצטיגער ליטעראַטור. דער מענש, פערליערענדיג זײן גלויבען, ווערט אײנגעלאַדען, וואָס מעהר זיך איבערצוגעבען די פערגניגענס פון לעבען, זיך צוצובויגען נאָהנט צום וויין-בעכער און טרינקען, טרינקען — פערגעסענדיג אָן אַלץ!

„נישטאָ — שרײבט דער פראַנצויזישער שרײבער לאָט! — נישט קײן גאָט, נישט קײן מאָראַל, עס עקסיסטירט גאָרנישט פון דעם, וואָס מ'האָט אונז געהײסען שעצען; עס עקסיסטירט נאָר דאָס לעבען, פון וועלכען עס איז לאָגיש צו פאָדערן וואָס מעהר פערגניגענס, וואַרטענדיג אויף דער לעצטער שרעק, אויפ'ן טויט. איך וועל עפּענען פאַר דיר מײן האַרץ, ענטדעקען מײן גלויבען: בײ מיר איז געבליעבען, צו טאָן אַלץ וואָס מיר געפעלט, אויף צו להכעיס יעדע מאָראַל, יעדע סאָציאַלע תקנה. איך האָב קײנעם נישט ליעב, איך האָב נישט קײן גלויבען און קײן האָפנונג."

עס וואָלט ווירקליך שרעקליך געווען, ווען דער פעסימיזם זאָל האָבען נאָר דעם אײנציגען רעזולטאַט — ער זאָל רופען נאָר צו אַזאַ גראָבער, ווילדער באַציהונג צו דער וועלט און צום לעבען. וואָלט עס אַזוי זײן, וואָלט מען געקענט מורא האָבען, אַז אין דעם טאָג פון דער גרויסער וועלט-קאַטאַסטראָפע וועט דער מענש פערליערען דאָס, וואָס טײלט איהם אָב פון אַ חיה און וועט איבעראַשען מיט זײן ווילדקײט און שלעכטסקײט; אין דער לעצטער מינוט וועט ער זיך אינגאַנצען פערקויפען דעם טײוועל און די אײנציגע פרײע שעה, וואָס וועט איהם נעגעבען ווערען פאַר'ן טויט, וועט ער זעהען פערברענגען אין גראָבע תאוות.

צום גליק אָבער האָבען מיר די מעגליכקײט, זיך פאָרצושטעלען אַנ'אַנדער סוף. בײ דער מעהרהײט רופט אַרויס דער פעסימיזם די ערהויבענע, אײדעלע עלעגישע שטימונג, וועלכע איז ענהליך צו אַ שטילער, שטילער תפילה און איז דעריבער הײליג. דער וואָס איז באמת אינגאַנצען דורכגעדרונגען מיט דעם אומעטיגען געדאַנק וועגען דער נישטיגקײט פון אַלץ, וועט גיכער ווערען אַ נזיר אײדער אַ עפּיקורעער. אַזאַ פעסימיזם פיהרט צו דער קלוגער טיעפקײט, וועלכע ווײס נישט

פון קיין צאָרן און שטויסט אָב פון זיך די וואָלוועלע פערגניגענס. אין דעם גרונד פון יעדער רעליגיע ליעגט א געוויסער טייל פון פעסימיזם; כדי צו פערטרייבען פון זיך דעם יצר הרע מוז מען פריהער פאַר אלץ ערניעדערן און מבטל זיין די אלע קליינינקייטען, וואס רינגלען אונז אַרום און ציהען אונז צו זיך; די לעגענדאַרישע דעספאָטען און רוצחים, ווי נעראָן, צעזאַר באָרדזיא, הערצאָג אלבאַ, זענען איינפאַך געווען בעגרענעצטע, נאַרישע עקזעמפּליאַרען.

די בעגרענעצטקייט, די נאַרישקייט האָט זיי צוגעבונדען צו דער וועלט און זיי האבען געפונען א פערגניגען אין פייניגען און שלעכטס טאָן דעם מענשען, אין דער צייט, ווען אָפטער טראַכטען וועגען טויט, וועגען דעם אומעטיגען סוף, וואָס וואַרט אויף אונז אַלעמען, ווען דער אמת'ער טיעפער פעסימיזם האָט געקענט יעדערן פון זיי געבען די קלוגהייט און דאָס רחמנות און די הויכע געדאַנקען, וועלכע מיר זעהען ביי מאַרק אוירעליוס, צום ביישפּיעל.

און עס קען זעהר, זעהר זיין, אַז נישט דער קלאַסען־קאַמפף, נישט די פערגרעסערונג און פערשטאַרקונג פון מאַטעריעלער קולטור, נישט די גראָבע מאָגען־רעליגיע פון סאָציאַליזם וועט עפענען אלע־מענס הערצער און איינשליסען אלעמען אין איין ברידערליכער האַנד, נאָר די טיעפע פעסימיסטישע שטימונג נאָך א גרויסען וועלט־אומגליק, דער פעסימיזם, וואָס וועט דערגרייכען די מדרגה פון א רעליגיע.

באמת קענען מיר זיך דען פאָרשטעלען, אַז צוויי מענשען פערשפּאַרטע אין א איינגען קאַזעמאַט, וועלכע עס ערוואַרט דער גיכער סוף, אַז די צוויי מענשען וועלען אין די לעצטע טעג פון זייער לעבען זיך דערוויטערן איינער פון דעם צווייטען? האָבען מיר דען נישט דאָס רעכט צו מיינען, אַז ווען אפילו זיי זענען געווען פריהער שונאים, וועלען זיי אויך איצט אָנהויבען ברידערליך צו ריידען, שטאַרק צודריקען זיך איינער צום צווייטען, שטיל ריידען, דערמאָנען זיך; און אויב גאָר זיך קלאָגען, וועט דאָס קלאָגען טראָגען דעם חאַראַקטער פון א תפילה. טאַקי דערפאַר, ווייל צייט איז אַזוי ווייניג און די טעג זענען געצעהלט וועלען זיי זעהען אויסדריקען, דערווייזען אלעס גוטעס, וואָס איז געווען ביי זיי פריהער טיעף בעהאַלטען; האָבען מיר נישט דאָס רעכט צו מיינען, אַז איז דעם מאָמענט, ווען פאַר די געלעהרטע וועט קלאָר ווערן, אויף וויפיעל דער ערד־קוגעל איז נישט זיכער

און אויף וויפיעל ער קען לייכט צושמעטערט ווערן פון וועלכען ס'איז קאמטען-עק, — אז אין אזא מאמענט, צום ביישפיעל, וועלען אלעמענס ארעמס זיין אפען און קיינער וועט נישט האבען דעם חשק, קארג אדער שלעכט צו זיין, צו הערשען אדער צו דריקען?

מיר ווייסען, אז אין איניגע רעליגיעזע סעקטעס איז דער אידעאל פון ברידערליכקייט און גלייכהייט מעהר פערווירקליכט, איידער אין די עקספערימענטען, וועלכע עס פלעגען זיך אפט ערלויבען פערשידענע סאציאליסטישע פארטייען. דאס איז דערפאר, ווייל די ערשטע זענען דורכגעדרונגען מיט דער פעסימיסטישער רעליגיע, וועלכע דערמאנט וועגען דעם נאהנטען סוף פון אונזער וועלט...

אויף אזא אופן איז דער פעסימיזם שוין נישט די שווארצע מעלאנכאליע, וועלכע דריקט און פעראומערט. דאס איז ניכער די בעזונדערע עלעגישע שטימונג, וועלכע מיר געפינען אין דער קונסט פון ראדענבאך און מעטערלינק.

די איצטיגע קונסט איז די קונסט פון בענקשאפט און טרויער. דער קינפטיגער היסטאריקער וועט האבען גענוג מאטעריאל צו בעשטימען: אין דער אומגליקליכער עפאכע האט זיך די מענשהייט דערפיהלט איינזאם און נידערגעשלאגען. געוועז זענען סיבות דערצו, וועלכע האבען אנגעשטויסען אויף אזוינע שווארצע געדאנקען. וועט נאך לאנג הערשען דער גייסט פון פעסימיזם? דאס ווייס ער נישט; ער וועט נאר אלעמען הייסען גוט, גוט זיך פערטיעפען אין די בלעטער פון דער איצטיגער ליטעראטור און קונסט, וואו מיר געפינען אזוי פיעל אמת און שענהייט.

און ווי אויף די שענסטע וועט ער געוויס אנווייזען אויף די ווערק, אין וועלכע דער פעסימיזם דריקט זיך אויס נישט אין היסטערישע געשרייען. דער טיעפסטער קינסטלער איז געוויס יענער, וועלכער איז דורכגעדרונגען מיט דעם געדאנק: „רוהיגער יאוש, אהן צארן און טענות צום הימעל — אט איז די אמת'ע חכמה".

העֶנריק איבסעֶן *).

I.

ניט לאַנג איז געשטאָרבעֶן העֶנריק איבסעֶן. עֶר געֶהעֶרט צו די געֶצעֶהלטעֶ מעֶנשעֶן, אויף וועֶלכעֶ עֶס פאַלט אוים דער גורל צו פיהרעֶן נאָך זיך גאַנצעֶ דורות. יעֶדעֶ צײַט האָט זיך איהרעֶ גרויסעֶ מעֶנשעֶן, יעֶדעֶ צײַט האָט זיך איהר מזרח, וואו עֶס זיצעֶן קלוגעֶ לעֶהרעֶר, נביאים, וועֶלכעֶ ס'איז געֶגעֶבעֶן געֶוואָרעֶן דאָס גליק צו קוקעֶן ווײַט, ווײַט און זעֶהעֶן דאָס, וואָס די איבעֶריגעֶ זעֶהעֶן נישט. מעֶן רופט זיי שעֶקספיר, שפינאָזאַ, וואָלטעֶר, געֶטהעֶ, רוסאָ, מאַרקס. די לעֶצטעֶ צעֶהנדליגעֶר יאָהר איז דעֶר מזרח בעֶזעֶצט נאָר מיט צוויי גיגאַנטעֶן — טאָלסטאָי און איבסעֶן. דאָס זעֶנעֶן די צוויי נעֶמעֶן, וועֶלכעֶ דריקעֶן אוים די אידעֶאַלעֶן און שטרעֶבונגעֶן פון דעֶר געֶזעֶלשאַפט, און מיט איבסעֶנס טויט ווערט לײַדיג אַנ'אָרט, און עֶס זעֶהט זיך ניט, ווער ס'זאָל איהם קאָנעֶן פעֶרנעֶהמעֶן.

העֶנריק איבסעֶן איז אַ טרײַעֶר זוהן פון דעֶר קלײַנעֶר נאָרוועֶגעֶן. עֶר איז געֶווים אַ נאַציאָנאַלעֶר פאָעֶט; עֶר האָט זיך געֶפרעֶהט מיט די פרײַדעֶן פון זײַן לאַנד, און געֶליטעֶן פון זײַנע וועֶהטאָגעֶן. פונקט ווי טורגעֶניעֶוו האָט איבסעֶן געֶגעֶבעֶן די שבועה, צו קעֶמפּפעֶן מיט אַלעֶ פינסטעֶרעֶ עֶלעֶמעֶנ־טעֶן פון זײַן פאָטעֶרלאַנד, פונקט ווי טורגעֶניעֶוו האָט עֶר געֶוואָרפעֶן זײַנעֶ פײַלעֶן פון סאַטירעֶ און כעס פון דעֶר ווײַטעֶן, „פון יעֶנעֶר זײַט בּרעֶג“, און דאָך וועֶט קײנעֶר ניט בּעֶטראַכטעֶן איבסעֶנעֶן נור פון נאַציאָנאַלעֶן שטאַנדפונקט, און דאָך פעֶרשטעֶהעֶן אַלעֶ, אַז מיט איבסעֶנ'ס נאָמעֶן דעֶרמאָנט זיך אַ ריעֶזעֶן־פיגור, וועֶלכעֶ געֶהט דורך אונזעֶר וועֶלט און זאָגט עֶפּיס גאָר נײַעֶ, גרויסעֶ ווערטעֶר, שאַפט אוצרות פון געֶדאַנקעֶן.

*) געֶדרוקט געֶוועֶן אין זשורנאַל „דאָס יודישעֶ פאָלק“, 6 — 5, אין יאָהר 1908

אין וואס זשע זענען בעשטאנען די נייע ווערטער פון איבסענען? וואו ליגט דער סוד פון זיין גרויסער מאכט אוןווירקונג? ענטפערן אויף דער פראגע הייסט געבען א כאראקטעריסטיק פון איבסענען.

„דער מענש איז געבוירען פריי צו זיין און איז תמיד געשמידט אין קייטען" האט געזאגט רוסא. די גרויסע פראנצויזישע רעוואלוציע האט העלדיש געקעמפפט פאר פרייהייט און אין איהר נאמען, אין דעם נאמען פון פרייהייט, פלעגט מאראט קריצען מיט די צייהנער און די אויגען זיינע פלעגען זיין פערלאפען מיט בלוט; אין איהר נאמען האט זיך פון עשאפאט געקייקעלט דאנטאנ'ס שענער קאפ; אין איהר נאמען האט נאך כמעט א יונגעל, סען זשוסט, געחתמ'עט טויט-שטראפען. מען האט געוואלט בעפרייען די וועלט, און עס איז ארויסגעשפרונגען א פאסטוכס א זוהן, א בראווער גענעראל מיט א שארפער שווערד, וועלכער האט די פרייע בירגער געמאכט פאר סאלדאטען. אזא רעזולטאט האט קיינער ניט ערווארט. די אייראפעאישע אינטעליגענץ איז געווארען פערצווייפעלט און ערשטוינט. דאס היסטארישע ראד האט זיך געדרעהט, און די געזעלשאפט איז דערפאהרען ביז דעם גרויסען שטורם פון יאהר 1848. אייראפא האט עפעס ווי אבגעלעבט, יעדערער איז כמעט ווי א פאעט געווארען און האט מיט שירים בעגריסט די נייע זון; נאר אט ווערט ווידער פערשטיקט די לופט, און פון דער זומפיגער דיפּלאמאטיע קריכט ארויס א קראקאדילישער קאפ מיט דעם נאמען מעטערניך. עס קומט א נייער ליקוי חמה, און די אינטעליגענץ בלייבט ווידער שטעהן א פערטרויערטע. און בעת אט די אינטעלעגענטען שטעלען א מצבה און זאגען קדיש נאך דער אייראפעאישער צוקונפט, געהט ארום א קליין ביכעל, וועלכען ס'איז בעשערט געווען צו שפּילען א גרויסע ראליע. דאס ביכעל האט געהייסען „דער קאמוניסטישער מאניפעסט"; דארט ווערען ווי צוויי מאל צוויי פערענטפערט אלע קשיות. דאס ביכעל וויל מאכען קלאר, פאר וואס עס איז פארגעקומען דאס, וואס עס איז פארגעקומען: די גאנצע שולד פאלט גאר ארויף אויף בעוואוסטע עקאנאמישע בעדינגונגען, פראדוקציאנס-פארמען. דער מענש איז לחלוטין ניט פריי, ווארום ער האט בכלל קיין דעה ניט אין דער געשיכטע; מען שטופט איהם, געהט ער. אלע האבען זיך אנגעהאפט אן דעם נייעם געטראנק, וואס דאס ביכעל האט געגעבען, מארקס און ענגעלס זענען געווארען די שרי המשקים פון דער דארשטיגער געזעלשאפט, וועלכע האט

א גריגען ענטפער, וועלכע האט שרעקליך געוואלט אראבווארר-

פען פון זיך די פעראַנטוואָרטליכקייט. מאַרקס האָט בִיז'ן רעכטען גרונט דורכגעאַקערט די יסודות פון דעם געזעלשאַפטליכען לעבען, האָט ערקענט די קראַנקהייט פון דער געזעלשאַפט, האָט איהר אָנגעטאַפּט בּיין סאַמע דופק און האָט הויך אויסגעשריען, אַז די מחלה הייסט „ס אָ צ י אַ ל ע א ו נ ג ל ײ כ ה ײ ט". באַלד נאָכדעם האָט ער אויך געגעבען זיין רפואה: „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פעראייניגט אייך". אָט איהר, אַלע קליינע קערענדלעך, וועלכע שפּיעלען בעזונדער קיין ראָליע ניט, קלייבט זיך צונויף, טוליעט זיך צו איינער צום צווייטען, וועט איהר ווערן אַ קראַפט. נאָר מיינט ניט, — איז געשטאַנען אַלס בעמערקונג אין רעצעפּט, — אַז איהר מיט אייער פעראייניגטער מאַכט, מיט אייער שטאַרקער מעהרהייט שפּילט די הויפּט־ראָליע; דאָס אידעאַל פון סאָציאַליזם וועט דורכגעפיהרט ווערען אפילו, אויב איהר וועט ניט וועלען. אייער אחדות קאָן נאָר אַביסעל פערגרינגערען, דערנעהנטערען דאָס שווערע סאָציאַלע „געהן צו קינד". פּראָסט גערעדט: איהר זייט בעשאַפען מעהר ניט, ווי אונטערצושטופּען דאָס ראָד. און די דאָרשטיגע געזעלשאַפט האָט זיך צוגעכאַפּט צום געטראַנק, ניט בעמערקענדיג, אַז צוזאַמען מיט דעם אמת נעמט זי אויך אַריין סם, ניט זעהענדיג וואָס פאַר אַ וואָלוועלען טאָפּ לינזען עס בעקומט דער מענש פאַר זיין גרויסעם רעכט צו שאַפען און געוועלטיגען אין דער געשיכטע.

און אין דעם מאָמענט, וואָס איז אַזוי געפעהרליך פאַר דעם מענשענס כבוד, שטעהט אויף איבסען. ער געהט צו צום מענשען נאָהענט, און מיט זיינע ברוגז'דיגע, חמורע ווערטער: „דו, דו בּיזט שולדיג", קעהרט ער איהם אום זיין פערלאָרענעם כבוד און שטעלט ווידער אַוועק דעם מענשען אויף זיין אָרט. „לעבען הייסט: שטרייטען מיט די פינסטערע כחות פון האַרץ און מוח" — דאָס איז איבסען'ס פאָהן. איבסען נעמט ניט אַראָב פון מענשען די פעראַנטוואָרליכקייט, איבסען זאָגט: „דו מוזט", דערפאַר ווייל ער איז איבערצייגט, אַז „דו קאָנסט". אויף דעם מלחמה־פּלאַץ לאָזט ער קעמפּפען דעם איינצעלנעם מענשען, ניט קיין פּאַרטיי און ניט קיין אָרגאַניזירטע מאַסע. זיין העלד, דאָקטאָר שטאָקמאַן אַליין, הויבט אויף די פאָהן פון קאַמפּף און געהט אַנטקעגען דער גאַנצער געזעלשאַפט. דאָקטאָר שטאָקמאַן קומט אין זיין געבורטסשטאָדט, וועלכע איז כלומרש'ט פול מיט צדיקים. די מאָראַל, דאַכט זיך, שטעהט הויך, אַלע פיינע, אַלע אָרענטליכע, אַלע טראַכטען וועגען טובת הכלל, נאָר דער באָדען, אויף וועלכען עס איז געבויט

די שטאָדט מיט איהרע איינוואוינער, איז אינגאַנצען דורכגעזאַפּט מיט ליגען און פאַלשקייט. דער קוראָרט, פון וועלכען עס ציהט איהר חיונה די גאַנצע שטאָדט מיט איהרע פרומע איינוואוינער, בעשטעהט פון פערפוילטע קוואלען, וואָס ברענגען מיט זיך פיעל קראַנקהייטען. און דאָקטאָר שטאָקמאַן ערקלערט אַ מלחמה אָט די קוואלען. ער זאָגט: „איך האָב אזוי ליעב מיין שטאָדט, אַז איך וואָלט וועלען, זי זאָל בעסער אונטערגעהן, איידער זעהן, ווי זי וואַקסט און גלאַנצט אויף דעם באָדען פון פאַלשקייט".

דערמיט האָט אָבער שטאָקמאַן געגען זיך די גאַנצע שטאָדט. איבסען'ס דראַמעס שטאַמען פון רעאַלען לעבען, נאָר איבסען זאָגט זיך קיינמאָל ניט אָב פון סימבאָליסטישע וואונקען. דאָקטאָר שטאָקמאַן איז אַ סימבאָליסטישעס שטיק. איבסען מיינט ניט דאָס קליין נאָרוועגישע שטעדטיל מיט זיין קליינעם קוראָרט, ער מיינט די גאַנצע וועלט, ער מיינט די וועלט, וועלכע איז פערפוילט. אַלץ שטעהט אויף פאַלשקייט, נאָר אויף דעם איינצעלנעם מענשען פאַלט אויס דער גורל צו קעמפּפען פאַר נייע לעבענס-פאָרמען, פאַר דעם נייעם אמת. דאָקטאָר שטאָקמאַן טראָגט אויף זיינע פּלייצעס אַרוים דעם גאַנצען יאָך פון פראָגרעס, און נור איינצעלנע מענשען, ניט די מעהרהייט, וועלכע איז שטענדיג רעאַקציאָנער, נור די איינציגע שטאָקמאַנ'ס פערשפּרייטען דעם אמת איבער דער גאַנצער וועלט. מיט אַנ'אויפגעהויבענעם קאָפּ געהען זיי דורך די רייהען פון די געגנער, וועלכע פערוואַרפען זיי מיט שטיינער.

איבסען שעצט דעם מענשען, קוקט אויף איהם, ווי אויף עפּיס הייליגעס. די משיח-אידעע האָט איבסען פון דער נאַציאָן אַריבערגעטראָגען אויף דעם איינצעלנעם מענשען. ער געהט צו צו יעדען העלד פון זיינע דראַמען און רוימט איהם איין אַ סוד: „דו זאָלסט וויסען, אַז די נאַטור האָט אויף דיר אַרויפגעלעגט אַ מיסיע. היט דיין פערזענליכקייט; זעה ניט אַראָבצוגעהן פון וועג, וואָרום דו ביזט ניט גלאַט אַזוי אַ מענש, אַ שטרוי, וואָס דרעהט זיך אַרום אַהין און אַהער נאָך דעם ווינט'ס ווילען, ניין, דו מענש, ביזט קאָלאָסאַל גרוים, דו מוזט אויספילען אַ מיסיע".

איבסען איז איינער פון די גרעסטע קעמפּפער פאַר דער מענשליכער פערזאָן; פונקט ווי פאַר מאַרקסען איז דער פּראָלעטאַריאַט געווען אַ רעליגיע, אַזוי איז פאַר איבסענען אַ רעליגיע דער „מענש". מאַרקס שרייט דעריבער „ברידער, פעראייניגט אייך", „ברידער, פערזיכערט

זיך", און איבסען זאָגט „מענש, קעמפף"!

און מיט אַזוינע אידעאַלען קומט די פרוי נאָראַ, קומט פרוי אַלווינג, קומט בראַנד — די פּערזאָנען פון איבסענס דראַמען.

„די פאַמיליע, זאָגט איבסען, איז דער הויפּט־גרונד פון דער היינטיגער געזעלשאַפט", און װעלענדיג בעװייזען, װי פערשימעלט, פערפוילט עס איז די גאַנצע געזעלשאַפט, האָט איבסען, זעלבסט־פערשטענדליך, אָנגעהויבען פון פאַמיליען־לעבען און האָט אָנגעשריבען זיין דראַמע „נאָראַ".

נאָראַ ליבט איהר מאַן, דעם דאָקטאָר העלמער. בעת דאָקטאָר העלמער איז געװען קראַנק, האָט נאָראַ, כדי צו בעקומען געלד אויף איהם צו קורירען, זיך ניט אָבגעשטעלט פון אַ פערברעך און האָט געמאַכט פאַלשע װעקסלען. קראָגסטאַד, העלמערס שונא, דערגעהט דערפון, ערקלערט נאָראַ'ן מיט װאָס אַזאַ זאַך שמעקט, און די שענע, נאַאיװע נאָראַ װייס שוין װאָס װעט טאָן איהר מאַן דר. העלמער —, ער װעט, פערשטעהט זיך, נעמען די שולד אויף זיך, נאָר זי, נאָראַ, װעט דעמאָלט ברענגען דעם לעצטען קרבן פאַר איהר ליבען מאַן. זי װעט זיך נעמען דאָס לעבען, און מיט דעם ראַטעװען העלמער'ן פון אַ סקאַנדאַל. נאָר העלמער מיט זיין פיהרונג צושטערט איהרע אַלע רעיונות; נאָראַ װעקט זיך אויף פון איהר לאַנגען שלאָף: זי זעהט, אַז דר. העלמער איז זעהר אַ קליינינקע פיגור, ער מאָראַליזירט נאַריש אין דעם מאָמענט, װען ער האָט געדאַרפט פערשטעהן, װיפיעל ליבע עס ליגט אין איהר פערברעך. דר. העלמער האַלט אַ לאַנגע דרשה װעגען דעם, אַז מען טאָר נישט מאַכען קיין פאַלשע װעקסלען — דאָ דערמאָהנט זיך נאָראַ איבסען'ס סוד. פלוצלונג װאַקסט זי אויס גייסטיג, זי חאַפּט גיכער דעם מאַנטיל מיט'ן היטעלע און לויפט אַריין אין שלאָפצימער, זעגנען זיך מיט די קינדער. „איך דאַרף זיין אַליין", זאָגט נאָראַ, „יעדער מענש האָט געװיסע התחייבות'ן בנוגע צו זיך אַליין", און װאַרפט אַװעק העלמער'ן.

די שװאַכע װייבליכע פיגור ערקלערט אַ מלחמה דער גאַנצער געזעלשאַפט, װעלכע װעט זי געװיס זידלען. „איך װיל װיסען, — זאָגט זי, — װער איז גערעכט: איך צי די געזעלשאַפט".

פון װאַנען שעפּט נאָראַ כחות און ענערגיע, אויב ניט פון דעם הויכען געדאַנק, אַז אַ מענש איז אַ גרויסע זאַך, אַז ער האָט אַ גרויסען װערט און איז ניט נאָר אַ קליין שטיפטעל אין דער גרויסער װעלט־מאַשין? איז דען ניט איינפערשטאַנדען נאָראַ מיט דאָסטאָיעװסקי'ן, װעלכער זאָגט:

„גרויס, צו-גרויס איז דער מענש, איך וואלט איהם עטוואס קלענער געמאכט״?

און זעהט ווי איבסען שטראפט יעדערן, וועלכער איז ניט געטריי זיין אייגענער אויפגאבע, וועלכער געהט געגען זיין אייגענער פערזענליכ-קייט. פרוי אלווינג („גייסטער״) פערשטעהט אויך, ווי נידריג איהר מאן איז, זי וואגט, אויף א ווייל ארעבצעווארפען פון זיך דעם יאך און געהט אוועק צו דעם פרומען פאסטאר מאנדערס, וועלכער האט זי ליעב; גאר דא פאלט זי אין אין א הארטען שטיין, אויף א פערשטארבענער מומיע, וועלכע ווייס מעהר פון טויטע עיקרים, איידער פון אמת'ער ליעבע — פאסטאר מאנדערס שטופט אב פון זיך פרוי אלווינג. פונקט ווי העלמער זאגט ער אויך מוסר און הייסט איהר, זיך אומקעהרען צוריק צום מאן. פרוי אלווינג איז געוועזען א העלד, נור אויף איין רגע. זי פאלגט מאנדערס'ן, קעהרט זיך אום, געהט געגען איהר אייגענער פערזענליכ-קייט, זאגט זיך אב פון קאמפף און ווערט בעשטראפט. איהר זוהן אסוואלד איז א שטענדיגער בעווייז, וואס פאר א פערברעך פרוי אלווינג בעגעהט אנטקעגען זיך און אנטקעגען דער גאנצער געזעלשאפט: דער איי-דעלער טאלאנטפאלער אסוואלד מוז משוגע ווערען, ווארום ער ליידט פון דעם ווילדען, שמוציגען לעבען פון זיין פאטער, דעם קאמערהער אלווינג...

„דער קאמפף פאר דער פערזאן״ דאס איז דער עיקר-געדאנק פון אלע איבסען'ס ווערק. ניט אומזיסט האט ער זיין העלד פון דער ערש-טער דראמע „קאטאלינא״ אנגערופען אנארכיסט. איבסען שיקט ארויס דעם איינצעלנעם מענשען צום שטרייט, צו שטרעבונג און זאגט ניט צו קיין גאלדענע בערג, זאגט ניט צו, אז ער וועט געפינען דעם אמת, דען איבסען האלט, אז וויכטיג איז טאקי איבערהויפט דאס שטרעבען צו פרייהייט, ניט די פרייהייט אליין. „ווען א קעמפפער פאר פרייהייט — זאגט איבסען — שטעלט זיך אב אין מיטען קאמפף און שרייט אויס: „איצט איז די פרייהייט ביי מיר אין די הענד״, דעמאלט איז קלאר, אז ער האט זי פערלארען״.

„ווער קאן גאראנטירען — איראנאזירט איבסען אין א צווייטען ארט — אז דארט, ערגיץ וואו אויף א שטערן, איז צוויי מאל צוויי ניט פינף״.

פאר אונזערע אויגען שטעהט דער גייסטיגער ריעז בראנד. ער איז אינגאנצען שטרעבען, ער ווייס, אז מען טאר זיך ניט אבשטעלען, מען דארף געהן אלץ ווייטער, ווייטער, ער בריינגט אלס קרבן זיין

איינציג קינד, זיינע אנהענגער ווארפען איהם אוועק און אויף זיינע פלא־מעדיגע רעדען ענטפערן זיי מיט שטיינער. בראנד בלייבט אליין, גאנץ אליין. ער געהט ווייטער. אט האט ער שוין דערגרייכט צו דער הויך, ער איז שוין, דאכט זיך, געקומען צום ציעל, נור אין דעם מאמענט פאלט אויף איהם ארויף א שטיינערנע וואנט, און בראנד שטארבט.

דעם אמת האט ער זיך ניט דערוואוסט, נאר צו איהם האט ער גע־שטרעבט, ער האט געקעמפפט, ער איז קיינמאל ניט געווען רוהיג. און ריכטיג האט בעמערקט איינער א ביאגראף איבסען'ס, אז ווען בראנד זאל ווידער אויפשטעהן, וואלט ער געגאנגען מיט זיין פריהערדיגען וועג.

איבסען איז געווען א גרויסע פראטעסט־פיגור געגען דער איצטיגער געזעלשאפט, געגען די רוהיגע און צופרידענע מענשען מיט זייערע מנהגים, מיט זייער מוסר, מיט זייער גליק. מיט זיינע ווערק זאגט אונז איבסען: „אכטעט דעם מענשען!“ דען אין דער מענשליכער ענטוויקלונג איז פארגעקומען דאס, וואס דער בעריהמטער טשעכאוו האט אזוי קונציג בעשריבען אין דעם לעצטען אקט פון זיין „קארשען־גארטען“. עס הערט זיך א קלאפעריי, עס קלינגען גלעקלעך, גיך פערמאכען זיך די לאדענס, מען זעגענט זיך, אלע פאהרען אוועק, אין שטוב ווערט פינסטער, עס הערט זיך מעהר ניט די שוואכע שטים פון דעם אלטינקען דינער פירס — „א מענשען פע־ר־גע־סען“.

די איצטיגע קולטור מיט איהר וואונדערבארער טעכניק האט פער־געסען א קלייניגקייט — „דעם מענשען“. אין זיין רשות האט די קולטור געגעבען נור פיער ארשין ערד; „אבער פיער ארשין איז נויטיג פאר א מת — דער מענש דארף די גאנצע וועלט“.

אט דעם וויכטיגען געדאנק, אז פיער ארשין ערד איז גענוג פאר א מת, אבער ניט פאר א לעבעדיגען מענשען, זאגט ארויס איבסען אין זיינע קינסטלערישע ווערק, און צווישען דער קליינער גרופע „קעמפפער פאר דער מענשליכער פערזאן“, צווישען שטירנער, קארלייל און ניטשע פערנעמט איבסען איינעם פון די שענסטע ערטער.

II.

אין פריהעריגען קאפיטעל איז גערעדט געווען וועגען איבסענ'ס

פאלם וועלט-פיגור, פון וועמעס ווערק די איירָאפּעאישע געזעלשאפט האט געשעפּט נייע אידעען. איבסען איז בעטראכט געוואָרען איבערהויפּט, ווי אַ אינדיווידואַליסט, נאָר דאָס איז נאָך ניט דער גאַנצער איבסען. דער נאָרוועגישער גרויסער פּאָעט איז בעלויכטען געוואָרען דערמיט פון איין זייט — אמת דער וויכטיגסטער, נור דאָס איז נאָך ניט גענוג, כדי צו בעקומען אַ גאַנצעס בילד פון איהם. מיר מוזען זיך נאָך אָבשטעלען אויף דעם נאַציאָנאַלען מאָמענט אין איבסענס ווערק, ריידען וועגען איבסענען, ווי פון אַ נאַציאָנאַלען פּאָעט.

ניט אַלע, אַפילו די גרעסטע האַלטען אוים דאָס שווערע עקזאַמען אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע. ניט אַלע, וועלכע ענטדעקען גאַנצע אַמעריקעס אין אַלוועלטליכען זין, זענען אויך פּראָגרעסיוו אין דער נאַציאָנאַלער אידעע. וואַגנער, וואָס האט בעשאַפען די קינפטיגע מוזיק, איז אַנ׳אייגפאַכער, ניט סימפּאַטישער בירגער אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע; דאָסטאָיעווסקי גליטשט זיך אוים ביי דעם שעדליכסטען אָרט, און אין זיינע ווערק געפינט איהר בלעטער, וועלכע עס ווילט זיך גיכער דורכפליהען, כדי אריבערצוגעהן צום דעם גרויסען אוצר פון זיינע אידעען און געדאַנקען.

ניט אַזאַ איז איבסען. ער דערמאָהנט ביירָאָנען, וועלכער האט אויסגעדריקט זיין הייסע ליעבע צום פּאָטערלאַנד דורך שנאה, דורך דעם דערוויטערן זיך פון זיינע ברעגען, דורך זיין טויט אין דעם פרעמ-דען גריכענלאַנד. איבסען בלאָנדזשעט ווי אַ ציגיינער אַליין איבער איירָאָפּאַ. פיהלענדיג זיך בעליידיגט דורך דער עגאָאיסטישער פּאָליטיק, וואָס זיין פאָטערלאַנד האט געפיהרט בעת דער מלחמה צווישען דענע-מאַרק און דייטשלאַנד, לאָזט איבסען אַוועק מיט אַ שווערען האַרצען נאָרוועגען, זיצט אָב יאָהרען אין איטאַליען, דרעזדען, מינכען, און לעבט איינער אַליין. פערטיעפט אין זיינע טרויעריגע געדענקען וועגען דער געגענוואַרט און דערהויבען דורך אָפּטימיסטישע פאַנטאַזיעס וועגען דער צוקונפט, שרייבט ער: „מיין פאָלק, דו וואָס האָסט מיר געגעבען דעם וואַנדער-שטעקען מיט אַ גאַנצען פּאַק צרות אויף די פּלייצעס, שווערע שיך אויף די פיס, אָט די אַלע נויטיגע זאַכען פאַרן וויטען וועג — איך שיק דיר מיין גרוס, איך שיק דיר צוזאַמען מיט אַ דאַנק פאַר אַלע דיינע מתנות, פאַר אַלע ליידען! — אין מיינע חלומות ביי נאַכט און אין מיינע ווערק געהער איך צו דיר”.

ער געהערט צו זיין קליין געבורטס-שטעדטיל סקיען, וואָס ער

דערמאהנט כמעט אין יעדען ווערק. מאלענדיג אלוועלטליכע בילדער, נעמט איבסען פארב פון זיין אייגענעם פאטערלאנד. זיינע אידעען, סימבאלען דריקט ער ניט אוים, ווי מעטערלינק דער בעלגישער דראמא-טורג, רופט ארוים דורך זיין פאנטאזיע גלאט אזוי פרינצען, גלאט אזוי מאנאכען, מלכים און וואנדערער. איהם מאכט ניט אוים ווער זיי זענען, פון וואנען זיי קומען. מעטערלינק ברויכט איבערהויפט פיגורען, כדי אויסצודריקען די וועלט-טראגעדיע. איבסען אבער איז אנדערש. ער רעדט אויך מיט דער גאנצער וועלט, נור דורך דעם נארוועגישען טעלעפאן; אין זיינע געדאנקען שטעהט ער שטענדיג נעבען דעם רוישענדען ים, נעבען די מיהלען און מעלאנכאלישע פעלזען פון נאר-וועגען. דארף ער מאטעריאל פאר זיין געניאלער קונסט, געהט ער צו דעם פאעטישען קוואל פון די פאלקס-לעגענדען. חוץ „קאטאלינא", „קייזער און גאליליייער" זענען איבסענ'ס ווערק געשריבען פון נארוועגי-שען לעבען. זיינע בעציהונגען צו נארוועגען קאן מען אויסדריקען מיט דעם זעלטען טיעפען איבסענ'ס ווארט: „די גרעסטע ליעבע איז שנאה". און טאקי דערפאר, וואס איבסען האט געליעבט נארוועגען גראד אין אזא פארם, האט ער איהר געבראכט מעהר נוצען, האט ער בעקומען אזא גרויסע בעדייטונג. „ליעבע דורך שנאה" דאס איז דאך שטענדיגע אונרוהע, וועלכע לאזט ניט דעם מענשען פערגליווערט ווערען אין געוויסע פארמען פון לויב-געזאנגען; „ליעבע דורך שנאה", דאס איז א קוק פול מיט כעס און צארן, דאס הייסט אראבלאזען זיך טיעף, טיעף, און זעהן דאס, וואס פערבלענדעטע זעהען ניט. וואס פאר א גרויסער אונטערשיעד איז צווישען די צוויי נאציאנאלע נארוועגישע פאעטען, צווישען ביערנסאן און איבסען! דער ערשטער זינגט לויבגעזאנגען זיין פאטערלאנד, אידעאליזירט דעם פויער, דעם גלח, און זיינע מעלאדיען זענען אנגענעם. זיינע ווערק זענען טאלאנטפול, אבער עס הערט זיך ניט אין זיי קיין וועלט-שמערץ, ער קעמפפט אויך, ער ווארפט זיך אריין אין פאליטיק, פאהרט ארום, האלט רעדען, איז אפטמאל אין כעס, נאר דא פיהלט איהר ניט די גרויסע מאס. דאס איז אלץ א שען פאעטיש אילומינאציאנס-פייערל אויף די גאסען פון חריסטיאניע, בעת איבסען איז א הויכער לייכט-טורם פאר אלע פערבלאנדזשעטע, פאר אלע מידע, און ניט פון נארוועגען אליין. ביערנסאן ווערט פערלא-רען צווישען די מרה-שחורה'דיגע נארוועגישע בערג, איבסען זעהט זיך אומעטום, ביערנסאן איז א טיכטיגער, געטרייער פערמער, וועלכער

זייהט ערנסט קערנער פון פרוכט; איבסען איז א רעוואלוציאנער, וועלכער געהט דורך מיט א ביזען שטורם איבער נארוועגען און רייסט ארויס פון אלע גערטנער פערפוילטע ווארצלען. דער ערשטער איז דעריבער מעהר ניט ווי א פאסטאר, און דער צווייטער בלייבט שטענדיג א ריזען-פיגור, וועלכער איז שטענדיג אליין מיט א גרויסער פראגע אין הארצען. ביערנסאן איז א קאך-לעפעל, א רעדעל-פיהרער פון די, וועגען וועלכע געארג בראנדעס זאגט, אז זיי ריידען שטענדיג אין דעם נאמען פון דער מעהרהייט, פון די, אויף וועמעס ליפען עס שטעהט שטענדיג דאס ווארט „מיר". איבסען איז פונקט דער היפך, איבסען ווייס מעהר ניט דאס ווארט „איך".

זעלבסטפערשטענדליך, אז איבסען'ס נאציאנאליזם האט קיין שייכות ניט געקאנט האבען מיט די וואלוועלע נאציאנאליסטישע שטרעבונגען. ער איז ניט ווי דער ענגלישער פאעט קיפלינג, וועלכער לאזט זיך אראב ביז'ן פערפאסען שירים פאר'ן מיליטער אין דער מלחמה מיט די בורען. איבסען האט ניט געטראכט וועגען גרויסע פעסטונגען, א סך מיליטער, וועגען הארמאטען — ער האט געוואלט זעהן זיין פאלק שטארק און פיין אין גייסטיגען זין. אין זיין ווערק „פרעטענדענטען אויפ'ן טראן" דריקט איבסען אוים זיין נאציאנאלען פראגראם. ער טראכט וועגען א גייסטיגען און פאליטישען צוזאמענבונד פון גאנץ סקאנדינאוויען און בעקומט א שרעקליכען קלאפ אין דעם בענעהמען זיך פון נארוועגען בעת דענעמארקס מלחמה מיט דייטשלאנד. אויף אלע פערזאמלונגען פלעגט מען היים רעדען וועגען הילף און ברידערליכער שטיצע, סטודענטען פלעגען זינגען לידער וועגען דער ברידערשאפט מיט דענעמארק, און אז עס איז געקומען צו ערפילען דאס, וועגען וואס מען האט אויפ'ן קול גערעדט, רוקט זיך נארוועגען אב אן א זייט און בעהאלט זיך אונטער דעם פאלשען פרינציפ פון „נייטראליטעט". מיט גרוים כעס ענטפערט איבסען אויף אזא עגאאיסטישער פאליטיק. דא האט ער נאך אמאל דערזעהן, ווי פאלש עס זענען די אלע פראזען. איבסען פערלאזט נארוועגען. אין איינעם פון זיינע שירים זעגענט ער זיך מיט דער נארוועגישער ארמעע, דריקט איהר אוים זיין גאנצען צארן. אין דעם שיר דערצעהלט ער, ווי דאמען זיצען אין די קאיוטען פון שיף צוטראגען, פערטרויערט. ביי איינער איז א זוהן אויף דער מלחמה, ביי דער צווייטער א פריינד, נור אין א ווינקעל זיצט א דאמע אין פאלקאמער רוהיגקייט. איבסען גרייט זיך שוין לויבען איהר מוט, מיט וועלכען זי נעמט

צו די ליידען, נור — ענדיגט איבסען מיט א איראָניע — דאָס רעטעניש פערענטפערט זיך גאָר פשוט: איהר זוהן דיענט אין דער נאָרוועגישער אַרמעע...

איבסענ'ס נאַציאָנאַליזם איז אַ לאָגישער אויספיהר פון זיין אינדיווידואַליזם. פונקט ווי אַ איינצעלנע פערזאָן מוז זעהן אויסדריקען זיין גאַנצען „איך", ענטוויקלען ביז דער לעצטער מדרגה זיינע קרעפטען, אַזוי מוז עס אויך זיין מיט אַ נאַציע. דער נאַציאָנאַליזם איז ביי איבסענ'ען מעהר ניט ווי אַ געוויסע פאָרם פון אינדיווידואַליזם. מען דאַרף קיינמאָל ניט פערגעסען, אַז איבסענס נאַציאָנאַליזם איז גאָר אַן אַנדערער, אַז ניט ביסמאַרק און ניט מאָלטקע קאָנען זיין די פיהרער פון זיין נאַציאָנאַלער אידעע. דער „אייזערנער קאַנצלער" און דער קופערנער פעלד־מאַרשאַל וועלען געוויס ניט מסכים זיין אויף פאָלגענדע איבסענס ווערטער, וועלכע דריקען אויס זיינע פאָליטישע מיינונגען: „אפשר איז גוט צו האָבען אַלגעמיינעס וואַהל־רעכט און נאָך פערשידענע פאָליטישע רעכט, נאָר פאַר וועמען איז דאָס גוט, פאַר דעם בירגער, אָבער נישט פאַר דער ענטוויקלונג פון דער מענשליכער פערזאָן. דער שכל זאָגט אונז ניט, אַז דער מענש מוז זיין אַ בירגער, פערקעהרט! די מלוכה — דאָס איז אַ שרעקליכע שטראָף פאַר'ן אינדיווידואום, פאַר דעם מענשען. עס איז געלונגען צו שאַפען אַזא קראַפט אין דער פרייסישער מלוכה נור דורכדעם, וואָס זי האָט איינגעשלונגען דעם מענשען און איהם אַריינגעשטופט אין געאָגראַפישע, פאָליטישע בעגריפען. נעהמט פון דער אַנדערער זייט די יודישע נאַציע; פאַרוואָס איז זי געבליבען ביי איהר אייגענקייט, ביי איהר פּאָעזיע, ניט קוקענדיג אויף אַלע באַרבאַרישע רדיפות? ווייל זי איז ניט צונויפגעקוועטשט און אָרגאַניזירט אין דער פאָרם פון אַ מלוכה".

און אין אַ צווייטען אָרט שרייבט איבסען בראַנדעסען: „איך פערגעס מיך שטאַרק מיט די איצטיגע גרויסע ערשיינונגען. דאָס אַלטע פראַנקרייך איז צושטערט. און אין דעם טאָג, ווען דאָס זעלבע וועט פאַסירען מיט דעם קעניגליכען פרייסען, וועט קומען פאַר אונז אַ נייע צייט. אָ! ווי עס וועלען פונאַנדערפאַלען די אַלטע אידעען! און עס איז צייט, אַז דאָס זאָל קומען. מיר לעבען מיט די ברעקלעך, וועלכע זענען אַראָבגעפאַלען פון דעם טיש פון דער גרויסער רעוואָלוציע. פרייהייט, גלייכהייט, ברידערשאַפט זענען שוין ניט דאָס, וואָס אין דער צייט פון דער גילאָטינע. די פאָליטיקער וועלען דאָס ניט פערשטעהן

און דערפאַר האָב איך זיי פיינד. זיי חלומ'ן וועגען פּאָליטישע רעוואָלוציעס, דאָס זענען אָבער קלייניגקייטען. דאָס ערוואַכען פון דעם מענשליכען גייסט, אָט דאָס איז דער עיקר".

איבסען גלויבט שטאַרק אין דער שטאַרקייט און לעבענס-קראַפט פון נאַציאָנאַלען גייסט. ער זאָגט: „ווען מיר זאָלען אפילו פערלירען אונזער זעלבסטשטענדיגקייט, ווען מען זאָל אפילו צונעהמען ביי אונז דאָס לאַנד, וועלען מיר דאָך בלייבען ווי א בעזונדער נאַציע. איך גלויב פעסט, אַז דאָס וואָס מיר האָבען אין זיך גוטס וועט בלייבען, נאָר מיט דעם תנאי, ווען אונזער נאַציאָנאַלער גייסט וועט האָבען גענוג שטאַרקייט צו וואַקסען אין אומגליק. אָ! ווען איך וואָלט געהאַט דעם גלויבען"!

עס זענען אָבער געווען מאָמענטען, ווען איבסען האָט געצווייפעלט, ווען איבסען האָט פערלוירען זיין גלויבען. זעהענדיג, אַז מען פערשטעט איהם ניט אין זיין פאָטערלאַנד, אַז זיינע ווערק ווערען אויסגעלאַכט, האָט איבסען שטאַרק געקלאָגט אין זיין שיר „אין פאָרט-סאַאיד": „איך, פאָעט, האָב גוט אויסגערייניגט דעם שפיגעל, נאָר שלעכטע מענשען האָבען איהם ווידער פערשמוצט. הערט, איהר שטערן — אָ, שאַנדע, מיין פאָטערלאַנד איז געבליבען דאָס זעלביגע"!

אַזוי איז איבסענען, ווי קיינעם ביז איצט, געלונגען צו געפינען די פעראייניגונג פון נאַציאָנאַליזם און אינטערנאַציאָנאַליזם, און אַז ער פלעגט אין זיין ווערק שילדערן דאָס לעבען פון א קליין נאָרוועגישען שטעדטיל, איז דאָס צוגלייך געווען א בילד פון דער גאַנצער וועלט. איבסען האָט געקעמפפט מיט דער פאַלשקייט אין לעבען, וועלכע הערשט אין נאָרוועגיען, אין זיין געליבטען פאָטערלאַנד, און די פאַלשקייט האָט ער אַזוי טיעף פערשטאַנען, אַז מיט זיין אויפדעקען די פאַלשקייט האָט מען געקאָנט געהן איבער דער גאַנצער וועלט. דאָס, פון וואָס עס ליידט נאָרוועגיען ליידט גאַנץ אייראָפּאַ. ווען איבסען האָט ענטדעקט דעם גרויסען מהלך, וואָס ליגט צווישען דער „קריסטליכער מאָראַל אויף די ליפען און דער קאַפּיטאַליסטישער אין האַרץ" איז דען דאָס ניט קיין וועלט-כאַראַקטעריסטיק? ווען אַ פּערזאָן פון זיין דראַמע, דער זשורנאַליסט אַסלאַקסען, זאָגט: „איך האָב ביי זיך בעשלאָסען: דאָס גרויסע פּובליקום קאָן שטיצען די צייטונג; נאָר דאָס גרויסע פּובליקום איז אַ שלעכטעס פּובליקום, און אַ שלעכטעס פּובליקום וויל האָבען אַ שלעכטע צייטונג, און אין דעם זין ווי איהר זעהט, רעדאַגיר

איך טאקע מיין בלאט״, — איז עס דען ניט קיין וועלט-פיגור פון דער געלער פרעסע?

אין יאָהר 1891 האָבען די נאָרוועגישע סטודענטען געפייערט איבסענס אומקעהרען זיך אין זיין פאָטערלאַנד. איבסען האָט געהאַלטען א רעדע, אין וועלכער ער האָט בעמערקט: „אויף סטודענטען ליגט דיזעלבע אויפגאַבע ווי אויף א פאָעט: קלאָר מאַכען זיך און אנדערע די צייטיגע און איביגע פראַגען פון דער געזעלשאַפט. אין דעם זין מוז איך זאָגען וועגען זיך, אז וואַנדערנדיג איבער דער גאַנצער וועלט האָב איך מיך בעמיהט צו זיין א גוטער סטודענט״...

אויב איבסען לעגט ארויף אזוינע גרויסע פאָדערונגען אויף דעם סטודענט, אויב ער בעטראַכט איהם אזוי טיעף און ברייט, מוזען מיר זאָגען: ער איז געווען „א גוטער סטודענט״ ניט נאָר פאַר נאָרוועגיען, נאָר אויך פאַר דער גאַנצער וועלט.

קנוט האמסון.

(סילועט).

I.

איהר קאנט אלעמען;
איך אבער זאל קיינער נישט קאנען.
באזילידוס גנאסטיק.

אויף דעם קליינעם פינטעלע ערד, איז דא נאך א קלענערעס פינטעלע, וועלכעס הייסט נארוועגיען... און דאך איז עס געגליכען צו א פייער-טורם, וועלכער בעווייזט די מידע, די לאנג ווארטענדע זייער אמת'ען וועג; און דאך איז עס א קאלאסאלער רעזערוואר פון היילינגער קונסט, פון טיפע מחשבות, פון מיסטישער צוטראגענקייט, פון גרויע, פערבארגענע וועלט-דאגות.

וואס פאר א גליקליך לאנד! גליקליך נישט מיט זיינע פעסטונגען, חיל, קאלאניען (איין בערלינער קאסקע קאן בעדעקען דאס גאנצע נארוועגישע שלאכט-פעלד), נאר מיט זיינע טאלאנטען. דער סטארטינג אין חריסטיאניע וויים, וואס ער טוט, ווען ער נעהמט אונטער זיינע רעגירונגס-פליגלען דעם קונסט-גארטען. ווי דער בעסטער, איבערגעגעבענסטער גערטנער היט ער יעדע פלאנצונג, זעהט ער, עס זאל נישט פערוועלקט ווערן אפילו איין בלימעלע, זארגט וועגען א סך פרישע, געזונטע לופט פאר די פראכטפולע בוקעטען... ווי-זשע דען? דאס איז זיין איינציגעס רייכטום, דאס איז זיין זעלטענער נאציאנאלער פערמעגען, מיט וועלכען ער שטאלצירט און ווערט נישט פערלוירען אויף דער גרויסער אייראפעאישער קארטע.

נארוועגיען! ווען דער מענשהייט ווילט זיך אמאל מאכען א סך-הכל פון איהר גייסטיגען אייגענס, ווען זי צעהלט איהרע קולטור-אוצרות, ווען זי שפאצירט איבער איהרע קונסט-פאנטעאנען — קען זי דען פערגעסען נארוועגיען? קען זי דען נישט קניען פאר די אוים-

דערוועהלטע, פון גאָט געבענשטע סקאַנדינאַווער זיהן?

וואָס פאַר אַ גליקליך לאַנד! דאָרט האָט די נאַטור געזאָרגט דער־פאַר, אַז דער אָריגינעלער כאַראַקטער זאָל נישט פערלאָרען געהן אומזיסט; די מרה־שחורה׳דיגע בערג, די מיהלען און די מעלאַנכאָלישע פעלזען פון נאָרוועגיען האָבען געלעגט זייער חתימה אויף דעם גאַנצען כאַ־ראַקטער און וועזען פון איהרע פּאָעטען, קאָמפּאָזיטאָרען, קינסטלער. אַ זעלטענער כאַראַקטער, אַ זעלטענע פאָרם, נאָך וועלכע עס בענקט זיך מאָדנע שטאַרק, וועלכע שפּיגלען אָב די אינערליכע צוטראָגענ־קייט פון אונז אַלעמען.

איבסען, ביערנסען, גוסטאַוו וויגעלאַנד, עדוואַרד גריג, פריט־יאָף נאַנסען — אַלע אויף פערשידענע אופנים, מיט פערשידענע מיטלען דערצעהלען די טראַגישע געשיכטע פון דעם זוכענדען מענשען, פון זיינע ליידען און קרבנות אויף דעם מזבח פון הויכע שטרעבונגען. אַלע קלאָגען זיי אויף די ענגע ד׳ אמות, אין וועלכע עס שטיקט זיך דער מענש, אַלע שטעהען זיי פערוואונדערט פאַר דעם וועלט־רע־טעניש...

גאָר אָן אַ זייט, גאָר בעזונדער שטעהט דער גרויסער פּאָעט קנוט האַמסון, וועלכען עס האָט אויך געבאָרען דאָס גליקליכע נאָר־וועגיען.

ער מאַטערט זיך אויף פונאַנדערצובינדען דעם וועלט־קנויל, צו ענטדעקען דעם גרויסען סוד, און אין דערזעלבער צייט איז ער אַליין אַ גרויסער סוד. ניין, נאָך נישט דאָס! צייטענווייז דוכט זיך, אַז ער, קנוט האַמסון, וויים די בעהאַלטענע, פערבאָרגענע טיר פון אמת, נאָר אוים ליעבע, אוים רחמנות מיסטיפיצירט ער דעם לעזער, ווייל איהם נישט אויסזאָגען און אַ דאַנק אזא שטענדיגען בעגעהן זיך, מאַקסט ער אוים אין אונזערע אויגען, ווי אַן׳אונפערשטענדליכע פי־גור, ווי אַ ספינקס, וועלכען עס ווילט זיך וואָס ניכער בעשיידען.

אין איינעם פון זיינע בעסטע, וואונדערבאַרע ווערק, „מיסטער־יען", דערצעהלט זיך אזא געשיכטע:

איינמאָל אין אַ שענעם זומער־פאַרנאַכט איז צוגעשוואומען צו אַ קליין נאָרוועגיש שטעדטיל, וואָס ליגט ביים ברעג ים, אַ דאַמפּפער, פון וועלכען עס איז אַרוים אַ יונגער מאַן מיט דעם נאָמען יאָהאַן נאַגעל.

דאָס שטעדטיל איז געוועזען אַ קליינס, אַ געמיינס, פונקט ווי

די איינוואוינער, אין איהם. יאהאן נאגעל, וועלכער האט אייגענט־ליך געהייסען אנדערש, איז געוועזען א היילינגער פסעוודאָנים: זיין אויפפיהרען זיך, זיינע פאראדאָקסאלע מעשים, זיין נאך מעהר פאראדאָקסאלער רעדען אָהן אנ'אויפהער, אָהן א מאס, האט ארויסגערו־פען ביי אלע איינוואוינער א מאָדנע אונרוהיגקייט, א גייסטיגע נערוועזיטעט. ווער איז ער? וואס טוט ער צווישען אונז? וואס בעדארף ער? פון וואנען קומט ער? וואו און וואס איז זיין פערגאנגענהייט? קיינער האט אויף די פראגען נישט געקענט געבען קיין ענטפער. ווי בלינדע האפּע זיי געבלאנדזשעט ארום דער אונפערשטענדליכער פי־גור, געטאפּט מיט נייגיריגקייט די טירען צו זיין נשמה, געקלאפּט אין די לאָדען, געוואַרט אויף אנ'ענטפער און איהם קיינמאל נישט בעקומען, נישט געשטילט אפילו אויף איין רגע די נייגיריגקייט, נישט געוואוסט אפילו אזא קלייניגקייט, צי שפּיעלט יאהאן נאגעל פידעל צי נישט. די אָרימקייט, די מאכטלאָזיגקייט פון נאגעל'ס נייע בעקאנטע טרעט ארויס מיט א טראגישער דייטליכקייט אין דעם מאָמענט, ווען זיי ווילען וויסען, צי איז נאגעל א מוזיקאנט אָדער נישט. ווען נאגעל האט צוזא־מען מיט זיינע זאכען געבראכט אין האָטעל א פוטליאר, האט קיינער נישט געצווייפעלט, אז ער שפּיעלט, דערנאך האט זיך אויסגעלאָזען, אז אין פוטליאר איז געלעגען וועש. געלאכט א ביסעל פון דעם אָרי־גינעלען וועש־טשעמאָדאן און בעשלאָסען, אז נאגעל האט קיין שייכות נישט צו מוזיק. מיט אמאל... ביי דעם שטאָדטישען דאָקטאָר איז געוועזען אנ'אָוועַנד, אימיצער האט געבראכט מיט זיך א פידעל, נאגעל נעהמט עטליכע אקאָרדען און אלע ווערן נשתומם פון די געטליכע מעלאָדיען. „שפּיעלט, שפּיעלט" בעטען איהם אלע, נאר נאגעל ווארפט אוועק די פידעל, צולאכט זיך, און מיט זיין שטארקען דיאלעק־טישען טאלאנט דערוויזט ער, אז דאס, וואס ער האט אקאָרשט גע־שפּיעלט, איז פאלש און דורכאויס נישט מוזיקאליש. די געסט זע־נען מיט איהם מסכים און וויסען אלץ נישט, וואס איז אם ענדע יאהאן נאגעל: אנ'אמת'ער מוזיקער אָדער אנ'איינפאכער, אָרימער די־לעטאנט.

נאגעל איז שטענדיג כמעט צווישען זיי, רעדט, דיספּוטירט; נאר אנ'אָנזועהענדיגע וואנט טיילט אב נאגעל'ס אינערליכען לעבען, נאגעל'ס פערגאנגענהייט פון די צופריעדענע קליינשטעדטעלדיגע ביר־גער; זיי וויסען איהם נישט, זיי פערשטעהען איהם נישט. נאגעל,

נישט קוקענדיג אויף זיין אָפּענעם, געזעלשאַפטליכען לעבען, איז דאָך אַ רעטעניש, אַ סוד . . . „אַ מאָדנער מענש", „אָריגינעל", פּרובט מען זיך בענוגענען מיט ווערטער. נאָר פּערפאַלען, — נאַגעל האָט שוין אַלעמען פּעריצויבערט, אַלעמען פּערהאַפּט.

. . . . דער דאַמפּפער, וואָס איז צוגעשטאַנען צום קליין שטעדטיל אין אַ שענעם זומער־פאַרנאַכט, האָט מיט זיך געבראַכט אַ מענשען, וועלכער האָט געוואוסט פון ניטשע'ס רעצעפּט: קורץ מאַכען דעם לעבען, אויף וויפיעל איהם ווילט זיך, אין דעם מאָמענט, ווען די ליידען חאַפּען אַריבער די מאָס . . .

יאָהאַן נאַגעל האָט אויסגעמאָסטען אַלע וועלטען, אַלע לענדער, אויף זיין האַרץ זענען אָבגעפּרעסט אַלע יסורים, וועלכע בעפאַלען יעדער טיעפער נאַטור; ער האָט געוואוסט די ערשטע ווערטער פון קהלת, ער האָט געוואוסט, אַז אין איין פריהמאָרגען וועט געשעהן דאָס, וואָס ס'דאַרף געשעהן; נאָר ער האָט ליעב געהאַט די נאַטור מיט אַלע איהרע בעשעפעניש, אפילו דעם מענשען ליעב געהאַט מיט אַ מאָדנער טרייער פאָטער־ליעבע, מיט אַ רחמנות־ליעבע. יאָ! נאַגעל האָט ליעב געהאַט דעם מענשען אפשר דערפאַר, וואָס ער „ווייס", און זיי „ווייסען" נישט דאָס עפּיס, דעם אמת. אפשר דערפאַר, וואָס זיי וועלען אַמאָל קענען דעם אמת, נאָר פאַר'ן אָבשיידען זיך מיט דער וועלט, פאַר'ן פּראַוועון די הייליגע מעסאַ פאַר אַלע נאַטור־הערליכקייטען און שענקייטען, וואַרפט ער וואַרימע, ברידערליכע שטראַהלען אויף אַלעמען, מיט וועמען ער בעגעגענט זיך. נאַגעל איז אַ פּעסימיסט, און אין דער צייט, ווען דער פּעסימיזם פלאַנצט איין ביי שאָפּענהויער'ן אַ אינטענסיווע פיינדשאַפט צום מענשען, דריקט איהם נאַגעל פעסט, פעסט צו צו זיין ברוסט. שאָפּענהויער שטויסט אַריין אין אַ רינשטאָק אַן'אַלטע פרוי, וועלכע האָט איהם נישט אָבגעטראָטען אַזוי גיך דעם וועג; נאַגעל טראָגט זיך אַרום פון שטוב צו שטוב מיט אַ געטליכען קדושה־שמייכעל, פלוידערט, דערצעהלט לעגענדען, טרייסט, ווי אַ גוטער פאַסטאָר.

אַזאַ איז נאַגעל.

און ווען די שטילע טיעפקייטען פון נאָרוועגישען פיאָרד האָבען נאָך האַלבער נאַכט צוגענומען נאַגעל'ן מיט זיין גרויסען סוד, האָט דאָס קליין שטעדטיל אַ צייט, אַ צייט נאָכדעם וועגען איהם געטראַכט, גע'חלומ'ט. דער אָריגינאַל נאַגעל האָט בעדעקט מיט אַ פאַנטאַסטישען

חלום־שלייער זייער קליין וועלטיל.

דאָס וועלטענע בוך זיינם ענדיגט האמסון מיט דעם פאָלגענדען לויה־בילד:

„אין אַפּריל דיזען יאָהר, איינמאָל שפּעט ביי נאַכט זענען אַי־בער'ן גאַס געגאַנגען דאגני מיט מאַרטאַ'ן, געגאַנגען פון געסט אַהיים. ס'איז געווען פינסטער; ערגיץ וואו איבער'ן וועג זענען נאָך געלעגען שטיקער אייז, דעריבער זענען די טריט זייערע געווען לאַנגזאַמע און פאָרזיכטיגע.

— איך טראַכט איבער אַלץ, וואָס איז היינט אין אָווענד גע־רעדט געווען איבער נאַגעל'ן, — האָט געזאָגט דאַגני.

— איך האָב נישט געהערט, ענטפערט מאַרטאַ, — איך בין אַרויס פון צימער.

— נאָר איין זאַך האָבען זיי נישט געוואוסט, — זאָגט ווידער דאגני. — נאָך אין פאָריגען זומער האָט מיר נאַגעל געזאָגט, אַז מיט מינוטטאַ'ן וועט זיך שלעכט ענדיגען. איך פערשטעה נישט, ווי האָט ער שוין דאַמאָלס געקענט וויסען.

זיי זענען אַרויס אויפ'ן וועג, וועלכער פיהרט צום פּאַסטאָר'ס הויז; דער וואַלד, דער פינסטערער און שטילער, האָט זיי אַרומגע־רינגעלט; עס האָט זיך קיין זאַך נישט געהערט אויסער זייערע טריט איבער דער האַרטער, פערפרוירענער ערד.

נאָך אַ דויערנדען שוויינען האָט דאגני ווידער געזאָגט:

— דאָ פלעגט ער שטענדיג געהן.

ווער? ענטפערט מאַרטאַ. — ווי גליטשיג; פילייכט ווילסטו נעהמען מיין האַנד.

און שטיל זענען זיי געגאַנגען זייער וועג, געאַרעמט, צוטוליענ־דיג זיך פעסט איינע צו דער צווייטער".

אין דעם עלעגישען קורצען דיאַלאָג גיט איבער האמסון נישט נאָר די יתום'דיגע עלענדקייט פון דאַגני מיט מאַרטאַ'ן, נאָר אויך די עלענדקייט און דעם טרויער פונ'ם גאַנצען שטעדטיל, וואָס האָט אַנגעוואָרען דעם טייערען אונבעקאַנטען. נישטאָ נאַגעל, געשטאָרבען נאַגעל, און מיט איהם זענען אַוועק שטיקער וועלטען...

אַזאַ איז נאַגעל, איינער פון די טיעפסטע העלדען אין האַמ־סונ'ס ווערק.

II.

איך האָב נאָך גאָרנישט געזאָגט וועגען האַמסונ'ען און אַזוי פיעל גערעדט וועגען איין פערזאָן פון זיין רייכער גאַלעריע. דאָס איז אָבער נישט בלויז אַ צופאַל, אַ קאַפּריז.

יעדעס מאָל, ווען איך פרעג זיך זעלבסט, וואָס האָט מיר געגעבען האַמסונ'ס ווערק, דערמאָן איך מיך אָן דעם צויבער, אָן דער גייסטיגער נערוועזיטעט, אָן דעם נשמה-גערודער און דער אינערליכער אונרוהיגקייט, וועלכע עס האָט אַרויסגערופען יאָהאַן נאַגעל, מיט זיין פלוצלונגען קומען, מיט זיינע פּאַראַדאָקסען, מיט זיין פּאָטערליך-ליידענדער ליעבע צו אַלעמען, מיט זיין אונערוואַרטעטער געטליכער מעלאָדיע, מיט זיין קינדערשער התפעלות פאַר דער נאַטור, מיט זיין לאַכען און וויינען, מיט זיין ביטערען סאַרקאַזם און טיעפען ליריזם.

און יעדעס מאָל, ווען איך פערמאַך דאָס לעצטע בלאַט פון האַמסונ'ס בוך, פיהל איך דאַגני'ס עלענדקייט. עפּיס ביז גאָר שענעס, ביז גאָר הערליכעס איז אַוועק, אַוועק...

„נאַגעל איז האַמסון", ווילט זיך דעם קריטיקער זאָגען.

„נאַגעל איז נישט האַמסון", ווילט זיך איהם זאָגען. נאָר מען דאַרף די עהנליכקייט פערשטעהן נישט גראָב, נישט פראָסט. ווען ערנסט רענאַן האָט פערעפענטליכט זיינע בעריהמטע „פילאָזאָפישע דיאַלאָגען", האָבען אַ סך געמיינט, אַז אַלע דיספּוטאַנטען זאָגען אַרויס רענאַנ'ס מיינונגען. ניין, האָט פּראָטעסטירט רענאַן, נישט אַזוי דאַרף מען עס פערשטעהן. מיינע העלדען זענען נאָר עדות פון די פערשיעדענע וועגען, איבער וועלכע מיין מאַרך פיהרט זיין אַרבייט אין פערשיעדענע מאָמענטען...

געוויס איז נאַגעל נישט האַמסון אין פראָסטען זין און געוויס איז נאַגעל האַמסון, אויב מיר וועלען בעזייטיגען אַלע אויסערליכע מאָמענטען און אָבשטעלען זיך אויף דעם האַסטיגען נשמה-ווידוי, וואָס מיר געפינען אין „מיסטעריען".

פלוצלונג, פונקט ווי נאַגעל, האָט זיך בעוויזען האַמסון אויף דעם נאָרוועגישען האָריזאָנט און באַלד געוואונען נייגיריגע אויפמערקזאַמקייט. ניי איז געווען זיין אַרט שרייבען, רעדען. מיט דער ערשיינונג פון האַמסונ'ס „הונגער" האָט זיך געעפענט אַ גאַנצער קוואַל פון הייסער סימפּאַטיע צו איהם: אַזוי איז נאָך קיינמאָל ביז איצט נישט

בעריהרט געוואָרען די סאָציאַלע פראַגע. האַמסון האָט אַרויסגעטראָגען אַ בעשולדיגונגס־אַקט דער גאַנצער געזעלשאַפט, נישט אָנווענדענדיג אפילו איינעם פון די בעליעבטע שאַבלאָן־מיטלען. דאָ איז נישטאָ אַ סימן פון הויפטמאַנס „וועבער" און נאָך ווייניגער פון יושקעוויטשעס סאָציאַלע „קאַראַאולען" און גוואַלדען. איהר זעהט נישט קיין גרויסען באַרג מיט צוקאַלעטשעטע, אויסגעקרימטע קערפּער, איהר הערט נישט קיין שרעקליכע געשרייען. האַמסונ'ס בוך, זיינע הונדערטער בלעטער, דערצעהלען וועגען אַ יונגען מאַן, וועלכער הונגערט, אָדער ריכטיגער, אַ יונגער מאַן גיט זעלבסט אויף הונדערטער בלעטער אַ שוידערהאַפטע ערצעהלונג, ווי ער הונגערט, ווי ער שפּאַצירט איבער די חריסטיאַנער גאַסען און בייסט די אייגענע פינגער, כדי צו שטילען דעם הונגער. האַמסונ'ס העלד דערצעהלט וועגען זיינע איבערלעבענישען, זיינע ליידענישען אויף די קאַלטע, נאַסע טראָטואַרען, וועגען זיין איינזאַמען בלאָנזשען — אָפּטמאָל אין אַ הומאָריסטישען טאָן; נאָר דעם לעזער חאַפּט אָן אַ שוידער. פון האַרץ רייסט זיך נישט ווילענדיג אַרויס אַ פּראָטעסט־געשריי געגען דער פאַלשער אונגערעכטיגער וועלט־אָרדנונג, וועלכע וויל זיך נישט צוהערען צו די ליידען פון דעם איינזאַמען מענשען. דעם פּראָטעסט רופט אַרויס האַמסון נישט מיט דער הילף פון וואָלוועלע עפעקטען: פערקעהרט, אין קלייניגקייטען, אין אַ דעטאַל גיט זיך דעם זעלטענעם קינסטלער איין צו פערוויקלען די גרעסטע טראַגעדיעס. ווען האַמסון וויל אַרויסרופען ביים לעזער, ביי דער וועלט קללות, האַס צו דער איצטיגער געזעלשאַפט מיט איהר סיסטעם, דאַרף ער זיין העלד דערצעהלען, ווי פון הונגער קריכען ביי איהם אויס זיינע שוואַרצע האָר: אין דער פריה, ווען ער וואַשט זיין געזיכט, ווערט די שיסעל וואַסער בעדעקט מיט זיינע האָר, און די הויז־דיענסט לאַכט...

נאָר — אַזוי זענען שוין בעשאַפען אַלע האַמסונ'ס העלדען — מיט די פיס טרעטען זיי די ערד, און די אויגען קוקען אין ווייטע וועלטען, און די נשמה שטרעבט צום הימעל. אַלע זענען זיי פערוויעגט אין אַ פאַנטאַזיע־וויגעל.

דער הונגער האָט נישט געקאָנט צושטערען אַלע אויסגעצירטע פּאַלאַצען, וועלכע האַמסונ'ס העלד האָט שטענדיג געמאָלט. האַמסונ'ס העלד געפינט זיך אין דעם פאַנטאַסטישען קרייז, און די ערשטע

פרוי, וועלכע ער בעגעגענט אויף זיין וועג, גיט ער אַ מאָדנעם נאָמען: אילאַיאַלי.

הערט זיך צו גוט צו דעם קלאַנג פון דעם פאַנטאַסטישען נאָמען: א — י — לאַ — יאַלי. עס שמעקט מיט גן־עדן־ריחות, עס חלומ'ט זיך אַ בלויער טייך, שטילע חוואַליעס, אויף וועלכע עס הוידעט זיך אַ נאַכט־סירענע, זינגט אַ ליעד און פלעכט איהרע גאָלדענע צעפּ.

אילאַיאַלי! — דאָס איז אַ אָריגינעלע נקמה פון דעם איינזאַמען הונגעריגען.

איהר האָט מיך אַרויסגעוואָרפען אויפ'ן מיטען גאַס, איהר האָט מיך געלאָזען נעכטיגען אין שטאָדט־גאָרטען, איהר האָט פערשלאָסען טיר און טויער, — נו איז וואָס? מיר איז בעסער פון אייך, איך האָב אַנ'אייגען קעניגרייך, איך זינג שיר השירים מיין געליעבטער, מיין לעגענדע־פרוי:

אילאַיאַלי...

דאָס בוך „הונגער" האָט געמאַכט האַמסונס נאָמען פּאָפּולער. נאָר ווען עס איז אַרויס האַמסונ'ס „פּאַן", זענען אַלע פערוואונדערט געבליבען שטעהן אַ ווײַלע, פונקט ווי נאַגעל'ס קליינשטעדטעלדיגע בעקאַנטע, נאָכדעם ווי עס האָבען אָנגעהויבען שוועבען די געטליכע מעלאָדיען. „זאָג, ווער ביסטו?" האָבען געפרעגט די פערוואונדערטע, און קנוט האַמסון, ווײַטער פונקט ווי יאָהאַן נאַגעל, בעגוגענט זיך מיט אַ פּאַראַדאָקס, מיט אַ גלייכווערטיל און בלייבט ווידער דער גרויסער נסתר, דער וואונדערבאַרער אונבעקאַנטער. אויף דער ביטע פון זיין דייטשען פערלעגער אלבערט לאַנגען אָנצושרייבען אַ ביאָגראַפיע, ענטפערט האַמסון:

„איך בעט אייך, זייט אַזוי פריינדליך און שרייבט אַליין אָן די ביאָגראַפיע. הויבט אָן פון דעם 4־טען אויגוסט 1860, ווען איך בין געבוירען געוואָרען, און געהט אַזוי ווײַטער מיט פיעל שענע ווערטער ביז הײַנטיגם יאָהר".

נאָר זעלטען, זעלטען ערלויבט זיך האַמסון עפענען אַ ביסעל די טיר פון זיין פערגאַנגענהייט און דאַן גיט זיך אונז איין אַרייַנצוקוקען אין אַ רייכען פאַנטאַסטישען לעבענס־בלאַט. אַמאָל האָט טאַקי ליעב האַמסון רעדען צו זיך אַליין, דערמאָהנען זיינע קינדהייטס־יאָהרען.

לאָמיר אויסנוצען די גינסטיגע מינוטען, ווען דער גרויסער קינסטלער וואַרפט פון זיך אַראָב דעם פּאַנצער, לאָמיר הערען, וואָס דערצעהלט וועגען זיך קנוט האַמסון. דאָס וועט אונז העלפען פערשטעהן זיינע ווערק, דאָס וואַרפט ליכט אויף פיעל פון זיינע העלדען אָדער, ריכטיגער, אויף איין איינציגען העלד, וועלכער הערשט אין אַלע זיינע ווערק און הייסט... האַמסון...

וואָרום אומעטום, וואָרום שטענדיג שרייבט האַמסון זיך זעלבסט.

„איך געדענק — רעדט צו זיך האַמסון אין זיין רייזע־בוך — פון מיינע קינדהייטס־יאָהרען איינע אַ מאָדנע נאַכט, אַ שטילע זומער־נאַכט, בעלויכטען מיט לבנה־שיין. איך בין געזעסען אין שיפעל, אָבלאָזענדיג די רודער. אַלע וואַסער־פויגלען האָבען געשוויגען און קיין לעבעדיגע זאַך האָט זיך נישט בעוועגט אויף דער ערד. דאַן איז אַרויסגעשוואומען אַ קאָפּ, פון וועלכען עס האָבען גערונען טראָפּענס וואַסער. דאָס איז ג׳ען מעהר נישט ווי אַ וואַסער־הונט, נאָר ער האָט אויסגעזעהען, ווי אַ בעשעפעניש פון יענער וועלט״.

אַ וואַסער־הונט, וועלכער זעהט אויס, אַ דאַנק דעם קינדס רייכער פאַנטאַזיע, ווי אַ בעשעפעניש פון יענער וועלט, אַן׳איינפאַכע שטאָרטיגע פרוי, וועלכע, אַ דאַנק דער פאַנטאַזיע, הייסט אילאַיאַלי. ווי אַלץ איז כאַראַקטעריסטיש פאַר האַמסונ׳ען, פאַר זיין אַרט מאָלען און שרייבען.

„איך זעץ זיך אויף דר׳ערד און קוק אין הימעל, און אַזוי ווי איך געהער צו דעם מין מענשען, וועלכע האָבען נאָך נישט געבראַכט אין אַ געוויסע אָרדנונג אַלע פראַגען וועגען גאָט, זיץ איך אַ געוויסע צייט פערטיפט אין געדאַנקען וועגען גאָט און זיינע בעשעפענישען. אַלץ מעהר און מעהר גיב איך זיך איבער מיינע חלומות און טראַכט שוין נישט וועגען שלאָפען. די בערג שטעלען זיך מיר פאָר, ווי עפּעס אונגלויבליכעס, פונקט ווי זיי וואָלטען געקומען פון ערגיץ ווייט און אַוועקגעשטעלט זיך גראָד נעבען מיר.

ווי אַלע מענשען, וועלכע זענען געוועהנט צו איינזאַמקייט, האָב איך ליעב רעדען אָפטמאָל מיט זיך אַליין; איך טו זיך אַריין אין זיך זעלבסט, ווער אויפגערעגט פון פערגניגען און רעד אויפ׳ן קול.

עפּים פרעהט זיך די נשמה. איך פיהל, אַז איך וואָלט געקאָנט דאָ לאָזען וואָרצלען און לעבען אין אַזאַ טייערער וויטעניש פון דער גאַנצער וועלט.

איך קוק דעם לעצטען מאָל אין טאָל אַריין, דאָרט לינקס, וואו
עס זעהען זיך גרינע פעלדער, סטאַדעס שעפסען און הייזער. איך
געפין דאָ אַלץ אַזוי הערליך שען, אַזוי פיעל פריעדען און רוהע.
איבער די סטאַדעס, הויך, הויך אין די בערג שוועבען אָדלער׳ס. אַ
יום־טוב׳דיגע שטימונג הערשט איבער׳ן טאָל. היינט וועט זיך דער
פאַסטוך געוויס אויספוצען לכבוד זיין געליבטער".
אַזוי רעדט צו זיך אַליין קנוט האַמסון אין דער צייט פון זיין
רייזע איבער קאַווקאַז, די רייזע, וועלכע האָט אויף איהם געמאַכט
דעם גרעסטען איינדריק; אַזוי עפּעס ער אַ ווײַלע דעם פאָרהאַנג,
כדי איהם ווידער צו פערמאַכען, כדי ווידער אָנצוציהען אַ מאַסקע אויף
זיין געזיכט.
דאָס בוך „אין וואונדער־לאַנד", אין וועלכען האַמסון רעדט אָפּט־
מאָל צו זיך זעלבסט און וועלכעס האָט אונז געגעבען די מעגליכקייט
צו זעהען כאָטש אַ קלייניקען ווינקעל פון זיין פערבאָרגענער נאַטור,
איז פול מיט בלעטער, וועלכע שילדערן האַמסונ׳ס פאַנטעאיסטישע
ליעבע צו אַלץ, וואָס לעבט, צו דער גאַנצער נאַטור מיט אַלע גרויס־
קייטען און קלייניגקייטען. דאָס איז נישט קיין מאַרך־פאַנטעאיזם —
האַמסון האָט אפשר קיינמאָל נישט שטודירט די פילאָזאָפישע סיסטע־
מען. זיין פאַנטעאיזם, זיין צונויפגיסען זיך מיט דעם קאָסמאָס געהט
פון האַרצען. ווי שטאַרק האַמסון דערמאָהנט דאָ, אַזוי ווי מיט זיין
איגנאָרירען אַלע ליטעראַטור־טראַדיציעס און פאָרמען, — ווי שטאַרק,
זאָג איך, ער דערמאָהנט דאָ דעם באַרד פון דער אַמעריקאַנער פּאָ־
עזיע — וואַלט וואַיטמאַן!
אין אַ פּראָסטער, און אין דער זעלביגער צייט פּאָעטישער,
שפּראַך דערצעהלט האַמסון, ווי פאָהרענדיג איבער קאַווקאַז, איבער
בערג און טאָלען, אין אַ הייסען זומער־טאָג האָט זיי געגעסען דער
שטויב. נאָר אין אַ ווינקעל האָבען זיי בעמערקט, ווי עס וועלקען,
שמאַכטען בלומען פון היץ, פון דאָרשטיגקייט, פון שטויב. האַמסון
שטעלט אָב דעם עקיפּאַזש, ער מיט די איבעריגע מיטפאָהרער קריכען
אַרויס, ווישען אָב דעם שטויב פון די טרויעריגע, גוסס׳דיגע בלי־
מעלעך און בעשפּריצען זיי מיט פרישען וואַסער.
אויפ׳ן מיטען וועג שטעהען אויסגעשפּאַנט אַ סך וועגען מיט
פרוכטען, די פערד עסען מאַיס און די בעלי־עגלות שלאָפען. האַמ־
סון בעמערקט, אַז איין פערד האָט מען געגעבען וועניגער מאַיס.

ווידער אָבגעשטעלט דעם עקיפּאַוש, אַרויסגעקראַכען, אַרײַנגעשיט אין זאַק פון דעם בעלײַדיגטען פערד נאָך זעטיגע קערנער.

און אַזוי ווײַטער, און אַזוי ווײַטער.

בײַ איהם זענען אַלע — טײַערע בעשעפענישען פון איין גרויסען פאָטער, און ווען האַמסון זעהט די גראָבקײַט פון דעם מענשענס נאַטור, מאַכט דאָס אויף איהם דעם שווערסטען און טיעפסטען אײַנדריק.

האַמסון שטעהט אָפט אַ פערוואונדערטער פאַר דעם מענשענ'ס אונבעגרײַפבאַרער טבע צו פערשאַפען דעם צווײַטען לײַדען, צו טאָן שלעכטס. געדענקט איהר די שרעקליכע סצענע אין „הונגער", ווען קלײנע קינדער פײַניגען אַ אַלטען פּאַראַליטיקער, נעהמען דינע שטרויעלעך און רײַצען זײַנע נעזלעכער, שציפּען איהם, רײַסען, און ער, דער אונגליקליכער פּאַראַליטיק, זיצט און קאָן זיך נישט אַ ריהר טאָן? אָדער די סצענע, ווען נאַגעל'ס בעקאַנטע אין „מיסטעריען" מאַכען שפּאַס, בעלײַדיגען אומזיסט דעם אונגליקליכען מינוטטאַ?

וואָס שטופּט דעם מענשען צו טאָן שלעכטס, צו בעלײַדיגען אַ שוואַכערען, אָנצוטאָן יסורים דעם צווײַטען? דאָס פערנעהמט אָפט האַמסונ'ען.

אין אײנער פון זײַנע סקיצען בעשרײַבט האַמסון דעם לעבען פון פיש־האַפּער בײַ „די ברעגען פון ניופאַונדלאַנד" און שטעלט זיך ווידער אָב אויף דעם אויבען אָנגעוויזענעם פּראָבלעם:

„אָפטמאָל פּלעגען מיר האָבען אַ גאַנץ אוננאַטירליכען פערגניגען צו מאַטערן די פיש, גאָר פּשוט אונזערע אײגענע פיש. דער עיקר זענען די בײדע רוסען געווען פערריקט אויף דעם. זײ פלעגען אָננעהמען די גרויסע פיש בײַ די קעפּ, אַרײַנרוקען די פינגער אין די ווײַסע אויגען און זײ האַלטען אַזוי אין דער הויך, און בעת מעשה פלעגען זײ קוקען אויף זײ און לאַכען מיט אַ מאָדנעם געלעכטער".

אויף אַלץ הענגט אַ סוד, פינסטער איז דער לאַבירינט פון דעם מענשענס נשמה. ער איז אין איין און דערזעלבער צײַט אי אַ גרויסער בעל־רחמים, אי אַ גזלן. ווי אַ געטרײַע מוטער שאַרט ער אַראָב דעם שטויב פון בלימעלע, מינטערט עס אָב צום לעבען, און אין אַ ווײַלע אַרום רוקט ער אַרײַן די פינגער אין די ווײַכע אויגען פון די שוואַכע פיש און לאַכט, לאַכט.

אַ סך, אַ סך בײַשפּיעלען פון דעם קאָנטראַסט איז אויסגעקומען

זעהן האַמסונ'ען אִין זײַן וואַנדער־לעבען, אִין די אַמעריקאַנִישע פּרעריעס, אִין ניוּיאָרק, אִין קאָלאָראַדאָ, אִין טערקײַ, אִין פּערסיען, אִין טעלאַס. אומעטום האָט האַמסון געלערנט דעם מענשענס נאַטור און פִילײַכט פון גרוים לערנען, פון גרוים קענען האָט ער ליעב אַזוי אָפט צו פאַנטאַזירען וועגען אַנ'אײַנזאַמען לעבען ווײַט פון מענשען אִין אַ גרינעם, גרינעם וואַלד...

III.

„פאַן", דאָס געניאַלע האַמסונ'ס בוך, דערצעהלט אונז די געשיכטע פון אײנעם אַ געוועזענעם אָפיציר טאָמאַס גלאַן, וועלכער האָט אָבגעשטויסען פון זיך דעם שטאָדט־טומעל, די אײַנגעגעסענע הודזשערײַ פון דעם מענשענס קולטור און בעזעצט זיך אִין וואַלד אִין שכנות מיט הימלען און שטערען, מיט חיות און פויגלען. ער היט דעם זונענאויפגאַנג און בעגלײט די זון זומער פאַרנאַכט אִין איהר געצעלט; ער ווײס די צײַט, ווען עס שלאָפען די פויגלען, ווען זײ האַפּען זיך אויף; ער פערשטעהט דעם לשון פון די גרינע בלעטער, נעהמט אַנ'אַנטײל אִין דער געטליכער שושקערײַ פון דער גאַנצער נאַטור, ער זינגט שירה.

ער זינגט און ווײס נאָך נישט, אַז איהם היט שוין די מיסטישע, טראַגישע ליעבע, אַז דעם שטאָדט־סוחר'ס טאָכטער עדוואַרדאַ פערשפרײט שוין איהרע נעצען און גרײט זיך צוצונעהמען זײַן רוהע, צושטערען זײַן נשמה־האַרמאָניע.

דער ווילדער פילאָזאָף־יעגער, דער מיזאַנטראָפּ טאָמאַס גלאַן ליעבט עדוואַרדאַן. עדוואַרדאַ איז אויך פערצויבערט פון דער לעגענדע, וועלכע שוועבט איבער דעם אײַנזאַם־בלאָנדזשענדיגען אָפיציר, נאָר בײַ האַמסונ'ען איז די ליעבע שטענדיג טראַגיש. עמיצער אַ דריטער, ערגיץ דאָרט הויך, גאָר הויך, לאָזט קײנמאָל נישט צו שטאַרק פערליעבטע נאָהנט אײנעם צום אַנדערן; אַנ'אונפערשטענדליכער, פער'כשופ'טער קרײַז האַקט איבער זײער וועג.

די ליעבע איז אַלעמאָל טראַגיש... יאָהאַנעס, דעם מילנער'ס זוהן, און וויקטאָריאַ, דעם באַראָנס טאָכטער, נאַגעל און דאַגני,

טאַמאַס גלאַן און עדוואַרדאַ, — דאָס זענען אַלץ טראַגישע בלעטער פון אַ מאָדנע שטאַרקער, מיסטישער ליבע, וועלכע האָט קיינמאָל נישט קיין גליקליכען סוף. דאָס זענען אַלץ עלענדישע ערצעהלונגען וועגען נשמות, וועלכע ווילען זיך צונויפגיסען אין איין ליעבעס־הימן און קאָנען נישט, און בלייבען צושיידט, און געהען אויס מיט בלוט, און שטאַרבען פון שמערץ, און זענען דאָך טראַגיש־גליקליך.

ביי האַמסונ'ען איז דאָ אַ ספּעציעלער אויסדריק פאַר זיינע איינגעליעבטע העלדען: „גאָט האָט איהם געשטראָפט מיט ליעבע"...

נאָר דאָס איז אַ הייליגע שטראָף, וועלכע שטעהט אפשר העכער פון דער לייכט־דערגרייכטער ליעבע.

אַ סך ליידען האָט פערשאַפט גלאַנען זיין געליעבטע עדוואַרדאַ, זי האָט איהם אָבגעשטויסען. זי האָט צוגענומען זיין אינערליכע רוה; פון דער אַנדערער זייט, עוואַ, געהט, ווי אַ קרבן. וועמעס ליעבע איז טייערער, וועלכע ליעבע שטעהט העכער?

טאַמאַס גלאַן ענטפערט אויף דעם מיט פאָלגענדע שטילע, פערטראַכטע ווערטער:

„ווי אַ יונגעל האָט ער זיין מיידעל געליעבט, ער האָט עס אָפט גערופען זיין גליק און זיין טויב, און עס האָט אַ הייס'ן, רוישינגען בוזים געהאַט. ער האָט געזאָגט: גיב מיר דיין האַרץ! און זי האָט עס געטאָן. ער האָט געזאָגט: קאָן איך ביי דיר עפּיס בעטען, געליעבטע? און בערוישט האָט זי געענטפערט: יאָ. זי האָט איהם אַלצדינג געגעבען, און ער האָט זי דאָך נישט געקענט.

די אַנדערע האָט ער געליעבט, ווי אַ שקלאַף, ווי אַ וואַהנזיניגער און ווי אַ בעטלער. פאַרוואָס? פרעג דעם שטויב אויפ'ן וועג און דאָס בלאַט, וואָס פאַלט אַראָב פון בוים, פרעג דעם לעבענס רעטזעלהאַפטען גאָט; וואָרום קיין אַנדערער ווייס נישט פון אַזעלכע זאַכען.

זי האָט איהם גאָרנישט געגעבען, ניין, גאָרנישט, און ער האָט איהר פונדעסטוועגען דאָך געדאַנקט. זי האָט געזאָגט: גיב מיר דיין פריעדען און דיין פערשטאַנד! און ער האָט זיך בלויז מצער געווען, וואָס זי האָט נישט ביי איהם זיין לעבען געבעטען"...

קיינער, אַ חוץ גאָט, ווייס נישט, פאַרוואָס האַמסונ'ס העלדען דערגרייכען קיינמאָל נישט זייער ציעל.

אין וויקטאָריאַ געהט אויס, און וויקטאָריאַ, צו וועלכער עס

האט דעם גאנצען לעבען געשטרעבט יאהאנעס דער פאעט, דעם מילנערס זוהן — וויקטאריא נעהמט צוגויף איהר לעצט ביסעל כחות און שרייבט איהר בריעף, איהר ווידוי:

„איך לייד שוין לאנג, יאהאנעס, איך לייד שוין, פון דער צייט חען איהר זייט געווען אין אויסלאנד. קומענדיג פריהלינגס-צייט אין שטאדט, האב איך אויך געליטען. איך האב פריהער נישט געוואוסט, ווי לאנג עס קען געדויערען די נאכט. פאר דער צייט האב איך אייך געזעהן צוויי מאל. איין מאל זענט איהר געגאנגען, עפעס זינגענדיג, און נישט בעמערקט מיך. איך האב געהאפט זעהן זיך מיט אייך ביי סעיער, נאר איהר זענט נישט געקומען. איך וואלט נישט גערעדט מיט אייך, איך וואלט נישט צוגעהן צו אייך, נאר איך וו.. .. דאנק-באר זיין, ווען איך וואלט אייך קענען זעהן, נאר איהר זייט נישט געקומען. דאן האב איך אנגעהויבען טראכטען: פיליייכט זייט איהר נישט געקומען צוליעב מיר. עלף א זייגער האב איך אנגעהויבען טאנצען, ווארום איך האב מעהר נישט געקאנט אריבערטראגען דאס ווארטען. יא, יאהאנעס, איך האב אייך געליעבט, דעם גאנצען לי-בען נאר אייך געליעבט. וויקטאריא שרייבט דיזע ווערטער, און גאט לייענט זיי".

וויקטאריא טאנצט פון גרויסע ליידען, איהר טאנץ גיט איבער איהר נשמה-ריטם, זי שוועבט איבערן פארקעט און איהרע אויגען זו-כען דעם לאנג ערווארטעטען, דעם געליעבטען. וויקטאריא טאנצט — און פאלט.

זי איז אויסגעגאנגען פון ליעבע.

אזוי פערשטעהט די ליעבע דער גרעסטער פון די איצטיגע פא-עטען, קנוט האמסון.

נאר אזוי פערשטעהט ער? דאס וואלט געווען ריכטיג, ווען האמסון זאל נישט זיין א רעטעניש. נאר מיר וויסען שוין, אז זיין פיגור איז שטענדיג ארומגערינגעלט מיט סודות, מיט שטומע געהיים-נישען. אט איז ער א לאכענדיגער פאון — און אין א ווילע ארום א וויינענדיגע סירענע.

דער אייגענער האמסון, וועלכער האט אין „פאן" און „וויק-טאריא" אזוי פערגעטערט, אזוי בעקרוינט די טראגישע ליעבע, — דער אייגענער האמסון שרייבט א סארקאסטישען פאמפלעט געגען דער ליעבע מיט זיין שוידערהאפטער ערצעהלונג „די שטים פון לעבען".

האמסון פערלאָזט וויקטאָריעס טויט־בעט און ניט די האַנד דעם חמורען סטרינדבערג׳ן.

ער האָט אונז אָקאָרשט דערצעהלט וועגען די טיפע הייליגע ליידען פון ליעבע, מיר זעגען געריהרט פון זיינע בילדער, פון זיינע ווערטער, און האמסון, זעהענדיג דאָס, ווענדט זיך פּלוצלונג צו אונז מיט די ווערטער פון איראָנישען פּאסטאָר, וועלכער האָט אַרויס־גערופען טרערען ביי זיינע צוהערער, ווען ער האָט זיי דערצעהלט פון די עוואַנגעלישע ליידען:

„ווייַנט נישט, קינדער מיינע, דאָס איז דאָך געוועזען לאַנג, און דערצו איז אפשר די גאַנצע מעשה א ליגען".

געשפּילעלט א געניאַלע ליעבעס־סימפאָניע, און דערנאָך בעמערקט: „די גאַנצע מעשה איז א ליגען"...

שווער צו פערשטעהן קנוט האמסונ׳ען, נאָר ווי גרינג איז איהם צו ליעבען...

אויגוסט סטרינדבערג.

די רייִנע, צארטע, מיט עלעגישע שטראהלען בעלויכטענע אפעליא, דערצעהלט איהר פאטער, פאלאני׳ען, וועגען האמלעט׳ן אזוי:

„כ׳האב גענייט ביי זיך אין צימער. פלוצלונג לויפט האמלעט אן: זיין פלאשץ אויף איהם צוריסען, זיין קאפ צושויבערט, נאקעט, זיינע זאקען צובונדען און אראבגעלאזען ביז דר׳ערד, זיין פנים בלייך, ווי קרייד, און ס׳בויגען זיך די קניע, די אויגען לייכטען מיט א טרויעריגען שיין, פונקט עס וואלט דער גיהנם אליין געשיקט איהם דערצעהלען וועגען זיינע שרעקען״...

אין די ווערטער מאלט זיך אוים פאר אונזערע אויגען דער גאנצער האמלעט. אט איז ער, דער ארימער פרינץ, שטארק פערוואונדעט פון דער אינערליכער טראגעדיע, וועלכער ער קען נישט לעזען; אויף די שוואכע פלייצעס ליגט אזא שווערע משא פון פליכט, זיין איידעל הארץ ווערט אזוי שטארק גערופען צו נקמה און די נשמה איז בעליידיגט, אזוי שטארק בעליידיגט.

ווי זאל דאס איין מענש אליין בייקומען?

אט דער ארימער פרינץ האמלעט דערמאנט זיך מיר שטענדיג, ווען איך טראכט איבער סטרינדבערג׳ן. נישט האמלעט, וועלכער רעדט צו זיך אליין מעלאנכאליש-שטיל, נישט דאן ווען ער שטעהט אויפ׳ן בית עולם און האלט אין האנד דעם סקעלעט פון בעריהמטען יאריקען, נאר דער האמלעט, וואס האט אקארשט דערוואוסט זיך פון זיין מוטער׳ס זינד, און דערוויסענדיג זיך, לויפט ער ארוים איבער דער סצענע מיט ווילדע געשרייען, ווי א פערוואונדעטע חיה...

אַלע בּיכער סטרינדבערג'ס זענען אָפענע וואונדען, טיפע, אָקאָרשט געעפענטע, וועהטאָגען זָקאָרשט פערשאַפטע.

פון די וועלט-טראַגעדיען, פון דעם מענשענס פאַלשקייט און אכזריות דערוויסט זיך סטרינדבערג שטענדיג צום ערשטען מאָל; די אַלטע טעמא, וועלכע ער האָט נאָך געלערנט אין די יונגע יאָהרען, איז פאַר איהם שטענדיג עפּעס ווי אַ נייע, אַ פרישע. דאָס איז אַ בּעזונדער אומגליק — געפינען זיך שטענדיג אונטער דעם שאַרפען מעסער פון דער טראַגעדיע.

איהם איז נישט בּעקאַנט נישט די עלעגישע בּעציהונג צום לעבּען, פון אַ ראָדענבּאַך צום בּיישפּיעל, אָדער פון אַ אָלאַ האַנסאָן, וועלכער ראַט שטיל מיט אויסגעגלאָצטע, דערשראָקען-פערוואונדערטע אויגען קוקען אויף אַלץ, קוקען און שווייגען. איהם איז אויך פרעמד דער איראָנישער קוק פון אויבּען אַראָבּ.

סטרינדבּערג וואָלט נישט געקענט זאָגען: „איך ווייס, אַז אַלץ טויג נישט, אַז אַלץ איז שלעכט, נאָר איך בּין שוין געוואוינט צו דעם און דערצו זיץ איך בּיי זיך אין צימער“.

סטרינדבּערג קען נישט זיצען פערשפּאַרט אין צימער. ער בּרעכט אַלע טירען, אַלע צוימען און לויפט שטענדיג אַרויס מיט אַ שרעקליכען געשריי פון אַ נאַר וואָס פערוואונדעטען.

זיין טעמפּעראַמענט איז אַ הייסער, אַ קאָכיגער. אַ גייסטיגער וואַנדערער, וואַרפט ער זיך פון איין גלויבּען צום צווייטען, פון איין לעהרע צו דער צווייטער.

וואָס איז שוין סטרינדבּערג ניט געוועזען אין זיין לעבּען?

אַ דעמאָקראַט, אַ סאָציאַליסט, אַ הייסער פערטיידיגער פון פרויען-עמאַנסיפּאַציע, אַ ניטשע'אַנער, אַ פרויען-פיינד.

ער האָט געשריבּען בּיכער אונטער דעם איינפלוס פון רוססאָ, דערנאָך פערגעסען רוססאָ און אומגעקעהרט זיך צו וואָלטערן. אַנהויבּענדיג מיט ליבּע צום פאָלק, צום פּעבּעל, האָט ער איהם דערנאָך פערשאָלטען. זיין בּוך „די פּאַריער“ (צאַנדאַלאַ) איז אַ ענערגישער פּראָטעסט געגען דעם אידעאַל פון גלייכהייט. סטרינדבּערג טרעט דאָ אַרויס אַלס אַ שטאָלצער אַריסטאָקראַט און לייענענדיג די בּלעטער פון דעם בּוך, דערמאָהנט זיך, נישט ווילענדיג, ניטשע'ס געשריי:

„דען מענשען זענען נישט גלייך, אַזוי זאָגט די גערעכטיגקייט, און דאָס וואָס איך וויל, דאָס טאָרען זיי נישט וועלען“.

סטרינדבערגס פּראָפעסאָר, וועלכער בעזעצט זיך צווישען די ציגײנער, צווישען די פּאַריער, „צאַנדאַלאַ", זעהט ווי אַלע זײנע אידעען ווערן איבערגענומען דורך גראָבע הענד און דורך דעם — פערשמוצט, פערדאָרבען. ער זעהט, ווי עס לײדט זײן אַריסטאָקראַטיזם דורך דעם מתחתן זײן זיך מיט די נידריגע.

עס דאַרפען נישט זײן קײן גלײכע, עס מוז עקסיסטירען דער בעלעטאַזש און דאָס קעלער-שטוב...

און ער זאָגט, סטרינדבערגס העלד:

„זאָלען זיך די קינדער פון דער צאַנדאַלע נעהרען מיט קנאָבעל און ציבעלע, זאָלען זײ טרינקען פון שמוציגע, מוטנע קוואַלען, זאָלען זײ זיך נישט וואַשען און נישט בויען קײן הײזער א. אַ. וו.".

דער זעלבער מאָטיוו פון שטאָלצען אַריסטאָקראַטיזם, הערשט אויך אין זײן בוך „צווישען די שכערען". דער אינזשענער-פילאָזאָף בארג מוז סוף כל סוף אַוועקוואַרפען די פיש-פאַנגער, צווישען וועלכע ער וואוינט און אַוועקשווימען אין אָפענעם ים, כדי קײנמאָל זיך נישט אומצוקעהרען.

סטרינדבערג איז אַ גרויסער אַרכיטעקטאָר. אַסך פּרעכטיגע געבײדעם האָט זײן זוכענדע, נײגיריגע און קראַנקע נשמה בעשאַפען. סטרינדבערג איז אָבער אויך אַ גרויסער צושטערער, — איך ווײס נאָך נישט אַ צווײטען צו איהם, וועלכער זאָל אַזוי פיעל בויען און אַזוי פיעל פונאַנדערוואַרפען, צוברעכען, צושטערען ווי ער.

אָט איז אַ מענש, וועלכער קלאָגט נישט אויף די חורבות, נאָר שילט זײ מיט די ביטערסטע קללות. אמת, אין זײן שילטען בעמערקט זיך אַזוי פיעל עלענדקײט און זאָרג — גרויסע זאָרג פון אַ גרויסער עלענדער נאַטור.

דען סטרינדבערג איז דער אמת'ער עלענדער, דער אמת'ער אײנזאַמער — מ'האָט איהם נישט ליעב. נישט לאַנג איז געווען אין די צײטונגען אַ ידיעה, אַז סטרינדבערג האָט זיך מיט אַלעמען צוקריגט און מען ווײס נישט, וואָס מען זאָל טאָן מיט זײן יוביליעאום: פון אײן זײט מוז מען אָנערקענען זײן רײכען ווערט אַלס קינסטלער, זײנע גרויסע פערדינסטען פאַר דער שוועדישע און פאַר דער וועלט-ליטעראַטור; פון דער אַנדערער זײט האָט אָבער סטרינדבערג אַ דאַנק דער שטענדיג הײסער, שאַרפער פּאָלעמיק, נערוועזיטעט און ביטערקײט, וועלכע ער טראָגט אַרײן אין יעדען וואָרט, וואָס ער שרײבט, אַרויסגע-

ריופען אקענען זיך א גרויסען צארן און פערדרוס.

און אין שטאקהאלם ווייס מען נישט וואס צו טאן מיט סטרינדבערג'ן.

זיין נשמה נאגט נאך ליעבע. לייענט זיינע ווידוי־ווערק, די זעלטענע בילדער „ווידוי פון א נאר" און „אינפערנא", אין וועלכע ער דערצעהלט וועגען זיך מיט א זעלטענער אפענהערציגקייט און באמת גענייאלען ציניזם. דארט הערשט אזא אומעט, אזא טרויער! דער צושטערער, דער רעוואלוציאנער, דער אנארכיסט סטרינדבערג איז אפטמאל דארט א קליין, ארים, פערלאזען קינד, וואס בענקט נאך א קוש פון א געטרייער מאמען, וואס ווארט אזוי נייגיריג אויף שטילע, געטרייע, ווייכע ווערטער.

און אזוי איז ער שטענדיג אליין, שטענדיג איינזאם, און קען זיך בשום אופן נישט איינלעבען, נישט איינשטימען מיט מענשען.

אבער נישט אליין מיט מענשען — אויך מיט געטער און אידעאלען, ווי מיר חיים'ען, קען סטרינדבערג נישט לעבען לאנג בשלום. ער ברעכט זיי, ער ווארפט זיי מיט קללות אויף די ליפען.

אין דעקאבער איז ער א דעאיסט און אין מערץ דרוקט ער שוין א אטעאיסטיש ווערק...

מען האט איהם נישט ליעב, דעם איינזאמען אונרוהיגען פילאזאף און מיר דוכט, אז דערפאר ליעבט מען איהם נישט, ווייל סטרינדבערג איז שוין צו ערנסט אפילו אין די אויגען פון די סקאנדינאווער, וועלכע בעציהען זיך צו אלץ ערנסט און טראגיש.

סטרינדבערג איז צו אונרוהיג אפילו פאר אזא בייזען מרה שחורה'ניק, ווי הענריך איבסען.

איבסען געהט מיט א פערשפיליעטען ראק, אויף סטרינדבערג'ן איז דער פלאשץ אלע מאל צוריסען. נישט קיין וואונדער, וואס ער האט זיך ענטזאגט צו געהן אויף א אבענד, וואו סטרינדבערג האט אויך געדארפט זיין.

אזוינע מענשען ווי סטרינדבערג זענען נישט אלע מאל אנגענעם.

אלע האבען מיר ליעב די ערטער, וואו עס איז דא הארמאניע און אלע האבען מיר מורא פאר דער טראגעדיע.

די טוריסטען האבען ליעב צו זעהן, ווי עס שפייט מיט פייער און שוועבעל דער וועזוב אבער נאר — פון דערווייטען...

אַפּעליאַ האָט זיך דערשראָקען, ווען זי האָט דערזעהן האַמלעט׳ן, נאָך דעם ווי ער האָט זיך דערוואוסט פון דער מוטער׳ס זינד:

„איך האָב גענייט בײַ זיך אין צימער, פּלוצלונג לויפט האַמלעט אָן: זיין פּלאַשץ אויף איהם צוריסען"...

אַזוינע מענשען קענען קיין חברים נישט האָבען — צו טראַגיש זענען זיי. עלעגיע האָט מען נאָך ליב, האַמסון וועט אַלע מאָל בלייבען דער בעליעבטסטער שרייבער פאַר זיין שטילען, עלעגישען טרויער. סטרינדבערג׳ן אָבער פעהלט די עלעגיע, בײַ איהם קען נישט זיין נישט טאָמאַס גלאַן, נישט סטודענט פּאַרעליוס, נישט ראָזאַ, וויקטאָריאַ (האַמסונ׳ס העלדען).

דאָס קומט מיר פאָר דערפאַר, וואָס סטרינדבערג ווייס נישט פון אַלטע וואונדען. מען האָט איהם אָקאָרשט פערוואונדעט. שטענדיג פערוואונדעט מען איהם פּלוצלונג; שטענדיג איז דאָס פאַר איהם אַ נייעס און פון סטרינדבערג׳ס וואונדען טריפט נישט, נאָר עס פליסט הייסעס, הייסעס בלוט.

און דערפאַר שרייט ער אַזוי. שרעקליך ווי סטרינדבערג שרייט, ער קען זיך אַליין נישט אויסשרייען, די ווערק גיבען נישט איבער אַלץ, וואָס עס קאָכט און ברויזט בײַ איהם אינווייניג. — „ווען איך וואָלט געקענט — האָט מאָפּאַסאַן נישט לאַנג פאַר׳ן טויט געשריבען — וואָלט איך אַוועקגעלאָפען ערגעץ ווייט אין אַ טיעפען וואַלד און געוואויעט, געשריען דאָרט אין דער פינסטער שעהן־וויי און איך מיין, אַז מיר וואָלט אַ ביסעל גרינגער געוואָרען".

און ווען איך לייען די טעלעגראַמע פון שטאָקהאָלם, אין וועלכער עס דערצעהלט זיך, ווי מען האָט געפײַערט סטרינדבערג׳ס יובילעאום און אויך וועגען דעם, ווי דאָס פּובליקום האָט דורך אַפּלאָדיסמענטען געוואָלט אַרויסרופען דעם יובילאַר און ער, דער יובילאַר, האָט זיך נישט בעוויזען, — ווען איך לייען די טעלעגראַמע, שטעלט זיך מיר פאָר בעת מעשה סטרינדבערג אין דעם געדיכטען, פינסטערן וואַלד, ווי ער שרייט, ווי ער ברילט, איינער אַליין, איינער אַליין.

ער מוז לויפען אַהין, דען אין די ווערק קען ער זיך נישט אויסשרייען...

קיינער האָט נאָך נישט געוואַגט צו רעדען אַזוי אָפען וועגען די פערבאָרגענסטע, אינטימסטע מאָמענטען פון זיין פערזענליכען לעבען

ווי סטרינדבערג. רוסא'ס בעריהמטער ווידוי איז אפשר שוואך געגען סטרינדבערג'ס „אינפערנא“ און דאך פיהלט זיך, אז סטרינדבערג'ס נשמה איז פול, אז זיין הארץ בעט זיך אויסצודערצעהלען אלע זיינע ליידען אלע זיינע סודות.

קיינער, אפשר, נויטיגט זיך ניט אזוי, ווי ער, אין א פריינד און אנשטאט דעם ליידט סטרינדבערג פון פערפאלגונגס=מאניע. ווי א פערטריבענער וואלף קוקט ער זיך אלץ ארום און זעהט אויף יעדען שריט און טריט נאר שונאים, יעגער.

סטרינדבערג'ן דערצעהלט מען, אז אין פאריז איז געקומען דער שרייבער פאפאוואסקי. — כדי מיך צו טויטען? — פרעגט סטרינדבערג. אונטער דעם נאמען פאפאווסקי פיגורירט א בעוואוסטער פוילישער שרייבער=מאדערניסט. וועגען זייערע בעציהונגען, אין וועלכע די הויפט=ראליע שפיעלט א פרוי, דערצעהלט סטרינדבערג זעהר פיעל. סט. ליידט פון שרעקליכע האלוצינאציעס:

„דאס שפיעלט ער, מיין פריינד, דער רוסישער שילער מיינער, וועלכער האט מיך גערופען „פאטער“, דען אלץ האט ער זיך ביי מיר אויסגעלערנט; מיין פאמולוס, וועלכער האט מיך גערופען „מייסטער“, דען זיין לעבען האט זיך אנגעהויבען דארט, וואו עס האט זיך געענדיגט מיין לעבען. דאס איז ער געקומען פון וויען קיין פאריז מיך צו טויטען און איבער וואסער אורזאכע? — דערפאר ווייל זיין איצטיגע ווייב איז געוועזן פריהער מיין געליעבטע“ (בראנדעס).

אזוי לעבט דער גרויסער סקאנדינאווער קינסטלער אין איינזאמקייט, שרעק און גייסטיגע וואנדערונגען.

סטרינדבער'גס נשמה איז שטענדיג דורשטיג.

ער פרובט אלע לעהרעס, ער ווארפט זיך אויף אלע וויסענשאפטען. סטרינדבערג איז דער געבילדעטסטער שוועד, פיליי כט דער געבילדעטסטער קינסטלער אין דער וועלט; ער האט געשריבען היסטארישע און וויסענשאפטליכע ווערק, ער קען זאגאר די כינעזישע שפראך.

סטרינדבערג ווארפט זיין ליטעראַרישע ארבייט און גיט זיך אין גאנצען איבער דער וויסענשאפט — פיזיק, כעמיע, באטאניק.

אויף לאנג?

ניין. מיר זעהען איהם אין גיכען א איבערגעגעבענעם די סודות פון אלכעמיע און ער שרייבט אן א גאנצעס בוך' „אנטיבארבארוס“ אין וועלכען ער דיספוטירט מיט די כעמיקער.

וואָס פאַר אַ קאָלאָסאַלע ענערגיע, וואָס פאַר אַ וואונדערבאַרע אונ־טידיגקייט און אונרוהיגקייט!

וועז זשע וועט זיך אַ מאָל סטרינדבערג בערוהיגען?
האהרשיינליך קיינמאָל...

*

*

סט. וואָלט נישט געווען קיין סקאַנדינאַווער שרייבער, ווען אין זיינע ווערק זאָל איינע פון די הויפּט־ערטער ניט פערנעהמען „די פרוי".

פונקט ווי ביערנסאָן און כמעט אַלע סקאַנדינאַווישע שרייבער, איז די פרוי געשטאַנען הויך אין סטרינדבערגס אויגען; ער איז געווען אַ הייסער פעמיניסט, מיט די שענסטע בלומען האָט ער איהר קאָפּ בע־קרוינט.

ענדיגען האָט אָבער סטרינדערג געענדיגט מיט אַ זעלטענער שנאה צו דער פרוי, — מיט אַ שנאה, וועלכע האָט דערגרייכט די העכסטע שטופע אין זיין בעוואוסטער דראַמאַ „דער פאָטער" און זיין בוך „דער וידוי פון אַ נאַר".

וויפיעל קאָנצענטרירטער כעס ליעגט אין זיין דראַמע, וויפיעל ביטערער סאַרקאַזם אין זיין בוך! סטרינדבערג טרעט מיט די פּים ווע־נערא פון מילא, צו וועלכער ער האָט זיך פריהער געבוקט.

אַלע וויסען די שרעקליכע געשיכטע פון דעם טאַלאַנטפולען, גע־לערנטען ראָטמיסטר גוסטאַוו (סטרינדבערג׳ס דראַמאַ „דער פאָטער"), די פאַלשע, פערדאָרבענע פרוי לאַוראַ טרעט אַרויס ווי אַ פוריע; אין דער נעץ פון פאַלשקייט און אינטריגעס, וועלכע זי שפּרייט פונאַנדער, פאַלט אַריין אַ גרויסע טאַלאַנטפולע פיגור, וואָס האָט געטרוימט וועגען גרוי־סע ערפינדונגען. די קליינע אָרעמע פרויען־פיגור פון לאַוראַ איז דאָך געווען שטאַרקער פון ראָטמיסטר גוסטאַוו, וועלכער איז געפאַלען אין דעם ניט־גלייכען קאַמפף.

איז זיין שוידערהאַפטער דראַמאַ איז סטרינדבערג צו טענדענציעז, צו סובּיעקטיוו, נאָר דאָס איז זיין שטענדיגער פעהלער, וועלכער בעקומט, אַ דאַנק זיין טאַלאַנט, סוף כל סוף דעם כאַראַקטער פון אַ מעלה — דען ניט בלוט שרייבט סטרינדבערג זיינע ווערק.

די, וואָס זאָגען, אַז אין סטרינדבערג׳ס האַס צו פרויען איז דאָ פיעל

פערזענליכעס, דארפען זיך ניט מיהען דערוויזען דאס. סטרינדבערג אליין דערצעהלט אונז וועגען דעם אין שטארקע פארבען.

ווער האט נאך אזוי דערצעהלט וועגען זיך ווי סטרינדבערג — אזוי קענען זיך נאר גרויסע מענשען ענטדעקען...

די גאנצע קינסטלערישע טעטיגקייט פון דעם אונרוהיגען סטרינדבערג'ן, איז א מארטיראלאגיע פון א פערוואונדעטע, צורים'נגע נשמה. זיינע וועהטאגען האט ער געמיינט איינצושטילען מיט'ן קאטאליציזם, צו וועלכען ער האט זיך די לעצטע יאהרען איבערגעגעבען, נאר ניט דאס שטילע אבענד-קלינגען פון די קאטוילישע קירכען, ניט די מעלאנכאלישע „אווע מאריא" האבען געבראכט רוהע און פרידען אין זיין צושטערטער אינערליכער וועלט.

אויף סטרינדבערג'ן הענגט א תוכחה פון אייביגען וואנדערן. דער פלאשץ וועט אייביג אויף איהם זיין צורים'ען. דער קאטאליציזם האט איהם ניט געהאלפען, פונקט ווי עס העלפט איהם ניט אויך דער מיסטיציזם.

אין זיינע לעצטע ווערק דערגרייכט סטרינדבערג'ס אונרוהיגקייט דעם קולמינאציאנס-פונקט. איהר זעהט איהם ווידער אין געדיכטען וואלד, איינעם אליין מיט אויסגעשפרייטע הענד, שרייענדיג:

„גאט פון הימעל, גאט פון הימעל,
ראטעווע אונז, מיר זענען פערפאלען".

די געזעלשאפט, וועלכע פערשטעהט נאך דעם מיטעלמעסיגען פראטעסט, דעם ליבעראליזם, קען ניט פערטראגען אזא שטורם, אזא טאמום, אזא וואולקאניזם, ווי ביי סטרינדבערג'ן. זי איז דעריבער שטארק צופרידען, ווען זי קען דעם אונרוהיגען שאטען פון סקאנדינאווער דיכטער פערטרייבען מיט אזעלכע ווערטער, למשל, ווי „אוננארמאליטעט".

דער עולם האט שטארק ליעב אנצעווייזען אויף דעם פסיכיאטרישען סאנאטאריום, וואו סטרינדבערג איז שוין איין מאל געוועזען און וואו ער וועט אפשר ענדיגען א מאל זיינע טעג.

צו די וואס ווייזען אן אויף דעם, האט זיך סטרינדבערג געקאנט ווענדען מיט די ווערטער פון זיין פריינד פרידריך ניטשע וועגען קראנקהייט:

„וואס אנבעלאנגט מיין קראנקהייט, האב איך איהר געוויס מעהר צו דאנקען איידער מיין געזונדהייט; איך האב איהר צו פערדאנקען מיין גאנצע פילאזאפיע, דען נאר דער גרויסער וועהטאג איז דער לעצטער גייסט-בעפרייער".

וועגען דעם גרויסען וועהטאָג דערצעהלען אונז אלע סטרינדבערג׳ס ווערק.

זיי זענען זעהר פיעל די ווערק. ס׳איז שווער איבערצורעכענען אלע ביכער, וועלכע סטרינדבערג האָט געשריבען. א סך העלדען געהען פאַר־ביי אונזערע אויגען, דער אָבער, וועלכער וויל פאַרשטעהן סטרינדבערג׳ן, דאַרף וויסען נאָר איין העלד אין סטרינדבערגס ווערק — דאָס איז ער אליין: דער גרויסער, טרויעריגער זון פון סקאַנדינאַווער האַלב־אינזעל — דער קראַנקער אויגוסט סטרינדבערג

אָסקאַר אוּאַילד.

דאָס, וואָס ס׳איז אָנגענומען צו רופען „דעקאַדענטישע ריכטונג אין קונסט“ איז ערשינען אויף דעם באָדען פון פערשטענדליכען פראָטעסט געגען דער גראָבער הערשונג פון נאַטוראַליזם. די פערזענליכקייט פון קינסטלער האָט אַראָבגעוואָרפען פון זיך די פערקנעכטונג, וואָרום דער נאַטוראַליזם האָט אויפ׳ן טראָן אַוועקגעזעצט די ווירקליכקייט, דעם פאַקט און דער קינסטלער איז געצוואונגען געוואָרען צו בוקען זיך. „שרייבען“ הייסט לויט דעם נאַטוראַליסטישען שטאַנדפונקט — ריכטיג קאָפּירען די זאַכען. און ווען זאָלאַ וויל זיין פינקטליך און אָביעקטיוו, בלייבט איהם מעהר נישט, ווי צו קריכען אין די שאַכטעס און לערנען דאָרט דאָס לעבען פון די בערג־אַרבייטער. די נאַטוראַליסטישע שול אין קונסט, פאָדערט פריהער פון אַלץ, אַז די פערזענליכקייט פון שרייבער זאָל זיך אָבזונדערן, אָבטיילען אין דעם מאָמענט, ווען ער בעשרייבט די ווירקליכקייט; מען קען אַמאָל מוחל זיין איין סוביעקטיווען שטריך, אָבער דאָך דעם פּאַטענט אויף אַ מייסטער בעקומט דער קינסטלער דאַן, ווען איהם גיט זיך איין צו בלייבען פאָלקאָם אָביעקטיוו.

דער נאַטוראַליזם האָט צוגעשמידט דעם קינסטלער צום שקלאַפענוואָגען פון דער ווירקליכקייט און געזאָגט: „שלעפּ, דיען טריי, דען וויכטיג זענען די זאַכען, — דאָס אויסערליכע, וואָס רינגעלט דיך אַרום; דו מעגסט זיך שעצען גליקליך, ווען דיר וועט זיך איינגעבען דעטאַיל צו בעשרייבען אָט דעם טיש, אָט די בהמה א. א. וו., א. א. ז. דער קינסטלער האט אַ לאַנגע צייט געגלויבט, בעשריבען די

װעלט און אויב ער האט פערמאגט א גרויסען טאלאנט, פלעגט ער װערען דער װירטואז, דער געניע פון טעכניק.

ס׳איז אבער נישטא די פערשקלאפונג, פון װעלכער מען זאל זיך סוף־כל־סוף נישט בעפרייען. דעם קינסטלער פאסט געװיס נישט צו געהן אין קייטען געשמידט און ער האט זיי צוריסען, ער האט אבגעשטופט פון זיך דעם פעטיש, דעם „פאקט“, פאר װעלכען דער נאטוראליזם האט געהייסען קניען, און מיט שטאלצקייט אויסגעשריען: „איך בין פריי! מיין „איך“ איז אליין א גרויסע װעלט און עס איז דא גענוג פון איהר צו שעפען; אייגענטליך, איז מיר אלץ־איינס, װי אין דער װירקליכקייט זעהען אוים די אדער יענע זאכען, איך װעל נאר האבען אין זינען דעם איינדריק, װאס זיי מאכען אויף מיר. װאס? איהר זאגט, אז אזא פריהלינג גיט נאר נישט אין דער נאטור, מיך ארט דאס אבער כלל נישט; איך הער זיך צו צו דער שטים פון מיין נשמה און זי נעהמט אויף דעם פריהלינג גראד אין אזא פארם; איך שילדער די װעלט לויט דעם איינדריק, װאס זי מאכט אויף מיר; אזוי זעה איך דעם זומער, דעם װינטער, הערבסט און פריהלינג, מאן און װייב; קונסט איז נישט קיין מאטעמאטיק, פאדערט נישט פון מיר קיין פינקטליכקייט, איך בין נישט קיין פלאסטינקע, װאס פרעסט אב אלע געזאנגען, איך איגנאריר די גאנצע אויסערליכע װעלט, דען איך האב זעהר, זעהר פיעל װעגען זיך אליין צו רעדען, צו דערצעהלען; איך בין דער צענטר און אלץ דרעהט זיך ארום מיר, איך בין די זון און װעל נישט געהן בוקען זיך צו דער ערד“.

אזוי האט גערעדט דער קינסטלער, אזוי איז געבוירען געװארען די פרייע קונסט, װעלכע האט זיך פראקלאמירט אלס זעלבסטציעל. די נייע קונסט האט זיך אבגעזאגט, נישט נאר פון נאטוראליזם, רע־אליזם, נאר אויך פון אוטיליטאריזם; זאל די ליידענדע מענשהייט גע־האלפען װערען דורך פיעלע אנדערע מיטלען! ארגאניזירט פערשיעדע־נע געזעלשאפטען, פרייריגט פון די קאטעדרעס מאראל—דאס איז זעהר גוט; נאר דער קונסט לאזט זיך געהן אין איהר אייגענעם װעג און װארפט אויף איהר נישט ארויף די טענדענץ, װעלכע קען זי נאר ערנידערען.

„די טענדענציעזע קונסט, די קונסט, װעלכע שטעלט זיך פאטרי־יאטישע, מאראלישע אדער סאציאלע ציעלען, איז נישט קיין קונסט, נאר די ביכעל פון פלעבס — (פשיבישעסקי).

ווילטיג איז די נשמה פון פּאָעט: זאָל זיך יעדערער גוט צוהערען צו זיך. און די יונגע פאַנאַטישע פאָרשטעהער פון דער נייער קונסט בעזינגען די איינזאַמקייט. מעטערלינק שרייבט זיינע זעלטענע בלעטער וועגען דער געטליכער שענהייט פון „שווייגען"; נאָר דורך די היילינע טויערען פון שווייגען דערגרייכען מיר דעם פּאַללאַדיום; איין נשמה פערשטעהט די צווייטע אין שווייגען. מען דאַרף אַוועקגעהן פון דער ווירקליכקייט, אויסבעסערען זי — איז די אַרבייט פון רעפאָרמאַטאָרען; דער פּאָעט פערמאָגט אייגענע וועלטען ווייטע און שענע, ער שאַפט זיי נאָך זיין ווילען און פאַנטאַזיע.

די נייע קונסט האָט פערברייטערט און פערטיעפט דעם פסיכאָלאָגישען ראָמאַן; פון קאָלעקטיוו איז זי אַריבער צו דער איינציגער פערזענליכקייט, פון מאַסען-פסיכאָלאָגיע צו דער פסיכאָלאָגיע פון אינדיווידואום, וועלכע איז ווילטיג, ווילטיגער...

מיט אַ זעלטענער שטאָלצקייט און בעגייסטערונג האָבען זיי געפּרעדיגט די רעליגיע פון שענהייט; זייער צאָהל איז געווען קליין צוערשט — אַלע האָבען זיי געקענט אַריינגעהן אין דעם איינגען צימער'ל פון אַ פּאַריזער אָרימען שיינקעל, ערגיץ-וואו אין די שמוציגע געסלעך פון לאַטינער קוואַרטאַל. דאָרט, אין אַזעלכע אָרימע צימערלעך, איז טאַקי געווען דאָס אָרט פון די פראַנצויזישע פּאַרנאַס-לייט: סימבאָליסטען, דעקאַדענטען; זיי זענען געווען אָרים און האָבען נישט פערנומען קיין בעדייטענדען אָרט אין דער ליטעראַטור; זיי זענען אָבער געווען יונג, מונטער, האָבען געגלויבט, אַז די צוקונפט געהערט דער נייער קונסט און אויף אַלע פּאָרוואורפען, פלעגען זיי ליעבהאָבען צו ענטפערן מיט אַ פּאַראַדאָקס. די פאָרשטעהער פון דער אַלטער שול האָבען פון אָנהויב אויסגעלאַכט די „נאַרישע קינדער", וועלכע שפּיעלען זיך און שאַפען נייע ווערטער, לאָזונגען; דערנאָך, שפּעטער אַ ווייַלע, דערשראָקען זיך און אָנגעהויבען זידלען. „משוגעים", — שרייט מאַקס נאָרדוי אין זיין בוך „ענטאַרטונג" — און דער איינציגער קאָמענטאַטאָר פון דער נייער ריכטונג איז פאַר נאָרדוי'ען קראַנקפּט-עבינג. אויסער פּאַטאָלאָגישע אוננאָרמאַלקייטען וויל ער קיין זאַך נישט זעהן אין דער גאַנצער רייהע נייע טאַלענטען, וועלכע זענען געקומען פון פערשיעדענע לענדער. פון דער צווייטער זייט, ווידער, קומט די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע און זאָגט: „דאָס זענען די אָבגעשוואַכטע, דעגענערירטע פאָרשטעהער פון די הערשענדע קלאַסען, זיי אַנטלויפען פון דער

קאמפפס-ארענע אין דער אלטער פערגאנגענהייט; אט די אלע נייע פאהנען זענען איינענטליך פערשידענע פארמען פון דער אלגעמיינער קאפיטולאציע פאר דעם מעכטיגען פראלעטאריאט".

די „יונגע" האבען דאס אלץ געהערט און געלאכט, און גערייצט דעם בורזשוא מיט פאראדאקסען. אין דער צייט, ווען די גאס פערשפרייט וועגען זיי פערשידענע לעגענדען, וואס דארפען אילוסטרירען זייער מאראלישע פערדארבענקייט, — אין דער צייט פרעגט באדלער מיט א כיון, זיצענדיג אין א געזעלשאפט פון פארזיכטיגע בורזשוא'ס: „אייך איז קיינמאל נישט אויסגעקומען, מיינע הערען, צו פערזוכען דעם מארך פון קליינע קינדער?"

איבערראשען, אנשרעקען דעם בורזשוא איז געווארען איינער פון די בעליבטסטע ספארטען, דען אלע זענען זיי געווען פעראייניגט מיט א שטארקער פיינדשאפט צו איהם, צו זיין באנאלען לעבען, דענקען, צו זיין באנאלער מאראל, צו זיין געשמאקלאזיגקייט...

האבען זיי, „די יונגע", געהאט דאס רעכט צו האלטען דעם קאפ אזוי הויך און שטאלץ? געוויס! דען „דעקאדענטיזם" איז א גרויסער טריט פארווערטס און האט בעדייט די בעפרייאונג פון דער פערזענליכקייט—פון דעם קינסטלער'ס פערזענליכקייט. די נייע ריכטונג אין קונסט האט ארויסגעשטעלט א גאנצע רייהע נעמען, וועלכע האבען בערייכערט די קולטור פון דער מענשהייט און בעשיינט אונזער לעבען מיט נייע פארמען, מיט א נייעם סטיל, וועלכער איז סוף-כל-סוף אנערקענט געווארען אפילו פון דעם זעלבען בורזשוא. עס פערשטעהט זיך, אז פון אזא אנערקענונג האט די קונסט נאר געקענט פערלירען, און יעדער דעקאדענט, זעהענדיג, ווי דער סאלאן פון איצטיגען פאבריקאנט איז איינגעריכטעט אין סטיל-מאדערן, האט מיט רעכט געקענט דערמאנען וויליאם מאריס'עס ווערטער וועגען זיינע קונסט-טעפיכען אין סטיל פון מיטעל-אלטער: „איין אומגליק, וואס אט די טעפיכען קויפען אפטער נאראנים"...

צווישען די קינסטלער, וועלכע האבען געשאפען די נייע קונסט, צווישען די פילע שענע נעמען איז דער נאמען פון ענגלישען „דעקאדענט" אסקאר אואילד בעזונדערס אינטערעסאנט. דען אין קיין אנדער פערזענליכקייט האבען זיך אזוי רעליעף נישט ארויסגעוויזען די אלע גרויסע מעלות און חסרונות פון דער „נייער ריכטונג", און ערגיץ האט נאך דער פאראדאקס נישט דערגרייכט אזא גלאנץ און שארפ-

קײַט און דער אַפֿאָריזם — אַזאַ איבערצײַגונגס־קראַפֿט, ווי בײַ איהם. זײַענדיג, דוכט זיך, אַזוי ווײַט פֿון אַלץ, וואָס האָט אַ שײַכות צו טעאָריע, האָט וואַילד אין זײַן „עסטעטישען מאַניפֿעסט" דאָך געגעבען די גלענצענדסטע טעאָריע פֿון קונסט.

II.

זעהר טראַגיש איז וואַילד'ס ביאָגראַפֿיע.

ער איז אַרײַן אין די טויערען פֿון לעבען, ווי אַ קעניג אין פּורפּור אָנגעטאָן און אַרוים איז ער געשמידט, אין אַרעסטאַנטען־קלײדער; דער פֿערלאַנגטער גאַסט אין די בעסטע פּאַריזער און לאָנדאָנער סאַלאָנען, מיט וועמען די בערימטסטע פֿאָרשטעהער פֿון ליטעראַטור און קונסט פּלעגען אַזוי ליעבהאָבען צו פֿערברײַנגען; דער מאָדע־געזעצגעבער, אַ גליקליכער מאַן און פֿאָטער, דער פֿון אַלע אָנערקענטער קינסטלער—דאָס איז געווען דער אָנהויב פֿון אָסקאַר וואַילד. ענדיגען אָבער האָט ער געענדיגט די טעג אין אַנ'אָרימען, פֿערוואָרפֿענעם האָטעל, געשטאָרבען אין פֿאָלקאָמער אײנזאַמקײַט. פֿערלאָזען, זײַן לויה איז געווען זעהר אַ קלײנע — „אײנע זאָגען זיבען אַנדערע דרײַצעהן", נאָר וואו מען האָט איהם מקבר געווען ווײסט קײנער נישט, עס איז נאָר בעוואוסט, אַז ער איז אין פּאַריז געשטאָרבען...

העכער פֿון אַלץ איז אין זײַנע אויגען געשטאַנען די שענהײַט, מעהר פֿון אַלץ האָט ער געשעצט די קונסט. ער האָט נישט געוואוסט קײן גרעסערען פֿערברעך, ווי געשמאַקלאָזיגקײַט. און פֿיעל, פֿיעל איז ער גרײט געווען מוחל צו זײַן פֿאַר אַ שענעם זשעסט, פֿאַר אַ קלוגע פּאָזע אין אַ רײַכער, קינסטלערישער פֿאָרם אײַנגעפּאַסט, דען גרוים, נאָך זײַן מײנונג, איז די בעדײַטונג פֿון דער אויסערליכער פֿאָרם; ער האָט דאָס לעבען געוואָלט פֿערוואַנדלען אין אַ שענע שפּיעל און געראַטען אַלעמען: שפּיעלט, רוהט, קוקט אָן די שענהײַטען פֿון דער וועלט און זײַט נישט קײן קנאים. נאָר איהם אַליין האָט קײנער נישט געוואָלט מוחל זײַן. די געזעלשאַפֿט האָט אָנגעווענדעט בנוגע צו איהם איהר גאַנצע האַרטקײַט און קאַלטקײַט. וואַילדען האָט מען בעשולדיגט אין אַ פֿערברעך געגען מאָראַל, אין האָמאָסעקסוּא־

ליזם, און פער׳משפט אויף צוויי יאהר געפענגניש. אויסער עטליכע, האבען אלע פריינד זיך פון איהם אבגערוקט, מען האט ביי איהם די קינדער צוגענומען און די גאס-טוגענד האט געשיקט איהר פארשטעהער, וועלכער האט געפונען אין זיך גענוג מוט אנצושפייען אין געזיכט אואילד׳ען, בעת מען האט איהם, א געשמידטען, געפיהרט אין געפענגעניש. דער פרייוויליגער נוקם פאר דער פערטריבענער מאראל האט געוויס בעטראכט זיין אקט, ווי א העלדישען, און איז געוועזן צופריעדען...

נאר צו אואילד׳ס „אונטערגאנג", אויף וויפיעל דאס האט געווירקט אויף זיין שאפונג און פערזענליכקייט, וועלען מיר זיך אומקערען, ווען עס וועט אויסקומען צו דערמאנען זיינע צוויי לעצטע ווערק „דע פראפונדיס" און „די באלאדע פון רעדינג-געפענגעניש"; דערווייל אבער שטעהט פאר אונזערע אויגען אסקאר אואילד אין דער קרוין פון רוהם, ארומגערינגעלט מיט א גאנצער מאסע אנהענגער, דער ליעבלינג פון סאלאן, וועלכער ווארפט פונאנדער פון א פולער האנד פערלען און דימאנטען פון זיין שארפזיניגער איראניע, וועלכער שאפט שפיעלענדיג און פערוואונדערט אלעמען מיט די קאפריזען פון זיין קונסט-געניע.

אסקאר אואילד האט געלאזען נאך זיך פיעל ביכער, אלע ארטען פון ליטעראטור זענען געוועזן נישט פרעמד זיין פעדער: ראמאנען, קאמעדיען, ערצעהלונגען, ליעדער, ביבלישע לעגענדען. דאס אלץ איז אבער געוועזן א פראדוקט נישט פון ערנסטער ארבייט, וועלכע פאדערט זיצען לאנג פערשפארט ביי זיך אין קאבינעט; דער, וואס וויל זיך בעקאנען מיט דעם פראצעס פון שאפען ביי אסקאר אואילד׳ען, דארף וועניגער פון אלץ טראכטען וועגען אנ׳איינזאמען, וואס זיצט פערטיעפט אין זיינע פאנטאזיעס און קינסטלערישע בילדער. אואילד פלעגט שאפען זארגלאז אין דער געזעלשאפט פון גוטע פריינד ביים טיש, צווישען רויטע רויזען און רויטען וויין. די בעסטע פון זיינע אימפראוויזאציעס זענען פערלוירען געגאנגען, דען נישט אלץ האבען די גוטע פריינד פערשריבען, בעת אואילד פלעגט זיך אבגעבען זיין קונסט — שען ריידען און דערצעהלען, — און ער איז געוועזן מעהר ערצעהלער, איידער שרייבער. מעהר פון אלץ אין לעבען האט ער געשעצט דעם שענעם מאמענט, די פארבען און ריחות. ער האט קיין זאך, וואס פערדינט די אויפמערקזאמקייט פון מענשען, נישט געוואלט פערפעהלען,

געאײַלט זיך שרעקליך, געװאָלט פערזוכען פון אַלע בעכערס, און נאָר איבערגעהענדיג פון אײן בעכער צום צװײטען, האָט ער געשאַפען זײַנע װאונדערבאַרע אימפּראָװיזאַציעס. אַרבײטען לאַנג, אָבגעזונדערט, — דאָס פאָדערט דאָך אַ געװיסען אַסקעטיזם, אויף װאָס אוּאַילד איז װעניגער פון אַלץ פעהיג געװען.

אי פון זײַן לעבען, אי פון זײַן שאַפען האָט ער געװאָלט מאַכען אַ לוסטיגע, אַרטיסטישע שפּיעל — דאָס אײנציגע, װאָס פּאַסט פאַר אַן׳עפּיקורעער. עמיץ האָט איהם נאָר געזאָגט, אַז ער װעט נישט קענען אָנשרײַבען קײן ראָמאַן; אוּאַילד האָט זיך פערװעט און אַלס רעזולטאַט — אײנס פון די אינטערעסאַנטסטע ביכער זײַנע: „דער פּאָרטרעט פון דאָריאַן גרײ".

נישט קוקענדיג אויף אַזאַ פונאַנדערגעװאָרפענקײט, אויף אַזאַ צופעליגער שאַפונג, איז די גײַסטיגע ירושה פון אוּאַילד גרויס און בעדײַטענד. פון אַלע זײַנע ביכער קוקט אַרויס דאָס שענע, אײדעלע געזיכט פון אַן׳אינדיװידואַליסט און קינסטלער; זײַן בעציהונג צו דער געזעלשאַפט, צו דער װעלט איז אַ שאַרף קריטישע. מענשען פערשאַפט פערגניגען צו זײַן װאָס גרעבער, געשמאַקלאָזער; יעדע רגע בעלײדיגען זײ מיט זײער טומעל דעם נאַרישען, מיט זײער משוגענער טעטיגקײט, דעם גרעסטען גאָט, דעם גאָט פון שענהײט; דער געשמאַק איז פאַלקאָם פערדאָרבען און מענשען קענען זיך נישט אָבזאָגען פון זײערע װילדע געװאוינהײטען. בעגעגענענדיג עמיצען, װענדען זײ זיך צו איהם מיט דער פראַגע: „װאָס טוט איהר?" אין דער צײַט, װען די אײנציגע פראַגע, װאָס אַ ציװיליזירטער מענש קען זיך ערלויבען, איז: „װאָס טראַכט איהר?" ס׳איז שװער צו זײַן אַן׳אָנהײנגער פון דער איצטיגער קולטור מיט איהר טײַװעלשער טעכניק, מיט איהרע פּאַרלאַמענטען, דען די פערזענליכקײט איז געדריקט, און נאָר אַ קלײנע צאָהל אויסדערװעהלטע קענען פונאַנדערװיקלען זײער אינדיװידואַליטעט; אָנקלײַבענדיג װאָס װײַטער אַלץ מעהר רײַכטום, דערנעהנטערט זיך די מענשהײט צו דעם אײנציגען אידעאַל, צו דעם אידעאַל פון שענהײט און קונסט.

צוזאַמען מיט די אויסגעפוצטע, רײַכע פּאַלאַצען, עקזיסטירען אָרימע קעלער׳ס, װאו אויסגעדאַרטע פּנים׳ער מיט אויסגעלאָשענע אויגען טראַכטען נאָר װעגען אײן זאַך: „ברויט". דאָס איז שרעקליך, נישט דערפאַר, װאָס עס לײַדט די געמײנשאַפט; דאָס איז שרעקליך

ווייל דאס איז נישט שען, נישט עסטעטיש, דען די העכסטע קאטעגאריע, די לעצטע אינסטיטוציע, וועלכע טראגט ארויס איהר משפט, איז די עסטעטיק. נישטא קיין אנדער אמת אויסער דעם אמת פון שענהייט. ווען מענשען זאלען אלץ שאצען און בעטראכטען נאר פון דעם שטאנדפונקט, וואלט שוין לאנג אריינגעבראכט געווארען יושר אין דער וועלט-ארדנונג, און נאר טאקי פון דעם שטאנדפונקט שרייבט אסקאר אואילד זיין בוך איבער סאציאליזם. אסקאר אואילד, דער אויסגעשפראכענער אנטידעמאקראט, דער הייסער געגנער פון „גרויסער צאהל", וועלכער ליעבט נישט די נאטור דערפאר, וואס זי איז דעמאקראטיש, — וואלט געוועזען צופריעדען, ווען עס זאל זיך פערווירקליכען דער סאציאליסטישער אידעאל, דען ער פיהרט צו אינדיווידואליזם, ער פיהרט צו דער בעפרייאונג פון די רייכע קלאסען, וועלכע זענען פערשקלאפט, וועלכע זענען קנעכט פון זייער אייגענטום, און וועט אויפהויבען דאס געפיהל פון מענשען-עהרע ביי די ארימע קלאסען, וועלכע מוזען זיין גראב, ווילד, נאריש, נידריג, ווייל שטענדיג טראכטען זיי וועגען איין זאך — וועגען געלד. „אין יעדער געזעלשאפט — זאגט אואילד — איז דא נאר איין קלאס, וואס טראכט וועגען געלד מעהר איידער די רייכע — דאס זענען די ארימע"; די נייע ארדנונג וועט אפשר צווינגען דעם מענשען צו פערשטעהן, אז וויכטיג איז איבערהויפט „זיין", נישט — „האבען".

אפשר וועט אמאל פערווירקליכט ווערן אזא ארדנונג, דערווייל אבער האט זיך די מענשהייט איינגעארדענט זעהר נאריש און מאוס, אונעסטעטיש. צום קאמפף פאר בעסערס רופט אואילד אין ערגיץ נישט, — ער איז דאך אזוי ווייט פון דער געזעלשאפטליכער ארענע, פון דער פאליטיק; איהם געהט אזוי נישט די ראליע פון א טריבון! וואונדערען זיך איז נישטא וואס; עס איז צו צווייפלען, אויב אואילד האט אמאל געזעהן די אינוועניגסטע ווענט פון לאנדאנער פאלאטע. ער ווייסט נאר איין מיטעל: אוועקגעהן; וואוהין? אין דעם טעמפעל פון שענהייט, אין דעם פאנטעאן פון קונסט, ענטפערט אואילד. מען דארף איגנארירען דעם לעכערליכען „מוראווייניק", די ווירקליכקייט, און שאפען א קינסטלערישע וועלט; יעדערער איז מחויב צו זיין א קינסטלער, אלץ, פון דאס גרעסטע ביז דאס קלענסטע, דארף טראגען אויף זיך דעם שטעמפעל פון קונסט; אויך די פילאזאפיע דארף פערוואנדעלט ווערן אין קונסט, און אנ'אמת'ער קריטיקער איז

נאָר דער, וועלכער גיט איבער אין נייע פּאָעטישע פאָרמען דעם אינ־האַלט פון בוך אָדער פון בילד. די וועלט פון דעם קינסטלער איז העכער, ווילטיגער, ווי די וועלט פון דער ווירקליכקייט; פאָלקאָמע פרייהייט איז דאָ נאָר אין קונסט; קיינער דערגרייכט נישט דעם אי־דעאַל פון אינדיווידואַליזם אין אַזאַ מדרגה, ווי דער קינסטלער — ער איז פרייער פון דער נאַטור.

„נאָר די פרייע קונסט קען צווינגען מאַנדעל־בוימער, צו בליהען אום ווינטער און אָנשיקען שניי אויף צייטיגע פעלדער; זי ווייסט פון אַזעלכע בלומען, וועלכע האָבען קיינמאָל נישט געזעהן דעם גאָר־טען, פון אַזעלכע פויגעל, וועלכע האָבען קיינמאָל נישט געלעבט אין וואַלד".

פון דער צווייטער זייט, ווידער, נויטיגט זיך קיינער אַזוי נישט אין פאָלקאָמער פרייהייט, ווי דער קינסטלער; פאַר קיינעם איז אַזוי נישט געפערליך דער דעספּאָטיזם, ווי פאַר איהם; דעריבער בעציהט ער זיך פיינדליך צום פּלעבס, צו דער מאַסע, צו דער גאַס, דען דער גרעסטער דעספאָט איז דער המון, נאָכמעהר איידער דער קעניג, מעהר איידער דער פּאַפּסט; דער ערשטער געוועלטיגט נאָר איבערן גוף, דער צווייטער נאָר איבער דער נשמה, דער המון — דריקט אי דעם גוף, אי די נשמה. געוועזען פיעל ביישפּיעלען, ווען דעם קינסט־לער האָט מען בעגעגענט מיט אויפמערקזאַמקייט און ליעבע אין קע־ניגליכע הויפען; דער קייזער און דער קעניג קען זיך אַמאָל אָנבויגען און דערלאַנגען דעם קינסטלער זיין פּענזעל, דער המון בויגט זיך איין נאָר — אום אויפצוהויבען אַ שטיק בלאָטע...

דער קינסטלער האָט מיט וואָס צו שטאָלצירען: ער גיט דער וועלט, דער נאַטור מעהר שענהייט, וויפיעל ער נעמט פון איהר; ער טוט קיינעם נישט נאָך, פערקעהרט אַלע טוען איהם נאָך; די לאָנדאָנער נעבלען האָט מען בעמערקט נאָר אַ דאַנק די אימפּרעסיאָ־ניסטען: „די נישט געהערטע פערענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען פאַר די לעצטע צעהן יאָהר אין לאָנדאָנער קלימאַט, דאַרף נאַטירליך און איגנאַנצען צוגעשריבען ווערען אַט דער בעזונדערער קונסט־שול".

„מיר דאַרפען אַלץ בעקומען פון דער קונסט, נאָר דורך קונסט קענען מיר זיך אויסבעסערען, נאָר די קונסט קען אונז פערטיידיגען פון די שמוציגע לעבענס־געפאַהרען".

די שענהייט דאַרף זיך געפינען אין יעדער קלייניגקייט, און לאָרד הענרי האָט ערנסטען פערדרוס, ווען ער דערגעהט, אז די שעּנע בלום, וואָס ער האָט געקויפט, געהערט צו דעם סאָרט, וועלכער הייסט „ראָבינזאָניאַני״ . . . „דאָס איז אַ טרויעריגער אמת, זאָגט לאָרד העגרי, נאָר מיר האָבען פערלוירען דעם טאַלאַנט אָנצורופען זאַכען מיט שענע נעמען, — דער נאָמען איז אַלץ; איך דיספּוטיר קיינמאָל נישט וועגען מעשים, נאָר וועגען ווערטער; איך האָב דערפאַר אַזוי פיינד דעם רעאַליזם אין ליטעראַטור. דער מענש, וואָס האָט אָנגעּרופען דעם גראָב-אײַזען — גראָב-אײַזען, דאַרף זיין פעראורטיילט דאָס גאַנצע לעבען מיט איהם צו אַרבייטען, דאָס וואָלט איהם געווען נאָך זיין פערדינסט נאָך״.

אָנרופען זאַכען מיט אַ שענעם נאָמען איז וויכטיג, נאָר נאָך וויכטיגער איז שען רעדען; די העכסטע און שאַרפסטע פאָרם פון קונסט-רעדען איז, פערשטעהט זיך, דער פּאַראַדאָקס. „פּרינץ פּאַראַּדאָקס״, אַזוי האָט דאָריאַן גריי געוואָלט רופען דעם לאָרד העגרי. דער טיטול פּאַסט אַזוי פאַר אואַילד'ען, וועלכער איז געווען ווירקליך נישט נאָר דער פּרינץ, נאָר דער קעניג פונ'ם פּאַראַדאָקס, און פיעּלע פון זיינע העלדען האָט ער געבענשט מיט דעם בעזונדערען טאַּלאַנט; כמעט אַלע אואַילד'ס קאָמעדיעס בעשטעהען פון דעם איינגענּאַרטיגען געשפּרעך-טורניר. דער ראָמאַן „דער פּאָרטרעט פון דאָריאַן גריי״ איז נישט אַזוי אינטערעסאַנט מיט דער אידעע, ווי מיט די קליינע פערזאַמלונגען, אין וועלכע יעדערער זעהט איבערצושטייגען דעם צווייטען אין דער קונסט פון שען און שאַרף רעדען.

און עס זיעגט דער, וועלכער איז פּאַראַדאָקסאַלער.

אָט איז איין ביישפּיעל:

„אַלזאָ, דאָס העכסטע איז איינע פון די זיעבען טויט-חטאים? האָט אויסגעשריען די הערצאָגין — צו וואָס איז דאַן אייער פערגלייך מיט דער אַרחידעע?

— דאָס העכליכע איז איינע פון די זיעבען טויט-מצוות, ג. לעּדי. איהר, אַלס גוטער טאָרי, דאַרפט זיי נישט פערקלענערן. די ביבעל און די זיעבען טויט-מצוות האָבען געמאַכט ענגלאַנד פאַר דאָס, וואָס זי איז איצט.

— הייסט עס, אַז איהר ליעבט נישט אייער לאַנד.

— איך וואוין אין איהם.

— אום איהם בעסער צו קריטיקירען?

— ווילט איהר דען, איך זאָל אָננעהמען וועגען ענגלאַנד די מיינונג פון אייראָפּאַ?

— וואָס־זשע זאָגט אויף אונז אייראָפּאַ?

— אַז טאַרטיוף האָט עמיגרירט קיין ענגלאַנד און דאָרט אַ קרע־מעל געעפענט.

— איז דאָס אָקאָרשט נישט אייער גאַררי?" — — —

אָדער:

— „די הערצאָגין האָט אַ שאָקעל געטאָן מיט׳ן קאָפּ.

— איך גלויב אין דער ראַסע — האָט זי געזאָגט.

— זי שטעלט פאָר מיט זיך אַ איבערבלייבעניש פון אונטערנעה־מונגס־פעהיגקייט.

— זי קען זיך נאָך ענטוויקלען.

— מיר געפעלט מעהר דער אונטערגאַנג. — — — —

— וואָס־זשע וועט איהר זאָגען וועגען קונסט? — האָט זי געפרעגט.

— אַז זי איז אַ קראַנקהייט.

— און ליעבע?

— אַ אילוזיע —

— און רעליגיע?

— אַ אָנשטענדיגע פערטרעטערין פון גלויבען.

— איהר זייט אַ סקעפּטיקער?

— קיינמאָל! סקעפּטיציזם — איז דער אָנהויב פון גלויבען.

— וואָס־זשע זענט איהר?

— בעשטימען — הייסט: בעגרענעצען.

— גיט מיר חאָטש אַ פאָדים.

— די פעדים רייסען זיך פּלוצלונג איבער, איהר וואָלט פער־בלאָנדזשעט ווערן אין דעם לאַבירינט".

עס איז אָפט ווירקליך גרינג צו פערבלאָנדזשען אין דעם לאַבי־רינט פון אוּאַילד׳ס פּאַראַדאָקסען, אין זיין שפּיעלען זיך מיט געדאַנ־קען. זיינע פּאַראַדאָקסען זענען אַלעמאָל גלענצענד, זיי מיעדען אָבער איין מיט זייער צאָהל. אוּאַילד האָט ליעב צו קאָקעטירען מיט זיין בעזונדער פעהיגקייט צו פיהרען אַ׳אינטעלעקטועלען [illegible], פּונקט ווי אָט דאָס קאָקעטירען איז איהם נישט פרעמד, בעת ער הויבט אָן

איבערדערציילענען פערשידענע טײַערע שטיינער, נעמען פון בלומען. אט די פערשידענע סארטען פערעל; אט די אלע טאפאזען, חריזאניטען, רובינען, אניקסען, היאצינטען, חאלצעדאנען האט ער ליעב נישט נאר איבערצוקלײַבען מיט די הענד, איהם פערשאפט פערגעניגען דאס רעדען וועגען זיי, אויסרופען זייערע נעמען און פון דעם פערגעניגען זאגט ער זיך נישט אב אפילו אין אזא קאנצענטרירטען ווערק, ווי „סאלאמעא“, וועלכע דערמאנט אזוי די שענהייט פון א קלאסישער טראגעדיע.

נאר אין די לעגענדען און מעשה׳לעך, וועלכע אואילד פלעגט ליעב האבען צו דערצעהלען זיינע פרײַנד, דערגרייכט ער דעם אידעאל פון היילינער איינפאכקייט און נאר אין „סאלאמעא“ טרעט ער ארויס, ווי א טראגישער שרײַבער. דא איז נישטא קיין איין איבעריג ווארט, דען אלע העלדען זענען טראגיש; אלע מוזען זיי אומקומען, דען צו שטארק איז זייער ווילען — קיינער וויל נישט נאכגעבען. יוחנן׳ס פאנאטישער אסקעטיזם בעגעגענט זיך מיט דער ווילדער תאוה פון „סאלאמעא“; דא איז די ליעבע טראגיש, דען יעדע טיעפע ליעבע איז טראגיש. יוחנן שטארבט, ווײַל „סאלאמעא“ האט איהם צו שטארק געליעבט...

נאר „סאלאמעא“, ווי די ביבלישע לעגענדען און שפעטער „דע פראפונדיס“, שטעהען בעזונדער צווישען אואילד׳ס ווערק. בכלל הערשט ביי איהם דער גלענצענדער פאראדאקס, און עס פעהלט דער ליריזם, די שרעק פאר דער וועלט-טראגעדיע; אואילד האט זיך פונקט ווי ארומגעצוימט מיט שענע, זעלטענע שטיינער, קונסט-ווערק, בלומען און בעמערקט נישט דאס פוסטקייט; צו לאנג איז ער פערנומען מיט זיין בלומען-בוקעט, און עס איז נישטא קיין צייט צו פרעגען, צום ביישפיעל: „וואו איז גאט?“

מען קען, פערשטעהט זיך, מיינען, אז אואילד איז צו קלוג, צו פיעל דזשענטלמען געווען, כדי צו פערלאנגען אזעלכע אונטאקטישע פראגען... איהם האט זיך, אפשר, גארנישט געוואלט אזוי שטארק געפינען זיך אין דער אונאנגענעמער ראליע פון דעם „נאר“, וואס ווארט אויף א „ענטפער“. א טייל אמת איז פערהאן דא, די הויפט-סיבה ליעגט אבער אין דעם, וואס אואילד איז געווען נאר קינסטלער און זעהר ווענינ פילאזאף.

אואילד האט געפאדערט פון יעדען מענשען, ער זאל זיין א קינסט-

לער; ער האָט אָבער פערגעסען דעם צווייטען חוב: זיין אַ פילאָזאָף; דאָס, וואָס אואַילד איז געווען נאָר קינסטלער, האָט איהם פערשאַפט זעהר פיעל ליידען און פערוואַנדעלט דעם „פרייסטען פון די פרייע״ אין אַ שקלאַף, וועלכער איז צוגעבונדען צו די פערגעניגענס, צו די שענהייטען, דען סוף כל סוף איז אואַילד געווען אַ שקלאַף פון זיין עסטעטיזם. איהם האָט געפעהלט דער פילאָזאָפישער סקעפּסיס, וועלכער גיסט שטענדיג אַריין אַ פּאָר ביטערע טראָפּענס אינ׳ם זיסען בעכער. מיט אַ זעלטענעם סאַרקאַזם האָט ער פערפאָלגט די העכערע קלאַסען, די לאָנדאָנער אַריסטאָקראַטיע אין זיינע קאָמעדיעס, איהם האָט אָבער געפעהלט די איראָניע איבער זיך אַליין; וועלנדיג פערווירקליכען דעם אידעאַל פון אַנ׳אַמאָליגען עפּיקורעער, האָט ער זיך פערגעסען אָן איין זאַך: אַנ׳אמת׳ער עפּיקורעער ווייסט דעם קליינעם ווערט פון אַלץ — אפילו פון זיין עפּיקורעאיזם. ער איז פריי, ער ליגט אונטער די געדיכטע צווייגען פון זיין גאָרטען, טרינקט ווײַן, שמעקט בלומען, נאָר יעדע רגע קען ער זיך אויפהויבען און אַוועקגעהן גאָר אין דער וויסטעניש, אַראָבוואַרפען פון זיך די פּורפּור- און תכלת-קליידער און אָנטאָן אַ זאַק אויפ׳ן קאָפּ, דען פריהער פון אַלץ איז ער — פילאָזאָף.

דער, וועלכער האָט אַזוי גלענצענד געוואָרפען סאַרקאַסטישע פּײַלען, איז נישט אימשטאַנד געווען איראָניש צו שמייכלען אויף דעם אייגענעם עסטעטיזם. פון קאָמפאָרט, פון קונסט האָט ער אַ קולט געשאַפען און צו ענערגיש זיך געבוקט צו איהם. ער איז נישט געווען פריי, דען „ווער עס וויל זיין פריי, דער דאַרף נישט וויסען פון קאָמפאָרט״, און דער גרויסער טעמפּל פון קונסט איז געווען אַ מין געפענגעניש, וואו דער שקלאַף אָסקאַר אואַילד האָט איבערגעקליבען פערשידענע טײַערע שטיינער און געריסען בלעטלעך פון גרויסען גאָרטען בלומען.

אין זיין ווידוי-בוך האָט ער געשריבען:

„ווען איך בין געווען אין אָקספאָרד — דאָס איז געווען דאַן, ווען איך האָב געענדיגט — האָב איך אין אַ פריהמאָרגען געזאָגט איינעם פון מיינע פריינד, מיט וועלכען איך האָב שפּאַצירט איבער די אַלעען אין די געגענדען פון מאַגדאַלען-קאָלעדז, אַז מיך ציהט צו פערזוכען די פרוכטען פון אַלע בוימער, וועלכע וואַקסען אין דעם וועלט-גאָרטען; אַז מיט דער תאוה אין האַרצען טרעט איך אַריין אין

דער וועלט. אַזוי האָב איך געטאָן, אַזוי האָב איך געלעבט; מיין איינציגער פעהלער איז געווען, וואָס איך האָב זיך בענוגענט נאָר מיט די בוימער, וואָס וואַקסען אין דעם מיט זונען-שטראַהלען בעגאָסענעם טהייל פון גאָרטען, אין דער צייט, ווען דעם שאָטיגען און פינסטערען טהייל פון גאָרטען האָב איך אויסגעמיטען".

III.

אויף דעם גורל פון אָסקאַר אוּאַילד איז אָבער דאָך אויסגעפאַלען צו פערזוכען דעם טעם פון דער טראַגעדיע; דאָס גאַנצע לעבען איז ער פון איהר געלאָפען און זי האָט איהם דאָך דעריאָגט און געצוואונגען צו ווערען אַ פילאָזאָף, נישט נאָר אַ קינסטלער, צו ווערען טיעף, נישט נאָר גלענצענד; אוּאַילד'ען האָט עפּעס געפעהלט, אין דעם גרויסען קאָרב בלומען איז נישט געווען צו בעמערקען די דערנער, וועלכע זענען נויטיג יעדער גרויסער פערזענליכקייט, דען נאָר אין די ליידען פון גיהנם לייטערט זיך אויס די נשמה און דערגרייכט די אמת'ע גרויסקייט און רוהיגקייט...

אויף דעם קאָפּ פון אָסקאַר אוּאַילד איז אָנגעטאָן געוואָרען דער דערנער-קראַנץ און ער האָט אָנגעשריבען „דע פּראָפונדיס" — איינס פון זיינע בעסטע ביכער, איינס פון די אומעטיגסטע ביכער אין דער וועלט-ליטעראַטור.

פערהאַן ביכער, וועלכע זענען עהנליך צו איינזאַמע, פינסטערע אַלעען, איבער וועלכע עס בלאָנזשען שטיל, דעם קאָפּ געבויגען, צעבראָכענע הערצער, פערקעלטערטע, פערטרוימטע נשמות. איבער די אַלעען געהען נאָר בעזיעגטע, דאָרט ווערט געמאַכט דער סך-הכל פון לעבען, דאָרט ווערט אונטערגעפיהרט די לעצטע שורה, זעלטען ווען מיט צאָרן און כמעט אַלעמאָל מיט אַ שטילער עלעגיע, מיט אַ פערצייהונגס-שמייכעל.

און ס'ליעגט אַ בעזונדערע שענהייט אין די אַלעען, פונקט ווי עס איז פערהאַן אַ בעזונדער שענהייט אין דעם אונטערגאַנג, וועלכער איז אָפטמאָל דער אויפגאַנג, ווייל די פערזענליכקייט ווערט דאַן העכער, טיעפער, אויסגעלייטערטער. ווער-זשע קען סוף כל סוף אָבליי-

קענען, אז נאַפּאָלעאָן דער געפאַנגענער, נאַפּאָלעאָן דער אײנזאַמער אויף דער אינזעל העלענע, וועלכער שטעהט פערטראַכט בײַם ברעג ים, די הענד צונויפגעלעגט, דעם קאָפּ געבויגען, — אז דער נאַפּאָלעאָן איז אונז טײַערער, ווי יענער, וועלכער זיצט אויפ'ן ווײַסען פערד, בעטראַכטענדיג זײַנע פּאָזיציעס...

„דע פּראָפונדיס" פון אָסקאַר אוּאילד איז די אומעטיגע פּאָעמע פון א בעזיעגטען.

דאָס געזילט פון פֿײַערדיגען טריאומפאַטאָר איז ליכטיגער, שענער, אײדעלער, כמעט הײליג געוואָרען; פריהער איז אוּאילד געווען אינטערעסאַנט, רײַצענד, זאָל זײַן זעהר אינטערעסאַנט, אָבער נישט מעהר; איצט איז ער טײַער, שרעקליך נאָהענט; דאָס האָבען די טיעפע לײַדען, דאָס האָבען איהם די לאַנגע, פינסטערע, אײנזאַמע נעכט אזוי דערנעהנטערט צו אונז.

א שטילע, אָבגעזונדערטע אַלעע און איבער איהר שפּאַצירט אוּאילד מיט נישט זיכערע טריט און אומעטיגע אויגען. געוויס, אָבליי קענען זײַן שולד האָט ער נישט דאָס רעכט און וויל דאָס אויך נישט; יאָ, נישט געדאַרפט האָט ער טרינקען פון אַלע בעכערס, אײניגע פון זיי זענען דאָך געפעהרליכע. נאָר א ביסעל וועלכער האָט נישט געשאַדט צו זײַן דעם מענשען, א ביסעל מעהר האַרץ און רחמנות אין די בעציהונגען צו איהם וואָלט געווען גאָרנישט איבריג.

נאָר גאָרנישט; ער וויל זײַן רוהיג, ער וויל נישט זעהען קײַן קערנער פון קנאה; אַלע פײַנד זײַנע, וועלכע האָבען איהם אזוי פערפאָלגט, אַלע גוטע פרײַנד — די שטענדיגע געסט פון זײַן רײַכען טיש, וועלכע זענען זיך צעלאָפען אין דער צײַט פון אומגליק, — אַלעמען איז ער מוחל...

אין די אײנזאַמע, שווערע נעכט וועט ער לאַנג גאָט בעטען און רופען צו זיך די אינערליכע רוהיגקײַט, די ליעבע, וועלכע איז העכער פון אַלץ, וועלכע הויבט זיך אויף איבער אַלץ, די ליעבע, וואָס איז אַלץ מוחל.

שוין נישט אזוי שרעקליך; פון אָנהויב, — יאָ, אָבער איצט שוין נישט אזוי; ער וויל שוין נישט ברעכען די הענד און שרײַען: „וואָס פאַר א סוף, וואָס פאַר א מאוסער סוף". נײַן, ער האָט עפּיס נײַעס געלערנט און איצט ווילט זיך איהם זאָגען: „וואָס פאַר אַן אָנהויב, וואָס פאַר א זעלטענער אָנהויב".

„דאָס ערשטע, וואָס איך דאַרף טאָן — לייענען מיר אין „דע פּראָפונדיס" — איז באַפרייען זיך פון אַ ביטערען געפיהל צו דער וועלט, אויב אַזאַ געפיהל איז נאָך געבליבען ביי מיר; איך בין אָהן מאַטעריעלע מיטלען, ביי מיר איז גאָר נישטאָ, נאָר עס גיט נאָך ערגערס, און איך זאָג גאַנץ ערנסט: בעסער וואָלט איך וועלען בעטען ברויט, געהענדיג פון איין טיר צו דער צווייטער, איידער אַרויסגעהן פון געפענגעניש מיט אַ צאָרן קעגען דער גאַנצער וועלט; און אויב איך וואָלט גאָרנישט בעקומען אין די רייכע הייזער וואָלטען מיר די אָרימע עפּיס וואָס געבען, ווער עס האָט פיעל איז אָפט נייגיריג און שלעכט, ווער עס האָט ווייניג איז שטענדיג גרייט זיך צו טיילען; מיר איז אַלץ איינס — שלאָפען זומער אויף דעם קיהלען גראָז און ווינטער זוכען אַ געלעגער אונטער דעם דאַך פון אַ גרויסען שייער, אַבי אין מיין האַרץ זאָל זיין ליעבע".

דאָס שרייבט אָסקאַר וואַילד, דער געוועזענער קעניג פון דער מאָדע, דער געניאַלער מייסטער פון פּאַראַדאָקס און שטענדיגער אָבלאַכער; מיינט נישט, אַז ער האָט זיך אָבגעזאָגט פון קונסט, פון אינדיווידואַליזם, ניין, אַביסעל ווייטער בעמערקט ער: „איך ווייס, אַז נישט פאַר מיר איז בעטען אַ נדבה אויפ'ן ברייטען וועג, און אויב מיר וואָלט אויסגעקומען צו ליגען ביי נאַכט אויף דעם קיהלען גראָז, וואָלט איך געשריבען סאָנעטען דער לבנה"; נאָר ער האָט זיך פערטיעפט. ער איז קינסטלער, נאָר נישט דער שקלאַף פון קונסט. פון קאָמפאָרט האָט ער זיך שוין בעפרייט. פערהאַן נאָך שענער'ס, איידער דער אויסגעציירטער קאַבינעט פון דאָריאַן גריי. ער האָט בעדייכערט זיין אינערליכע וועלט, ער איז העכער, טיעפער געוואָרען, דען ער האָט געליטען און פון פּאַראַדאָקס איז ער אַריבער צום שטילען ליריזם.

פון אָסקאַר וואַילד'ען האָט די געזעלשאַפט, וועלכע האָט אַזוי ליעב צו שטראָפען דעם זינדיגען, אַלץ צוגענומען; ער, וועלכער איז אַזוי געוועהנט געווען צו אויפמערקזאַמקייט, וועלכער איז אומעטום געווען דער ערשטער, ליגט פערוואָרפען אין אַ פינסטערער קאַמער, די פריינד זענען זיך צעלאָפען און יעדער סימן פון מיטלייד, מיטגעפיהל איז אַזוי זעלטען, אַזוי טייער.

איז געבליעבען האָטש איינער טריי?

אין דעם אומעטיגען ווידוי לייענען מיר:

„וואו עס זענען דא לײַדען—דאָרט איז הײליג דאָס אָרט", אַמאָל וועט די מענשהײַט פערשטעהן וואָס דאָס בעטײַט, ביז דער צײַט ווײסט די מענשהײַט גאָרנישט פון לעבען; ראַבבי און נאָך אַזעלכע, ווי ער, קענען דאָס פערשטעהן. ווען מען האָט מיך צווישען צווײ פּאָליציי-לײַט געפיהרט פון געפענגניש אין געריכטס-הויז, האָט ראַבבי געוואַרט אויף מיר אין פּאָדער-הויז, כדי — צום גרויס וואונדער פון פּובליקום, וואָס איז ערשטוינט געוואָרען, צוזעהענדיג אַזאַ סצענע — ערנסט און אײנפאַך אַראָבנעמען פאַר מיר דעם הוט, ווען איך בין, אין קײטען געשמידט מיט אַנ'אַראָבגעלאָזענעם קאָפּ, פאַרבײַ איהם געגאַנגען; פאַר קלענערע פערדינסטען זענען מענשען זוכה אַרײַנצוגעהן אין גן-עדן".

ער טראַכט וועגען דעם, ווי שרעקליך ס'איז, אַרויסגעהענדיג פון געפענגניש, אַרויסצוטרעטען אין דער וועלט, נישט האָבענדיג אײַנענם אפילו אײן בוך, און ער שרײַבט דעם זעלבען ראַבבי:

„וועט אפשר שײַנקען מיר אײנער פון מײַנע פרײַנד עטליכע ביכער, צום בײַשפּיעל. N? דו ווײסט, וועלכע ביכער איך וואָלט וועלען האָבען".

„דע פּראָפונדיס" איז נישט נאָר דער „איכה" פון אײן אַמאָל בעריהמטען און בעליעבטען שרײַבער, דאָס איז אויך אַ בוך פון טיעפע געדאַנקען. אמת, די געדאַנקען ווערען נישט אַרויסגעזאָגט מיט אַזאַ שטאָלצקײט, אין זײ פעהלט די זיכערקײט פון אַ הערשער, פון אַ סיבאַריט, פון אַ קונסט-מעצענאַט; שטיל דענקט דער פערוואָרפענער פּאָעט, שטיל אָהן פריהערדיגען גלויבען און אויף יעדען געדאַנק, אויף יעדען וואָרט הײנגט דער גרויסער אומעט פון אַ לײַדענדען; די פאָרם איז שען און ערהויבען, ווי פריהער, עס פעהלט אָבער דער בליץ, דער בעזונדערער גלאַנץ.

די „געפענגניש-באַלאַדע" איז דאָס צווײטע ווערק פון וואַילד פאַר דעם אונטערגאַנגס-פעריאָד. מעהר האָט ער שוין נישט געשאַפען. ער האָט גערעכענט אָנהויבען אַ נײַעם לעבען, נאָר אין דעם כאַראַקטער פון וואַילד'ן איז געווען זעהר פיעל „ווײַבליכעס": קײן שטאַרקער מענש איז ער נישט געווען און, נישט זעהענדיג נאָך דער בעפרײַאונג קײן וואַרימע, ברידערליכע בעציהונג צו זיך, האָט ער נישט געקענט פערווירקליכען נישט אײנעם פון זײַנע פּלענער; ער האָט

געבלאָנדזשעט איינזאַם, אָרים געקליידעט, אַ פערוואונדעטער, צעבראָכענער.

אַלע האָבען זיך פון איהם אָבגעקעהרט און זיין בעסטער פריינד אַנדרע זיך האָט זיך געשעמט צו זיצען מיט איהם צוזאַמען אין קאַפע. „זעץ זיך נעבען מיר — האָט טרויעריג בעמערקט אואילד — איך בין אַזוי איינזאַם". און אַזוי פערוואָרפען אין פאָלקאָמער איינזאַמקייט האָט געענדיגט זיינע טעג אָסקאַר אואילד.

קיינער קען נישט אָנווייזען זיין קבר...

אַנאַטאָל פראַנס.

די מענשהייט געפינט זיך נאָך אין קינדהייטס־פעריאָד. דער מענש איז אייגענטליך ערשט נעכטען געבוירען געוואָרען. ער פייערט נאָך זיין זיסע יוגענד, מען דאַרף נישט פאָדערן פון איהם צופיעל שכל — ער נויטיגט זיך נאָך, מען זאָל איהם פערוויגען מיט שענע מעשיות.

אַנאַטאָל פראַנס.

איך האָב מעהר ליעב די רויז, נישט קוקענדיג אויף איהר פעהלער, — גיך וועלקען.

רענאַן.

די פאַריזער בוקיניסטען פון לינקען ברעג סענא האָבען זיך שוין צוגעוועהנט צו זייער אָריגינעלען גאַסט, וועלכער קומט אָפט צו זיי פערברענגען, דערצעהלען פערשיעדענע מעשיות פון דער אלטער און נייער געשיכטע, מעהר פון דער אַלטער, איידער פון דער נייער; ער רעדט שטיל, און דער קלוגער שמייכעל פון אַנ'אַלטען, קלוגען זיידען געהט נישט אַראָב פון זיינע ליפען. איהם איז אַלץ איינס, צי מען הערט איהם, צי נישט—ער דערצעהלט זיך; און אוועקגעהענדיג מיט אַ וויכען שמייכעל, טרייסט ער זיין אימפּראָוויזירטע אודיטאָריע פון איינפאַכע, כשר'ע, נשמות און ראַט, נישט צו פערלירען די האָפנונג, איבערהויפט — זיין מוטיג.

פון פערשיעדענע אַרטיקלען, אין וועלכע עס ווערט בעשריבען און געשילדערט אַנאַטאָל פראַנס, געדענקען זיך מיר מעהר פון אַלץ

אַם די וויזיטען צו זיינע בעכטע פריינד די בוקיניסטען, וועלכע זע־נען זעהר כאַראַקטעריסטיש פאַר ..־.אַל פראַנס׳ען, דעם גרויסען ליעבהאָבער און פריינד פון בוך, פון דאָס אַלטע, פון שענע היסטאָ־רישע זכרונות.

קיין איין שרייבער אין דער וועלט צווינגט נישט זיינע העלדען, צו לייענען אַזוי פיעל ביכער, ווי אַנאַטאָל פראַנס; באַלד ווי עס קומען זיך צונויף צוויי אָדער דריי מענשען, אַזוי הויבט זיך אָן אַנ־אינטערעסאַנטער, פילאָזאָפישער געשפרעך, וועלכער איז קיינמאָל נישט לאַנגווייליג, דען אַנאַטאָל פראַנס איז באמת דער געניע פון סטיל און גראַציע, דער גרויסער מייסטער פון דעם אינטערעסאַנטען, טיעפען דיאַלאָג.

„די געסט האָבען בעגעגענט דעם פאָרשלאַג מיט צופריעדענהייט און ניקאָלאַי לאָנזעלע, נישט לאָזענדיג זיך לאַנג בעטען, האָט פונאַנ־דערגעוויקעלט דעם מאַנוסקריפּט און געלייענט„.

אָדער:

„אין איין פריהמאָרגען האָט דער פּראָקאָנסול שפּאַצירט אין גאָרטען מיט זיין ברודער אַנגעי און געפיהרט אַ רוהיגען געשפּרעך וועגען די געזעצען פון דער נאַטור". (אויפ׳ן ווייסען שטיין).

„דער אויסדריק פון זיין געזיכט איז געווען ניכער אַ פער׳חלומ׳־טער, איידער אַ בעגייסטערטער, ער האָט געהאַלטען אין האַנד אַ בוך". (דער מאָרגענשטערן).

„לאַמי האָט אַרויסגענומען פון אונטער זיין טאָגע אַ פּאַרמעט, אויף וועלכען ס׳איז געווען געשריבען: „געדאַנקען וועגען דער נאַטור". (דער פּראָקוראַטאָר פון יהודה).

אַזעלכע שטעלען געפינט איהר ביי אַנאַטאָל פראַנס אין יעֶ־דער ערצעהלונג, און גראַף לאַנזען, צוגרייטענדיג מתנות פאַר זיין געליעבטער עפראָסינע („די הייליגע עפראָסינע" — ערצ.), פערגעסט נישט אַריינצולעגען אין אַ בעזונדערען קאַסטען ביכער איבער טע־אָלאָגיע און אַריטמעטיק, אָנגעשריבען מיט גאָלדענע בוכשטאַבען אויף פּאַרמעט, אויסגעפאַרבטען מיט פּורפּור און איינגעפאַסט אין אַ שאַכ־טעל פון עלפאַנט־ביין און גאָלד.

פון זיין גאַנצער רייכער גאַלערעע העלדען קען איך נאָר איינעם, וועלכער איז אַנ׳עם־הארץ — דאָס איז דער זשאָנגלאָר באַרנאַבע. אַלע איבריגע צייכענען זיך אויס מיט אַ זעלטענער פעהיגקייט צו פיהרען

אַנ׳אַנגענעמען, טיעפען געשפּרעך איבער די גרעסטע פּראָבלעמען, וועלכע האָבען אַ שייכות צו דער וועלט, נאַטור און מענשען. אויף די פלעצער פון אלעקסאַנדריע, אין דעם רייכען פּאַלאַץ פון דעם רוימישען פּאַטריציער, נעבען ברעג ים, אין קאַבינעט פון פּאַריזער געלעהרטען — אומעטום פיהרט זיך דער פריידליכער געשפּרעך און, צוהערענדיג וועגען וואָס און ווי אַזוי עס רעדט זיך, ווייסט איהר אַליין נישט פון וואָס פריהער נתפּעל צו ווערען: פון די טיעפע געדאַנקען אָדער פון דער גלענצענדער, איידעלער פאָרם, אין וועלכער די געדאַנקען זענען שטענדיג איינגעפּאַסט; אויב רעדען ביי אַנ׳אַנגענעמער סעודה, אין אַנ׳איינגען קרייז, איז אַ קונסט, דאַן דאַרף מען מודה זיין, אַז אַנאַטאָל פראַנס האָט אין דעם פאַך אויסגעשעפּט אַלץ, וואָס מעגליך איז; די אָנטיילנעהמער אַליין פון די פריידליכע, קלוגע דיאַלאָגען פיהלען זיך קיינמאָל נישט מיעד און אויב זיי צושיידען זיך, איז׳ס נאָר אויף אַ קורצע ווייַלע, כדי ווידער זיך צו בעגעגענען אונטער דעם שאָטיגען, געדיכטען בוים, וואו עס איז אַזוי גוט אָבצוזונדערען, אָבצוטיילען זיך פון דער גאַס, פון דער טומעלדיגער וועלט און פיהרען אַ שטילען, טאָלעראַנטען, טיעפען שמועס.

„עלי לאַמי, טו מיר אַ געפעליגקייט און קום צום אָבענד-עסען; מיין הויז שטעהט אין עק שטאָדט ביים ברעג פון ים. דו וועסט עס לייכט בעמערקען אָן דעם פּאָרטאַל, אויף וועלכען עס איז אויסגעמאָלט אָרפעאוס, וואָס פער׳כשופ׳ט די לייבען און טיגערן מיט די מעלאָדיען פון זיין לירע. אויף ווידערזעהן! מאָרגען וועלען מיר רעדען וועגען יהודה. (דער פּראָקוראַטאָר פון יהודה).

אַזוי כמעט שטענדיג נעמען אָבשייד איינער פון אַנדערען די העלדען פון אַנאַטאָל פראַנס; זיי געהען זיך פונאַנדער, אום גיכער ווידער זיך צובעגעגענען.

דאַרף מען דען בעמערקען, אַז אַנאַטאָל פראַנס פיהרט קיינמאָל נישט זיין דיאַלאָג פאַר אַ גרויסען פּובליקום? די גרעסטע מאַסע איז פאַר איהם געוועהנליך צעהן מענשען און דאָס בעליעבטסטע בילד איז געוויס „אָבענד-מאָל“ פון לעאָנאַרדאָ דאַ ווינצי; דאָס הייסט נישט, אַז אַנאַטאָל פראַנס פאַראַכט דאָס פאָלק; ער פריידיגט שנאה צום פלעבס, צו דער אַרענע — ער איז צו קלוג און טיעף, ער איז צו פיעל סקעפּטיק אום, צו פריידיגען בכלל אַזוינע שטאַרקע געפיהלען, ווי ליעבע אדער שנאה. נאָר ער זאָגט אַמאָל:

„דו ווייסט נישט, אַז פעלקער ווערען בערימט נישט דורך ד נאַרישע געשרייען, וואָס גיסען זיך פונאַנדער אויף די גאַסען, נאָר דורך שטילע געדאַנקען, וואָס ווערען געבוירען אין דער שטיל, ערגיץ וואו אויף אַ מאַנסאַרדע, און וועלכע פערענדערען פלוצים אין איין טאָג, דעם גאַנצען אויסזעהן פון דער ערד“.

און אָט די בעסטע געדאַנקען האָט ער ליעב איבערצוגעבען זיינע העלדען אין גאָרטען נעבען די סטאַטועען און פאָנטאַנען, אָדער ווייטער אונטערן שטאָט, ערגיץ ביים ברעג ים, וואוהין עס דערגרייכט נישט דער טומעל פון גאַס, דער געשריי פון די „36 מיליאָן מיילער“. נאָך מעהר האָט ער ליעב איבערצוטראָגען זיך אין די אַלטע צייטען, בעזונדערס פיהלט ער זיך גוט אין אַמאָליגען רוים, אַטהען, אַלעקסאַנדריע אין דער געזעלשאַפט פון וואַנדערער-פילאָזאָפען, פאָעטען, פאַטריציער און קורטיזאַנעס.

„ער האָט געקויפט אַ פרעכטיגען גאָרטען און אַליין איהם בעאַרבייט. דאָ האָט ער געבויט זיין שול. צוזאַמען מיט זיינע שילער האָט ער געפיהרט אַ רוהיגען, אָנגענעמען לעבען און געלערנט זיי אין דער צייט פון שפּאַצירען; ער האָט געמיינט, אַז עס איז נישטאָ קיין שענערעס און העכערעס, ווי לערנען פילאָזאָפיע“. (דער גאָרטען פון עפּיקור).

וועגען וואָס-זשע רעדען די פיעלע העלדען פון אַנאַטאָל פראַנס? וואָס איז די נשמה פון זייערע שטענדיגע דיאַלאָגען? וואָס איז זייער הויפּט-טעמאַ? וואָס לערנט אונז אַנאַטאָל פראַנס?

אַנאַטאָל פראַנס לערנט פערשטעהן דאָס לעבען און, אין דער זעלבער צייט, שליסען שלום מיט'ן לעבען, וועלכעס טראָגט אונז צו זעהר פיעל אונאַנגענעמע סורפּריזען; צושטערענדיג אַלע אילוזיעס, אַלע טעמפּלען, לאָזט ער דאָך שטענדיג עפּיס אַזוינס, צו-וואָס מען קען זיך צובינדען. ער זאָגט גאָר נישט צו; דאָך, אַוועקגעהענדיג, האָט ער ליעב צוטרייסטען און, ווי אַ געטרייער טאַטע, קלאַפּט ער שטיל איבער דער פּלייצע און ראָט, נישט צו פערלירען די האָפנונג; פון איין זייט קומט אויס, אַז ערגיץ הויך, הויך זיצט איינער און שפּילט אַ פּאַרס. וואָס רופט זיך: „וועלט-געשיכטע“, און פון דער אַנדערער זייט — שטאַרק אָבעסען זיך דאָס האַרץ דאַרף מען אויך נישט, דען די וועלט איז דאָך שען, אָנהויבענדיג פון דער אַלטער וואַזע און ענדיגענדיג

מיט דעם קלוגען פּעטראָניוס, פון וועלכען אַנאַטאָל פראַנס האָט זיך ליעב צו לערנען.

די אמת'ע סטיכיע זיינע איז איראָניע. אין דעם זין איז ער א געטרייער זוהן פון דער איראָנישער נאַציע און דער איינציגער יורש פון ראַבלע און רענאַן; זיין בעציהונג צו דער וועלט איז א ריין איראָנישע און מען קען די בעציהונג רעזומירען מיט די בעריהמטע ווערטער פון זיין רבי'ן ראַבלע, וועלכער האָט געזאָגט פאַר'ן טויט:

„לאָזט אַראָב דעם פאָרהאַנג, די קאָמעדיע האָט זיך געענדיגט“.

אַנאַטאָל פראַנס איז זיך מודה, אַז עס זענען נישטאָ אַזעלכע מאָמענטען, וועלכע זאָלען אונז צווינגען צו גלויבען אין דער הערשאַפט און דעם נצחון פון דער גערעכטיגקייט; ער ווייסט נישט קיין מעהר נאַרישען וואָרט, איידער דאָס וואָרט „ברודערשאַפט“; דאָס איינציגע, אויף וואָס מען קען האָפען אין דער ווייטער צוקונפט איז: לעבען בשלום; מעגליך, אַז די ווייטערדיגע דורות וועלען זיך נישט שלאָגען. אויף מעהר רילט זיך נישט.

ער קען אָבער גוט אַרבייטען מיט זיין אָפּעראַציאָנס-מעסער; די איראָניע פון אַנאַטאָל פראַנס בייסט נישט, רייסט נישט איינער לייב אויף שטיקער. אַראָבבייסענדיג די שענע מאַסקע פון לעבען, ווייזט ער דאָך נישט אָנשטאָט דעם אַנ'עקעלהאַפטען געזיכט, פון וועלכען עס ווילט זיך אַנטלויפען, אָדער אַ טויטען קערפּער, וועלכען עס ווילט זיך בעוויינען; נאָך זיין איראָניע בלייבט נישט פּוסט און לעדיג — עס ווילט זיך נאָך לעבען און ווען נישט איז אויך אַנ'אַנטייל נעהמען האָטש אין קאַמפּף. „שטרעבט צו גרויסע ציעלען און ווייסט, אַז פון דעם וועט גאָרנישט אַרויסקומען“, — אָט די סקעפּטישע ווערטער זענען ווי צוגעפּאַסט פאַר אַנאַטאָל פראַנס; ער אַליין, ווען מיר זעהען איהם אין דער ראָליע פון אַ הייסען פערטיידיגער און קעמפפער פאַר דעם מענשען'ס רעכט, דערמאָנט אונז אָן די ווערטער. אומיסט מיינט געאָרג בראַנדעס, אַז עס זענען דאָ צוויי אַנאַטאָל פראַנס'ן: איינער דער אַריסטאָקראַט, וועלכער קוקט פון אויבען אַראָב אויף דער נאַרישער וועלט און נאַרישען מענשען, וועלכער בעהאַלט זיך געבען דעם רוימישען פאָרום פון דעם איצטיגען טומעל, — און דער צווייטער אַ הייסער דרייפוסאַר, אַ דעמאָקראַט, אַנ'אַפּאָלאָגעט פון פּראָלעטאַריאַט; אין דער אמת'ן איז דאָס נישט ריכטיג; עס איז דאָ נאָר איין אַנאַטאָל פראַנס, וועלכער איז שטענדיג גאַנץ און אויסגעהאַלטען. די

איראָניע פּערלאָזט איהם נישט אפילו דאַן, ווען ער בּעגייסטערט זיך מיט אידעאַלען, נאָר דער גרעסטער טייל בּעמערקט זי נישט. די איראָניע איז דאָ זעהר אַ בּעהאַלטענע, זעהר אַ ווייכע, וועלכע בּעליידיגט קיינעם נישט, און דערמיט דעם צייכענט זיך טאַקי אַנאַטאָל פראַנס אויס פון אַלע אַנדערע גרויסע סקעפּטיקער, — דערמיט, וואָס ער לאַכט קיינמאָל נישט, נאָר ער שמייכעלט. זיין איראָניע געהט קיינמאָל נישט איבּער אין ציניזם, פערקעהרט: דאָס טיעפע פערשטעהן, אַז די וועלט-געשיכטע איז אין אַלגעמיין אַ לאַנגווייליגער פאַרם אויסגעמישט מיט איינצעלנע טראַגישע עפּיזאָדען, פילט אָן זיין האַרץ מיט אַ בּעזונדער מיטלייד. מיר האָט זיך אַלע מאָל געדוכט, אַז די אמת'ע, הויכע איראָניע מוז פיהרען צו רחמנות, צו גוטסקייט, חאָטש נישט צו סענטימענטאַלער ווייכקייט; דאָס לעצטע וואָרט פון אמת'ן סקעפּטיציזם איז פּאָטערליכע ליעבּע צו אַלץ, וואָס לעבּט און לעבּט איבּער, נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס אַלץ איז אַזוי נישט פעסט, נישט זיכער.

„איך האָבּ זיך דערמאָנט — בּעמערקט ערגיץ רענאַן — אָן די קליי-נינקע בּעשעפּעגישען אינ'ם טייכעל אואַדי-גאַמול אין סיריען. איך האָבּ געוואוסט, אַז דאָס טייכעל דאַרף אין גיכען אויסגעטריקענט ווערען, איך האָבּ געזעהען זייער טויט אין צוויי טעג אַרום, נאָר די בּעשעפּעגישען האָבּען נישט געטראַכט וועגען דעם. זיי זענען געווען פרעהליך און לע-בּעדיג, ווי אַלע מאָל"...

אַנאַטאָל פראַנס ווייסט דעם אמת'ען ווערט פון אַלע אונזערע אי-דעאַלען, פון אונזער אַנשטרענגונג, פון אונזער נאַרישער מיה, נאָר ווי-סענדיג דאָס אַלץ, האָט ער ניט נאָר קיינמאָל נישט געלאַכט, נאָר אָפטמאָל גענומען זעהר אַ ענערגישען אַנטייל אין מענשענס קאַמפף. נישט איינמאָל האָט ער ליעבּ געהאַט, זיך אַראָבּצולאָזען צום סאַמע דעק פון טייכעל אואַדי-גאַמול, הגם פאַר איהם איז נישט געווען קיין סוד, אויף וויפיעל די שמחה און די דאגות פון אַט די קליינע בּעשעפּינעשען זענען ווייט פון איבּיגקייט.

און פאַר וואָס נישט?

„איך האָבּ ליעבּ די רויז, נישט קוקענדיג אויף איהר פעהלער — ניך וועלקען"...

.II

אפשר איז׳ס דערפאר, וואס ער האט קיינמאל נישט געווארט אויף בעסער׳ס, אדער אפשר דערפאר, וואס ער איז מעהר פילאזאף ווי פאעט, נאר לייענענדיג זיינע ביכער ווערט איהר קיינמאל נישט בעליידיגט, דערשראקען, פערטרויערט; אין זיי איז נישטא דאס קאלטקייט פון א גלייכגילטיגען סקעפטיקער, וועלכער בעגלייט מיט דעם זעלבען געלעכטער, אי דאס געבורט פון א נייעם מענשען, אי די צעשטערונג פון פאמפעיע. אין זיי איז אויך נישטא דער איינדריק פון דעם שרעקליכען פעסימיזם, וואס צווינגט אייך שרייען, לויפען וואוהין די אויגען טראגען; אפילו נאך אזעלכע ביכער, ווי „די אינזעל פון פינגווינען“, למשל, וואו ס׳ווערט מיט אזא סארקאזם און איראניע פונאנדערגעוויקלט דער קאמיזם פון דער וועלט-געשיכטע, ווילט זיך אויך נישט אנטאן דעם שווארצען מאנטעל פון האמלעט. פון דעם גרעסטען סם טראגט אנאטאל פראנס שטענדיג מיט זיך דאס מיטעל, וועלכעס היילט אוים; פרובט אקארשט אריינפאלען אין א מעלאנכאלישער שטימונג, וועט איהר נישט בעמערקען, ווי צו אייך וועט זיך פון שמעקענדיגען גארטען דערנעהנטערען דער אריסטאקראט-פילאזאף ניקיאס מיט ווערטער, אין וועלכע ער וויל דערטרינקען דעם גרויסען אומעט פון דער שענער קורטיזאנע טאאיס:

„זיי נישט אומעטיג, מיין קינד! גליקליך אויף דער וועלט קען מען זיין נאר דאן, ווען מען פערגעסט זי. אונז איז בעוואוסט דער סוד פון אזא פערגעסען. קום מיר וועלען אבנארען דאס לעבען; מיר וועלען נאך צייט האבען אונזער שטראף דערפאר צו בעקומען, קום — מיר וועלען זיך אבגעבען דער ליעבע“.

אמת, איבער דער וועלט געוועלטיגט נישט דער אבסאלוט, וועלכען עס זוכען אזוי די סיסטעמאטיקער פון איין זייט און די נייגיריגע פון דער צווייטער זייט; סאיז טאקי שווער צו געפינען א ציעל און א בעזונדער זין אין אלץ, וואס עס קומט פאר. בכלל ווערט פאר אונזערע אויגען פונאנדער-געשפילט א גאנץ אינטערעסאנטער פארס; נאר אויב איהר, ווערענדיג ערשטוינט פון אזא נייס, וועט זיך ווארפען צו אנאטאל פראנס מיט א פראגע: קען מען דען לעבען, דארף מען דען לעבען? וועט דער גרעסטער סקעפטיקער איצטיגער ענטפערען מיט א פאטערליכען שמייכעל: געוויס יא, דען אומעטום, אומעטום זענען פונאנדערגעווארפען

שענע מיניאַטורען. פערשאַפט איך דען נישט קיין פערגעניגען אָט די שענע, אַלטע סקולפּטור?

ווי טיעף איז די נייַנטע סימפאָניע בעטהאָווען'ס, פילאָזאָפיע איז נישט קיין וויסענשאַפט, פילאָזאָפיע איז קונסט. נאָר, וואָס קען זיין אָנגענעמער, ווי זיצען אונטער אַ געדיכטען בוים אין דער געזעלשאַפט פון פילאָזאָפען און פיהרען אַ אינטערעסאַנטען דיאַלאָג, וויסענדיג פאָראויס, אַז צו קיין זאַך וועט קיינער נישט קומען, דען אַלץ, וואָס עס איז דאָ, איז שוין לאַנג געוועזען!

איהר שרייַט: און וואו איז דער אמת? ליעבט די שענהייַט אין לעבען — ענטפערט אַנאַטאָל פראַנס. אין דער שענהייַט געפינט זיך שוין במילא דער אמת. וואָס מאַכט'ס אויס, וואָס די געשיכטע איז נאָך נישט געקומען צו דער מדרגה פון וויסענשאַפט?

„איך ווייס, אַז די געשיכטע איז פאַלש און אַז אַלע היסטאָריקער פון העראָדאָט ביז מישלע דערצעהלען מעהר נישט ווי שענע מעשיות, נאָר מיך הויבט דאָס נישט אָן צו האַרען. מיך וואָלט אַדרבא פערדריסען, ווען די געשיכטע וואָלט וועלען זיין סאָלידער, פּינקטליכער; פאַר מיר איז זי שטענדיג נישט מעהר, ווי אַ גאַנצע רייהע שענע בילדער".

מען דאַרף דאָך נישט פערגעסען, אַז די מענשהייַט איז ערשט נעכטען געבוירען געוואָרען, און אַלע זענען מיר נאָך קינדער און אַלע נויטיגען מיר זיך אין שענע מעשיות. מיר דאַרפען, מ'זאָל אונז פערוויגען מיט לעגענדען, מיט שענע ליגענס,— מען דאַרף אונז וויעגען, וויעגען.

און אַנאַטאָל פראַנס פערוויעגט, דערצעהלט. אין־ערגיץ דערגרייכט נישט זיין טאַלאַנט אַזאַ גלאַנץ און שענהייַט, ווי אין די ערצעהלונגען וועגען הייליגע, וועגען כשר'ע נשמות, וועגען די, וועלכע געהען צום אָפּפער, און דאָס שטעהט נישט אין ווידערשפּרוך מיט זיין אַלגעמיינער איראָנישער בעציהונג צום מענשען.

אמת, בכלל איז דער מענש טאַקי אַ לעכערליכע חיה. וואַרטען אויף עפּיס בעזונדערעס איז נישט כדאַי און אומזיסט. נאָר צווישען די שענע מיניאַטורען, צוליעב וועלכע עס איז רעכט צו בלייבען לעבען, געפינט איהר איהם אויך. אָט איז די שענע טאַאיס — די קעניגין פון אַלעקסאַנדריער צירק, וועלכע פערלאָזט כבוד, רייכטום, ליעבע פון אַזאַ אַריסטאָקראַט ווי ניקיאַס, און געהט זיך ראַטעווען אין דער וויסטעניש; אָט איז די הייליגע עפּראַסיניע און דער קאָמעדיאַנט בארנאַבע, וועלכער נישט וויסענדיג, ווי צו לויבען גאָט, נישט האָבענדיג די ווערטער

דערצו, גנב'עט ער זיך אריין ביינאכט אין טעמפעל און וויזט פאר גאט זיינע בעסטע קונצען, ברייננגט צום קרבן זיין זעלטענע קענטניש צו וואר־פען באלאנען, פון וועלכע עס קוועלען אזוי די דארפישע קינדער.

אזוי פערוואנדעלט זיך דער טיעפסטער סקעפטיקער, דער מיט קולטור אנגעזעטיגטער אנאטאל פראנס אין א נאאיווען מענשען, אין א גלויבענדיגען, וועלכער האט ליעב צו דערצעהלען פאר נאאיווע און גלוי־בענדיגע שענע, אלטע מעשיות, און מיר דוכט, אז קיינער וואלט נישט געקענט אזוי בעשרייבען דאס לעבען פון פראנצישעק פון אססיז ווי ער, אנאטאל פראנס, דער שארפסטער מוח, דער קליגסטער און טיעפסטער פון די איצטיגע שרייבער.

מען קען מיינען: ער לאכט. ער, דער קלוגער, וועלכער זעהט אזוי טיעף און אזוי וויט, בעגעהט ער דען נישט א גרויסען פערברעכען מיט אזא אימיטאציע פון גלויבען, טראגענדיג דעם שטעקען פון א פיליג־רים? נאר מיר האבען שוין אבער פריהער בעמערקט, אז די איראניע פון אנאטאל פראנס פאלט קיינמאל נישט אריין אין ציניזם; ער לאכט נישט, נאר שמייכלען — שמייכעלט ער יא; קען זיין. אויך פון זיך זעלבסט, ווען ער ווארפט זיך אריין אין דער קאמפפס ארענע, ווי דאס איז געוועזן מיט דרייפוסעס פראצעס. אויך זיך אליין האט ער ליעב אפט צו פערוויע־גען, ווי א קליין קינד; פראנס אלס פאליטיקער, פראנס אלס געזעל־שאפטליכער טוער — וואס איז דאס, אויב נישט קיין שענע מעשה, וועלכע מען דארף דערצעהלען קינדער? ווער וואלט גלויבען, אז דער גרויסער מייסטער פון איראניע, וועט אנשרייבען אפילו א סאציאליסטישע אוטאפיע, און דאך איז דאס א פאקט.

די איראניע פון אנאטאל פראנס האט איהם נישטאב געזונדערט נישט, אבגעטיילט; נישט קוקענדיג אויף דעם, וואס זיין העלד בערזע האט אזוי ליעב צו פערברענגען מיט'ן הונט, וועהעט נישט פון זיינע ביכער דער יאוש פון סטרינדבערג, אדער די עלעגיע פון ראדענבאך; אנאטאל פראנס בעציהט זיך מיט א זעלטענער ווארימקייט צום מענשען; ראט, נישט צו זיין קיין גרויסער קנאי און נישט צו פערלירען די האפנונג.

פון איין זייט: „עס וועט גאר נישט זיין” און פון דער צווייטער: „האפט, פערלירט נישט דעם מוט”.

זיין עצה איז: לעבען און ליבהאבען אלץ אין לעבען, הגם אלץ איז סוף־כל־סוף א נארישע קאמעדיע, און דערפאר טאקי פאסט נישט צו־צוקלעפען זיך שטארק צום לעבען, נישט וועלען אבלאזען, נישט אברייסען

זיך, האַלטען זיך פאַר די פאַלדען שטאַרק און שרייען: „ראַטעוועט"! יעדערער איז מחויב צו זיין אַ שטיקעל פילאָזאָף און דאַרף זיין גרייט יעדע מינוט אַוועקצוגעהן, צו שטאַרבען. ווי אַ פרייער דאַרף ער קוקען דעם טויט גלייך אין די אויגען.

אין זיין זעלטענעם בוך „טאַאים" ווערט דערצעהלט, ווי עס שטאַרבט אָב אַ פילאָזאָף:

„ער האָט זיך פעטראַכט אויף אַ ווײַלע, דערנאָך ווידער גערעדט מיט גרויס פרייד:

— רײַס דיך אָב פונ'ם לעבען, עווקריט, ווי אַ צייטיגע פרוכט, וועלכע, פערלאָזענדיג, דאַנקט דעם בוים, וואָס האָט זי געטראָגען און בענשט די ערד, וואָס האָט זי געזעטיגט!

זאָגענדיג דאָס, האָט ער אַרויסגענומען פון אונטער זיין קלייד דעם בעהאַלטענעם מעסער און אַרייַנגעשטאָכען זיך אין ברוסט.

ניקיאַס האָט אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ —

— עווקריט איז שוין נישטאָ — האָט ער געזאָגט — ער האָט געוואָלט שטאַרבען, פונקט ווי אַנדערע ווילען לעבען. און אָט איצט איז ער געגליכען צו די געטער, וועלכע ווילען גאָרנישט"...

זשאָרזש ראָדענבאַך.

די שענקייט פון טרויער איז העכער,
ווי די שענקייט פון לעבען.

(ראָדענבאַך).

„אויב מען וויל דעם דיכטער לערנען, מוז מען צום ערשט אין זיין לאַנד געהן". דאָס איז אַ אַלטער ריכטיגער מנהג, און וועלכען מען טאָר נישט פערגעסען בעזונדערס, ווען מיר טרעטען צו צו אַזאַ פערזענליכקייט, ווי זשאָרזש ראָדענבאַך, „דער שוואַן פון דער יונגער בעלגיע", ווי מען רופט איהם, דער פּאָעט פון „שטילקייט און טרויער".

„נאָר שענע שטעדט שאַפען שענע נשמות" האָט ראָדײנבאַך בעמערקט. אויב דאָס איז אַזוי, אויב דאָס איז ריכטיג, איז ריכטיג אויך דאָס, אַז נאָר די אַלטע, אין איהרע אַלטע זכרונות פערטיפטע פלאַנדריאַ, מיט איהרע טויטע קאַנאַלען, איבער וועלכע ס'שוועבען שטיל, פערטראַכט, פונקט ווי ביי אַ הייליגער מעסע, די שוואַנען; פלאַנדריאַ, וואו די טויטע שטילקייט ווערט נאָר צעשטערט דורך דעם מעלאַנכאָלישען קלינגען פון די פיעלע גלאָקען, דאָס קלינגען, אין וועלכען ראָדענבאַך הערט דעם טומעל פון שליסלען, מיט וועלכע די שוועסטער בעגלייט די צייט אין דער איי ביגקייט; נאָר פלאַנדריאַ, די זעלטענע קאָנסערוואַטאָרישע, וועלכע לאָזט צו זיך נישט צו דאָס אַלץ, וואָס טראָגט אויף זיך די חתימה פון איצטיגער קולטור — נאָר דאָס לאַנד האָט געקאָנט געבוירען אַזאַ פּאָעט, ווי ראָדענבאַך.

ווי שטאַרק דאַרף עס פערדריסען, וואָס אין אונזער ליטעראַטור איז נישטאָ קיין איבערזעצונג פון ראָדענבאַך, וואָס ביי אונז איז זיין נאָמען בכלל אונבעקאַנט. אויף ראָדענבאַך'ן האָט מען זיך געדאַרפט אָב־

שטעלען מיט אַ בעזונדער אויפמערקזאַמקייט, דען ביי איהם קען מען לערנען די גרויסע פּאָעזיע און קלוגהייט — פון רוה, פון שטילקייט, „פון ליעבע צו זאַכען". מיר, אידען, האַלטען שטענדיג אין איין פּאַקען זיך, מיר פאָהרען איבער פון איין קוואַרטיר אויף דער צווייטער, מיר זענען וואַיאַזשאָרען—דער איד איז אַ פּאָטענציעלער עמיגראַנט.

אונזער פּסיכיק איז פרעמד די ליעבע צו אַ „אָרט", די ליעבע צו אַ זאַך. די אונגאָרמאַלע בעדינגונגען פון דעם איצטיגען לעבען בכלל און אונזער לעבען בפרט, ברענגען דערצו, אַז מיר פיהלען נישט די שענקייט פון לאַנגזאַמען טעמפּ, פון שטילע טריט. דערפאַר זעהען מיר ניט זעהר אַ סך דערפון, וואָס ס'איז ווערט צו זעהן; דערפאַר איז אונז געגעבען צו לערנען, נאָר דעם מעחאַנישען אויסדריק פון „זאַכען", נישט זייער נשמה. כדי די נשמה צו זעהן, דאַרף מען זיך אָפט אָבשטעלען און קוקען טיעף, טיעף. עס איז אונמעגליך צו שאַפען אַ פּאַנטעאיסטישען סיסטעם — לויפענדיג.

פאַר דעם איצטיגען מענשען איז אַלץ אָבגעריסען, אָבגעזונדערט איינס פון דאָס אַנדערע, נישטאָ קיין צוזאַמענהאַנג. עס הערשט דער באַרבאַרישער אינדיווידואַליזם, וועלכער האָט לחלוטין נישט צו טאָן מיט דעם ריכטיגען בעגריף, וואָס דאָס וואָרט „אינדיווידואַליזם" דאַרף האָבען. פאַר דעם איצטיגען מענשען, פאַר דער איצטיגער קולטור, עקזיסטירט נישט דאָס וואָרט „הייליגקייט"; דען עס איז נישטאָ קיין אָרט פאַר אַזאַ קאַטעגאָריע, ווי באַלד אַלץ פערקויפט זיך, ווי באַלד „רעליגיע" איז אומגעביטען אויף „פּאָליטיק" און „עסטעטיק" — אויף „לוקסוס". זעהען מיר דען ניט אויף יעדער טריט און שריט, אַז די „טייערקייט" פון דער אָדער יענער זאַך, גאַראַנטירט אין די אויגען פון היינטיגען מענשען איהר „שענקייט"? שוין לאַנג האָט מען אָנגעוואָרען דעם חוש פאַר אמת'ער שענקייט און „שען" איז געוואָרען נאָר דאָס, וואָס איז „טייער".

און אין דער וועלט פון טומעל, שרייענדיגע פאַרבען, וואָלוועלקייט און פערברעכערישער אייליגעש, שטעהט אליין בעזונדער זשאָרזש ראָדענבאַך מיט אַ שטילער תפילה אויף די ליפּען. זיין וועלט איז נישט קיין מאַרק, אויך נישט קיין קאַמפּפּס-אַרענע — נאָר אַ טעמפּעל. דעריבער איז אין ראָדענבאַך'ס פּאָעזיע ניט צו געפינען אַ סימן אפילו פון די אַזוי גערופענע געזעלשאַפטליכע מאָטיווען. אַ טעמפּעל איז נישט קיין סאַלאָן, ניט קיין בודואַר, דעריבער וועט איהר אין ראָדענבאַך'ס פּאָעזיע נישט געפינען די רייכע וויטרינע פון רייכע, בלישטשענדע שטיינער. ער מיידט

מיט אַ כיון אויס די פּיעלפאַכיגע סימפּאַניע פון פאַרבען און קאָלירען. און דאָס קומט פאַר ניִשט דערפאַר, וואָס זיין שפּראַך איז אָרים, ניט דערפאַר וואָס איהם פעהלען ווערטער — גבריאל ד׳אַנונציאַ, ביי וועמען עס זעֶנען פערהאַן גאַנצע בלעטער פערשריבענע מיט נעמען פון שטיינער, בלומען, איז ווייניגער פּאָעט, ווי ראָדענבאַך, הגם איהם זענען בעַקאַנט אַלע סטילען פון אַלע עפּאָכעס. אָפּטמאָל דיענען די בערג מיט ווערטער נאָר אַלס סוראָגאַט פון אמת׳ער קונסט, פון אמת׳ע טיעפע געַפיהלען.

„וואָ בעגריפפע פעהלען,

דאַ שטעללט איין וואָרט צור רעכטער צייט זיך איין״...

ראָדענבאַך איז דערפאַר קאַרג אויף ווערטער און פאַרבען, ווייל די ווירקליכע גרויסקייט און ערהאַבענקייט טוט זיך טיינמאָל ניט אָן אין פּורפּור-קליידער. די מוזע פון ראָדענבאַך איז שטענדיג איינפאַך געקליידט, אין ווייסען... „ווייס״ ווערט וואַריאירט ביי ראָדענבאַכ׳ן כמעט אין אַלע זיינע ווערק: „ווייסע ליליען״, „ווייסע שוואַנען״, „ווייסע גאַרדינען״, „ווייסע טשעפּטשיקעס״ אויף די קעפּ פון די מאָנאַחינעס. ווייסע קליידער האַר־מאָנירען אַזוי מיט די שטילע, לאַנגזאַמע טריט פון זיינע העלדען, מיט זייערע שטילע תפילות, און וועלכע עס איז ניטאָ דער שטאַרקער, צאָרענדער צושטעהן צו גאָט, נאָר די עלעגיע, וואָס איז נויטיג און צוגעפּאַסט צו יעדער תפילה.

ווען מען רעדט איבער ראָדענבאַכ׳ן קומט אויס אָפט צו בענוּצען זיך מיט׳ן וואָרט „שטילקייט״, דען דאָס איז כמעט דער הויפּט־שטריך פון זיין פּאָעטישער נשמה. ראָדענבאַך איז דער שטילסטער פּאָעט, וואָס איז ביז איצט געווען; דער שטילסטער, ניט דער רוהיגסטער. כדי צו זיין „רוהיג״, אין דעם העכסטען און פולסטען זין פון וואָרט, מוז מען זיין אַ גאָניע, מוז מען זיין געטהע, מוז מען קוקען פון אויבען אַראָב, מוז מען שטעהן אויפ׳ן אָלימפּ. ראָדענבאַך איז צופיעל „מענש״ געווען, אום רוהיג צו זיין; נאָר פּראָטעסט, צאָרן, טראַגעדיע — דאָס איז איהם פרעמד געווען. אין זיין שטילקייט האָט ער נאָר איין געפיהל געקענט — די עלעגיע.

ראָדענבאַך איז ניט בלויז דער שטילסטער, נאָר אפשר אויך דער עלעגישסטער פּאָעט, וועלכער איז ביז איצט געווען.

ראָדענבאַכ׳ס עלעגיע האָט ניט צו טאָן מיט פּעסימיזם. דער פּעסימיזם, אָט דער ביטערסטער פון אַלע קרייטאַכצער, וואַקסט מעהרסטען

טײל אויף דעם באָדען פון פּערזענליכען אומגליק, פון פּערזענליכער ניט אײנגעגעבענקײט אין לעבען. בײ די קלײנע מענשען איז דער פּער־זענליכער מאָמענט שטאַרק קענטיג, ליעגט שטענדיג פון אויבען־אויף; גרויסע מענשען — בעזײטיגען איהם און דער פּעסימיזם, שטאַמענדיג פון פּערזענליכע אורזאַכען, וואַקסט בײ זײ אויף ביז אַ וועלט־טראַגעדיע. אַ דאַנק דעם טאַלאַנט, אַ דאַנק דער גרויסע קראַפט פון זײער גײסט, הויבען זײ אויף דעם פּעסימיזם ביז דער העכסטער שטופּע פון יאוש אָדער ביז דער העכסטער שטופּע פון דעמאָנישער איראָניע. בײ דעם ערשטען פאַל — בײראָן, לעאָפּאַרדי, סטרינדבערג. בײ דעם צווײטען פאַל — אַנאַטאָל פראַנס, צום בײשפּיעל.

ראָדענבאַך'ן איז אונבעקאַנט אי די פּעסימיזם־טראַגעדיע, אי די פּעסימיזם־איראָניע. אויף זײן געזיכט זעהען זיך ניט די טראַגישע קנײטשען פון די דערשראָקענע, וועלכע שרײען אין זײער שרעק, און איהר וועט ניט בעמערקען בײ איהם אויך דעם שמײכעל פול מיט צאָרענ־דער איראָניע, וועלכער וויל בעהאַלטען פאַר דער וועלט די אינערליכע לײדען און איבערלעבונגען.

ראָדענבאַך'ס געזיכט איז עלעגיש, טרויער, און אַזוי איז זײן פּאָ־עזיע. ניט די „צעשטערונג" פון גרויסע דעמבעס, נאָר די „פּערוועלקונג פון קלײנינקע בלומען" בעווײנט ראָדענבאַך, דערפאַר איז בײ איהם ניטאָ דער געוואַלדיגער יאָמער, נאָר אַלע מאָל די שטילע טרער.

כדי צו קומען אין אַ טרויעריגער שטימונג איז ראָדענבאַך'ען ניט נויטיג צו דערוויסען זיך פון אַ גרויסער וועלט־קאַטאַסטראָפע, ניט נויטיג עס זאָל פּאָרקומען אַ געוואַלדיגע אומרעכט, ווי דאָס פּערברעכען פון די אונדאַנקבאַרע און אַכזרי'שע קינדער, וועלכע האָבען אין אַ פראָסט אַרויסגעטריבען זײער פאָטער דעם קעניג ליר, אָדער ווי דער טויט פון דער אונשולדיגער, רײנער קאָרדעליע. דאָס איז איהם ניט נויטיג דער־פאַר, ווײל אין דאָס קלענסטע זעהט ראָדענבאַך דאָס גרעסטע, דאָס טרויעריגסטע. ראָדענבאַך איז דער פּאָעט פון פאַנטעאיזם, ער ווײס ניט פון אונבעדײטענדע, נשמה־לאָזיגע זאַכען, ער ווײס ניט פון קלײניגקײ־טען, אַלץ איז וויכטיג, אַלץ איז גרויס, אַלץ האָט אַ נשמה, און דעריבער וועקען זיך בײ איהם ניט אויף קײן טרויעריגע געדאַנקען נאָר דאַן ווען דער ערד־קוגעל ציטערט אין זײן פונדאַמענט, נאָר דאַן ווען פון הימעל פאַלען פײערדיגע שטײנער און עס בליצט און דונערט. ראָדענבאַך שפּאַצירט איבער דעם גרינעם גאָרטען און זעהט, ווי די

פאָנטאַנען וואַרפען זייערע וואַסערן צום בלויען הימעל; דאָרט אויבען גיט מען אָבער נישט די הסכמה אויף דאָס „דערגרייכען" און די וואַסערן פאַלען צוריק צו דער ערד—בעזיעגטע, נידערשלאָגענע. בײַ איהם איז פערהאַן אַ גאַנצער ציקעל פון לידער אונטער איין נאָמען „פאָנטאַנען", און אין די לידער ווערט איבערגעגעבען די גאַנצע מאַטלאָזיגקייט פון ווילען, די גאַנצע טראַגעדיע פון מענשענס שוואַכקייט און הילפלאָזיגקייט—אלץ, צו וואָס מיר שטרעבען שטענדיג און דערגרייכען קיין מאָל נישט.

אַלץ האָט אַ נשמה — דעריבער וועלקט נישט ראָדענבאַך'ס רויז אין הערבסט, נאָר זי הוסט, ווי אַ לעבעדיגע זאַך. זי הוסט און אונז חאַפט אַרום אַ שוידער, אונז ווערט טרויעריג, זעהענדיג, ווי עס פאַלען די פערוועלקטע בלעטלעך...

דער בעלגישער פאָעט איז איינזאַם. איינזאַמקייט איז אָבער נישט קיין מיזאַנטראָפיע; אַ מיזאַנטראָפ איז שטענדיג אין כעס, בײַז — דאָס האָט זיי, די מיזאַנטראָפען, דידראָ געמיינט מיט די ווערטער: „שלעכטע פערשפאַרען זיך אַליין". ראָדענבאַך'ס איינזאַמקייט איז גאָר אַ אַנדערע. מען מעג איהר מקנא זײַן, דען איהם איז געגעבען געוואָרען דאָס גליק, אָנצופילען זיין איינזאַמען צימער מיט פערשידענע געשטאַלטען. זײַענדיג אַליין איז ער דאָך אין אַ גרויסער געזעלשאַפט פון פאָעטישע פיגורען. ער קען אַלע מאָל אַרויסרופען די, וועלכע זענען איהם טײַער; בײַ ראָדענבאַך'ן זענען נישטאָ אין צימער קיין אונבעדײַטענדע זאַכען. אויף אַלץ הײַנגט דער שלייער פון אינטימער וואַרעמקייט, אָבער אויך פון שטילען טרויער, פון ווייכען ליריזם, דען אַלץ איז פערמשפט געוואָרען צום וועלקען, צום אונטערגעהן.

צוזאַמען מיט דעם דײַטשען פאָעט לענאַו, האָט ראָדענבאַך געקאָנט וועגען זיך זאָגען: „אָהן דעם שלייער פון טרויער בעווײַזט זיך מיר קיין זאַך נישט אין לעבען".

פאַרוואָס? אפשר דערפאַר, וואָס „אמת'ע שענקייט אין איהר העכסטער שטופע פון ענטוויקלונג, מוז אויפרעגען אַ איידעלע, נערוועזע נשמה ביז צו טרערען און מעלאַנחאָליע. טרויער איז אַלזאָ איינע פון די ריכטיגסטע פאָעטישע שטימונגען" (עדגאַר פאָ).

ראָדענבאַך אַליין האָט קיין מאָל ניט אָבגעלייקענט זײַן בעזונדערע צוגעבונדענקייט צו עלעגישע מאָטיוון, צו דעם מעלאַנכאָלישען קלינגען פון די גלאָקען, צו דעם עטוואָס געבויגענעם קאָפּ, צו דער פאָעזיע פון אונטערגעהן און וועלקען.

„פאַרוואָס האָסטו מיך אַזוי ליעב״? — פרעגט איינער פון ראָדענ־באַך׳ם העלדען ביי זיין כלה. „דערפאַר, וואָס ביי דיר איז אַזאַ אומעטיג אויסזעהן״ — ענטפערט זי...

און מיר אַליין, מיר אַלע, די לעזער, האָבען דען נישט ליעב די פּאָעטען פאַר זייער „אומעטיגען אויסזעהן״? קיין פרעהליכע פּאָעטען גיט׳ס גאַר איינענטליך נישט. נאָר פילאָזאָפען זענען שטענדיג פרעהליך און פון זיך צופריעדען, דערפאַר לעבען טאַקי פילאָזאָפען אַ סך, עלטערן זיך אין וואוילטאָג פון זייערע סיסטעמען. ניטשע איז דערפאַר אַזוי יונג געשטאָרבען, ניטשע איז דערפאַר פון זינען אראָב, ווייל ער איז געווען מעהר פּאָעט, מעהר קינסטלער, ווי פילאָזאָף; ווייל ער האָט מעהר געפרעגט איידער געענטפערט. די פּאָעטען פרעגען שטענדיג, דערפאַר האַלטען זיי זיך נישט לאַנג אויף דער וועלט, און פונקט ווי אַלע גרויסע פּאָעטען, איז אויך ראָדענבאַך געשטאָרבען יונגערהייד.

„ווער דאַרף זיך היינט צושיידען מיט דער ערד?״ ווען דאָס האַרץ פון פּאָעט וועהטאָגט פון אַזוינע פראַגען, קען ער שוין נישט דורכגעהן דאָס פעלד פון לעבען מיט אַ פרעהליכען ניגון.

„דורך וואַלד אונד פעלד צו שוייפען,
מיין ליעדכען הינצו־פּפייפען —
זאָ געהט׳ס דען גאַנצען טאַג״.

דער גרויסער געטהע האָט זיך געקאָנט ערלויבען אַזאַ פייפען, דען אין זיינע אויגען איז אַ טעמאַ:

„גרין דעם לעבענ׳ס גאָלדענער בוים״.

ראָדענבאַך׳ם עלעגישע נשמה האָט אָבער געזעהן נישט בלויז דעם אויפגאַנג, נאָר אויך דעם אונטערגאַנג; נישט בלויז דאָס בליהען, נאָר אויך דאָס וועלקען, דעם טויט פון אַלץ, צו וואָס מיר בינדען זיך צו, וואָס מיר גיעבען זיך איבער מיט דער גאַנצער טרייהאַפט און ליעבע.

„ביי די בלומען, ווען זיי וואַקסען נאָך, איז דאָ אַ סאַמטענער שלייער אַזאַ אויף די בלעטלעך, וועלכען עס איז קוים, קוים צו בעמער־קען. אפילו ביי דעם קלענסטען אָנריהרען, ביי דעם קלענסטען און פאַרזיכטיגסטען, ווערט אָט דער שלייער, דאָס סאַמטענע הייטעל, פערשוואונדען. שווער צו זאָגען, פון וואָס דאָס איז בעשטאַנען, וואָס איז פערלוירען געגאַנגען; נאָר מיר איבערצייגען זיך, מיר פיהלען, אַז עפּעס איז פערלוירען געגאַנגען״ (קאַרל אַלמקוויסט).

און עס דוכט, אַז דאָס „עפּעס״, וועלכעס איז אונבעקאַנט,

אונבאַוואוסט פאַר דעם רוב מענשען, ווײַסט ראָדענבאַך. דערפאַר קען ער שוין נישט אָפּקומען נאָר מיט דער „איבערצײַגונג", אַז „עפּעס איז פערלוירען געגאַנגען" און זײַן האַרץ ווערט פערוואונדעט דאָרט, וואו דער פילאָזאָף געהט דורך גלײַכגילטיג.

„עפּעס איז פערלוירען געגאַנגען" — דאָס איז די הויפּט-קאַנוואַ, אויף וועלכער ראָדענבאַך וועבט זײַנע פּאָעטישע קוויטען, שטענדיג מעלאַנכאָלישע, שטענדיג ליריש-ווײַכע און עלעגישע. די גלאָקען פון טויטען ברוגע דאַרפען נישט אויפהערן קלינגען, דען די נשמה פון פּאָעט ווײַסט נישט קיין רוה און איז שטענדיג פערואומערט און פרעגט אַלע מאָל:

„ווער דאַרף זיך היינט צושײַדען מיט דער ערד?"

בײַ איהם איז געווען אַ זעלטען אײדעל אַריסטאָקראַטיש געזיכט, און יענע, וועלכע מײנען, אַז אויף דער וועלט מוז מען קומען מיט שטאַרק-ענטוויקעלטע מוסקעלן, אום צו קעמפּפען, צעשטערען, האָבען צוגערעכענט ראָדענבאַך'ן צו דער קאַטעגאָריע מענשען, וועלכע מיר רופען אַן „מיעדע". ער איז ווירקליך מיעד געווען פון דעם „מוראַווײַניק", פון דעם וואַנדאַליזם, וועלכער האָט זיך פערגעסען צו שעצען דאָס אַלטע, די פערגאַנגענהײַט. איהם איז געווען עקעלהאַפט די אינדוסטריעלע אײַלעניש, וועלכע לאָזט נישט דעם מענשען צוקוקען זיך צו די שענקײַטען, וועלכע זענען פונאַנדערגעוואָרפען אין יעדען ווינקעל, צו דאָס „געטליכע", וואָס איז שטענדיג אַרום אונז און וועלכע מיר ווילען ניט בעמערקען. ראָדענבאַך האָט געהאַט דאָס אומגליק, צו מײנען, אַז נישט נאָר „אַרבײַטען" דאַרף זײַן די הויפּט-אויפגאַבע פון מענשען, נאָר אויך „טראַכטען". ער איז געווען מיעד. ער, וועלכער האָט אַזוי געשעצט דאָס „שווײַגען", האָט נישט געקאָנט בלײַבען אין פּאַריז, וואו מען האָט איהם ליעב געהאַט. זײַן נשמה האָט געבענקט נאָך פלאַנדריאַ, נאָך דעם טויטען ברוגע, נאָך די קאַנאַלען און קלויסטערס, וועלכע פלעגען מיט זײַער טרויעריגען קלינגען בעגלײַטען די אַלטע קולטור און אָנזאָגען, אַז דער טויט איז נאָהנט — „עפּעס איז פערלוירען געגאַנגען".

„עפּעס" — פאַר אַלעמען, אָבער „אַלץ" — פאַר ראָדענבאַך'ן.

ער איז געווען אַ קאָנסערוואַטאָר אין'ם שענסטען זין פון דעם וואָרט, ער האָט זיך אויסגעצײַכענט מיט אַ זעלטענער ליעבע צו אַלטע זכרונות, ער האָט געפיהלט די שענקײַט פון ערינערונגען, „אַט דעם אײנציגען

גן-עדן, פון וואַנען מען קאָן אונז נישט אַרויסטרייבען"...

דאָס „נייע" ערקלערט אַ מלחמה דעם „אַלטען", פערגעסט אַלע פערדינסטען פון דער פערגאַנגענהייט. ווי בעשיצט מען די גרוי-אַלטע קולטור פון דעם נייעם קאַניבאַל? אונטער די טויערן שטעהט אַטיללאַ מיט העק און האַמערס, ווי האַלט מען אָב אָט די גרויסע מחנה ווילדער? ראָדענבאַך איז נישט קיין מענש פון קאַמפף, פון פּראָטעסט; זיין העלד, דער אַרכיטעקטאָר, וועלכער זעהט זיין מאַכטלאָזיגקייט, בעגעהט זעלבסט-מאָרד, וואַרפט זיך אַראָב פון טורם, נישט קענענדיג שיצען דאָס „אַלטע" פון דאָס אונדאַנקבאַרע, באַרבאַרישע „נייע".

ראָדענבאַך איז געשטאָרבען אַ יונגער — ער איז אַ גרויסער פּאָעט געוועזען...

נישט אַלע פערשטעהען איהם נאָך, נאָר אַלע וועלכע האָבען זיך געגעבען די מיה, צוצוטרעטען צו איהם נאָהנט, ליבען איהם שוין, דען מען קען נישט פיהלען, נישט נאָר די שענקייט פון זיין נשמה, נאָר אויך די טיעפקייט פון זיין אמת...

גוסטאוו אף הייערסטאם.

די קליינינקע לענדער זענען דאך אזוי קליין, און די הערצער פון די בעסטע מענשען ליידען דאך אזוי שטארק.

הערמאן באנג.

I.

אין זכרון טראגען זיך דורך א גאנצע רייהע נעמען פון אויטארען, פון ביכער, מיט וועלכע איך האב זיך די לעצטע מאנאטען בעקאנט. פערהאן צווישען זיי אזוינע, וועלכע זענען ענהליך צו די רייכע וויטרינעס פון רייכע יובילער-געשעפטען; וויפיעל בלישצענדע שטיינער, וויפיעל רייכקייט! סוף כל סוף געהסטו אבער אוועק פון דער וויטרינע גאנץ קאלט, ווארום די שטיינער זענען אויך געווען קאלטע; זיי רייצען דאס אויג און מעהר נישט. אינערליך בלייבסטו אינגאנצען אונבעריהרט. עס לייכט, נאר עס ווארימט נישט.

דערפאר טרעפען זיך אבער אזוינע ביכער, וועלכע מען לייענט מיט א בעזונדערע ציטערניש, ווי עפעס אייגענעס, ווי א ערצעהלונג פון דיין אייגענעם לעבען; אזא בוך לייגסטו אב בעזונדער, די פערזענליכקייט פון דעם אויטאר ווערט דיר מיט א מאל גאר נאהענט, טייער און וואס מעהר בלעטער דו לייענסט דורך, אלץ מעהר שטארקט זיך דאס געפיהל פון אזא נאהענטקייט, פון אזא טייערקייט. די ליפען שעפטשען: ליעבער פריינד, אלע געדאנקען דיינע, די שטילע זיפצען פון דיין אידעלער בעליידיגטער נשמה האבען געפונען א אב-

קלאנג אויך אין אונזערע נשמות; דו האסט דערצעהלט דאס לעבען פון אלע, וועלכע רעכענען זיך פאר אומגליקליכע, פערשטויסענע און וועלכע קוקען אין דעם פנים פון קאלטען, הארטען גורל מיט פרעגענדיגע אויגען. דער גרויסער פרעס פון איינזאמקייט דריקט אלעמען גלייך און קוועטשט אוים די זעלבע טרויעריגע געדאנקען אי ביי דעם יודישען זשורנאליסט פון פינפטען גארן, אי ביי דעם נארוועגער סטודענט, וועלכער זיצט אין א ווינקעל אין קאפע און טרינקט זיין גראג.

איז דען נישט גוט, ווען מ'קען זיך אזוי בעפריינדען מיט א בוך, גלויבען דעם אויטאר, ליעב האבען איהם און, פערמאכענדיג דאס לעצטע בלאט, אויפשטעהן מיט א געפיהל נישט פון שטורעמדיגען צארן, וועלכער רייסט, שמעטערט, פלוכט, נאר מיט'ן געפיהל פון א שטילען וועה?

יא! אויב דאס לעבען טראגט מיך אפט אום איבער דעם גארטען פון אונזערע האפנונגען, ווי א אוראגאן, צוטרעט אלץ, וואס מיר פלאנצען אין אונזערע חלומות, — האט קיינער נישט דאס רעכט אונז צו פערשטאפען די מיילער. זאל שרייען דער, וועמען עס טוט וועה. אנדערע שרייען טאקי, ווארפען אין הימעל שרעקליכע קולות, שטעלען זיך אין דער אומגליקליכער, הילפלאזיגער פאזע פון א אומזיסט פער'משפט'ן און פרעגען: „פארוואס, פארוואס?"

איך וויל זאגען, אז דער שוועדישער שרייבער גוסטאוו אף היירסטאם איז נישט קיין שרייער. די וואס בעטראכטען פעסימיסטען פאר משוגעים, דארפען וויסען, אז היירסטאם געהערט נישט צו דער קאטעגאריע פון די שטורעמדיגע משוגעים, נאר צו דער פון די שטילע. די שטילע זענען אבער געפעהרליכער, אויף זיי גיט מען א מאך מיט דער האנד. אויב פעסימיזם איז א סם, דארף מען אנערקענען, אז דער פעסימיזם פון היירסטאם איז דער געפעהרליכסטער, ווארום ער לאזט אריין זיין גיפט טיעף אין אלע פערבארגענע ווינקלען פון דער נשמה, דערצו איז דער גיפט זיס...

היירסטאם איז ארויסגעטראטען אין דער ליטעראטור אינ'ם „שטורם-און-דראנג-פעריאד" פון סקאנדינאוויזם. די אינטעליגענציע פון די קלייניגקע פעלקער האט דאן געחלומ'ט וועגען א ברידערליכען בונד, וועגען דער בעזונדער מיסיע, וואס סקאנדינאוויע דארף טראגען אין דער וועלט; די יונגע ענטוזיאסטען האבען געמיינט, אז עס דארף אנקומען די צייט פון „נארד-שיין". אין איין זאך איז

דער וואונש מקוים געוואָרען: די סקאַנדינאַווישע ליטעראַטור—דאָס איז
זעהר אַ הויכער באַרג און פאַר איהרע גרויעע שפּיצען שטעהען פּיעלע
פון אַנדערע אײראָפּעאישע ליטעראַטורען, ווי אָרימע וואַסאַלען. נאָר
נישט קוקענדיג אויף דעם איז די גאַנצע סקאַנדינאַווישע אינטעליגענץ
שרעקליך נישט צופרידען; אָט וואו איהר וועט קײנמאָל נישט טרעפען
אַ סימן פון שאָוויניזם, אײנגעליעבטקײַט אין אײגענעם „נאַציאָנאַלען
פּנים"! זײ זיצען נעבען זײערע פּיאָרדען, נאָר די נשמה זײערע נעהמט
אַרום די גאַנצע גרויסע וועלט, דעם גרויסען אָקעאַן פון לעבען. די
סקאַנדינאַווישע ליטעראַטור רעכענט זיך, ווי פעראַנטוואָרטליך פאַר אַלע
רעטעענישען, וועלכע שטעהען פאַר דער מענשהײַט. ס'איז פערלוירען
געוואָרען דער שליסעל און קײנער זוכט איהם נישט אַזוי, ווי די
סקאַנדינאַווער אין זײערע ביכער, אין די אומעטיגע, אונרוהיגע בי=
כער; אין אָט די ביכער איז איבערגעגעבען געוואָרען דער גאַנצער
גיהינם, וועלכען עס לעבט איבער דער איצטיגער מענש. אין וואָס
גלויבען? וואָס ליעבען? נאַציאָנאַליזם — אַ שענע אידעע; מ'קען
אָבער אַזוי אויסוואַקסען, אַז אָט דאָס קלײד זאָל זײַן צו קלײַן. עס
קומט אָן סוף כל סוף דער מאָמענט, ווען עס קען שוין נישט בע=
פרידיגען איבערהויפּט, ווען אָט די אידעע פאַלט אַרײַן אין רעדאַק=
ציעס פון טומעלדיגע זשורנאַליסטען, פון ספּעקולאַנטען און פראַזיאָ=
רען. ס'איז שווער, זיך צו בערוהיגען אויף דעם זיכערן, מאַטעמאַטיש
אויסגערעכענטען געלעגער, וועלכען עס גרייט צו פאַר דער מענשהייט
דער סאָציאַליזם; עס שמעקט שוין צופיעל דאָ מיט קאַזאַרמע, מיט
דיסציפּלין, אויף דעם זענען מיר שוין צופיעל אינדיווידואַליסטיש געש=
טימט. נײַן! סאָציאַליזם איז נישט קײן שיצער, מ'קען איהם איבער=
געבען אונזער פערמעגען, פיהרען אונזערע סאָציאַלע געשעפטען,
אָבער אויף אײן האָר וועט ער אונז נישט דערנעהנטערן צום גליק.
דער אינדיווידואַליזם אין דער געשטאַלט פון דער פּאָפּולערער „בלאָנ=
דער בעסטיע" שטויסט אָבער אָב פון זיך אפשר נאָך מעהר אײדער
דער סאָציאַליזם, וואָרום אונז איז שווער זיך פאָרצושטעלען עטוואָס
שרעקליכערעס, אײדער דער גורל, אַרומצולויפען אַלײן, אפילו אין
דעם בעוואוסטזײַן פון נצחון, וועלכער וואַרט אויף אונז. דערצו זע=
נען מיר שוין צופיעל אויסגעוואַקסען אין דער אַטמאָספערע פון די
געפיהלען, וועלכע זאָגען, אַז דאָס גרעסטע אומגליק, וואָס קען
נאָר בעגעגענען דעם מענשען, איז אײנזאַמקײַט. און דוקא אָט די

גרעסטע שטראָף: איינזאַמקייט, די קאַלטקייט פון דער נשמה וואַרט וואַרט אויף אונז, וואַרט אויף אַלע לעבענס-ווינקלען, וואַרט און פאַלט אָן פּלוצלונג און וואַרפט אונז אַריין אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט, פונקט ווי פון דעם זאַל, וועלכער האָט נישט לאַנג געקלונגען מיט פריינד-ליכע, ברידערליכע שטימען, זענען אַלע פּלוצלונג פערשוואונדען און דו ביסט געבליבען שטעהן איינער אַליין, צווישען די שווייגענדיגע ווענט, וועלכע קוקען אויף דיר מיט דער גאַנצער שרעק פון האָפנונגס-לאָזיגקייט.

אָט די גאַנצע גאַממע געפיהלען, וועלכע זענען אַזוי חאַראַקטע-ריסטיש פאַר דעם איצטיגען מענשען מיט זיין צוריסענקייט, מיט זיין פערצווייפלונג, מיט זיין טיעפקייט, האָבען געפונען זייער בעסטען, רעליעפסטען אויסדריק אין דער סקאַנדינאַווישער ליטעראַטור, וועלכע געהט טאַקי דערפאַר פאַראויס, פערנעהמט דעם העכסטען פּלאַץ, ווי דער בעסטער קאָמענטאַטאָר פון דער איצטיגער מיסטעריע.

ווייט, ווייט גיבען זיך אָב די טענער פון מעכטיגען סקאַנדינאַ-ווער אָרקעסטער, און אין דער סימפאָניע, צווישען פיעלע אַנדערע אינסטרומענטען, ציהט צו זיך מיט אַ שטאַרקער קראַפט דאָס צאַרטע, אומעטיגע שפּיעלען אויף אַ וויאָלענטשעל — דאָס איז די ריהרענדע מו-זיק, וועלכע פיהלט זיך אין די ביכער פון היערסטאַם.

II.

טאָרע גאַם — דער נאָמען פון העלד אין בוך „דער קאָפּ פון מעדוזע" — איז געקומען פון דער פּראָווינץ אין שטאָקהאָלם פול מיט האָפנונג, מוט, שטאָלצקייט פון בעוואוסטזיין, אַז ער איז יונג און איז גרייט אויסצוהאַלטען דעם גרעסטען קאַמפּף פאַר דער צוקונפט, וועלכע דאַרף דאָך סוף כל סוף אָנקומען אַ שיינענדיגע, אַזאַ, אין וועלכער עס זאָלען זיך פערווירקליכען אַלע אידעאַלען פון אַלע בעס-טע מענשען. ער איז געווען אין דער בעקאַנטער שטימונג פון גלויּ-בענדיגע ענטוזיאַסטען, ווען דו געהסט איבער די גאַסען מיט אַ אויפגע-הויבענעם קאָפּ און טרייבסט פון זיך אוועק אַלץ, וואָס איז נאָר ענהני-ליך צו אַ וואָלקענד׳ל, צו אַ דיסאָנאַנס. די בעסטע צייט פון דער יו-

גענד, ווען אין דער נשמה פלאקערט דער פייער פון ליעבע, אפפער, חען די ברוסט עטעמט פריי און עס פיהלט זיך די נאהנטקייט פון נצחון. טארע גאם האט נאך מעהר רעכט אזוי צו גלויבען, אזוי שטאלץ צו געהן, ווייל ער איז א ליטעראט ד. ה., נאך דער מיינונג פון א נאאיווען ענטוזיאסט, וועלכער האט נישט לאנג ערשט פערלאזען די באנק פון דער אופסאלער אוניווערזיטעט, א מענש, וואס האט א בעזונדער כח, א בעזונדערע מאכט, די ארענטליכסטע און שענסטע מאכט, צו געוועלטיגען איבער אנדערע מענשען. קען מען דען נאך צווייפלען אין דעם, אז צו זיינע רייד, צו די רייד, וועלכע גערען פון הארצען, וועט מען זיך צוהערען, און דער גרויסער טאג פון אמת, גערעכטיגקייט וועט גיך אנקומען אויך א דאנק זיין מיה, זיין טאלאנט, זיין פעדער?

„וועגען וואס טראכסטו? פרעגט דער חבר טארע גאם.

„ער האט א שמייכעל געטאן, נישט געבענדיג אפילו א קוק אויף מיר, און האט געענטפערט, ווי צו זיך אליין.

— איך טראכט וועגען דעם טאג, ווען עס וועט זיין לייכטער צו לעבען אויף דער וועלט.

— איך האב אויך א שמייכעל געטאן און בעמערקט:

„— שענע חלומות. נאר ווען, נאך דיין מיינונג, וועט ער אנקומען?

„— איך ווייס נישט — האט ער געזאגט — נאר דו האסט געהערט, אז משה האט פאר'ן טויט בעקומען די מעגליכקייט א ווארף צו טאן א בליק אויף דאס געוואונשטע לאנד און זעהען זיין גאנצע פראכט?

„— יא, דאס איז אבער געווען משה.

„ער האט א שמייכעל געטאן.

„— פארוואס זשע, נאך דיין מיינונג, האט ער בעקומען די מעגליכקייט? ער האט געצוואונגען גאט, צו פערוואנדלען דעם חלום אין ווירקליכקייט. זיינע פאדערונגען פון לעבען זענען געווען אזוי גרויס, דאס זיי האבען געקענט בלייבען נאר ווי א חלום, ווערענד עס איז געווען נויטיג דעם חלום נישט אנדערש ווי צו פערווירקליכען. ווען דאס וואלט נישט געווען, וואלט משה אויפגעשטאנען געגען גאט און וואלט צובראכען די לוחות. ער וואלט אוועקגעפיהרט די בני ישראל צוריק אין מדבר, געמאכט זיי פאר גזלנים און די עשרת הדברות וואלטען

קיינמאָל נישט אַריין אין קאַטעכיזם.

„איך רייד דאָס זעהר ערנסט האָט געענדיגט טאַראַ גאַם.

אַ בעקאַנטע שפּראַך פון ענטוזיאַסטען, אויף וועלכע עס וואַרט די מפּלה...

דער גאַנצער ראָמאַן הייערסטאַם׳ס איז אַ וידוי פון טאַראַ גאַם. אין דעם וידוי דערצעהלט ער, וואָס ס׳איז געבליבען פון זיינע חלומות. ער פערגלייכט זיך אין איין אָרט מיט זיין קליין יונגעלע, וועלכער איז איינמאָל שווער בעליידיגט געוואָרען: ער איז געשטאַנען אויף דער גאַס און דערזעהענדיג אַ אונבעקאַנטען מאַן, איז ער צוגעלאָפען צו איהם מיט זיין אויסגעשטרעקטען הענטעל און האָט געזאָגט: „גוט מאָרגען"; דער אונבעקאַנטער האָט נישט געענטפערט. דאָס קינד האָט געמיינט פיליייכט האָט מען זיין בעגריסונג פערהערט, דאַן האָט ער ווידער אַמאָל געזאָגט: „גוט מאָרגען" און ווידער אַמאָל אויסגעשטרעקט זיין הענטיל; נאָר אויך זי איז געבליעבען הענגען אין דער לופטען: דער אונבעקאַנטער האָט זיך אומגעקעהרט און איז אַוועק ווייטער.

און אַזוי בנוגע צו אַלע זיינע אידעאַלען, אַלע זיינע חלומות איז טאַרע גאַם געוועזען אין דער לאַגע פון דעם בעליידיגטען קינד; ער האָט אויך שטענדיג אויסגעשטרעקט די האַנד, ער האָט אויך אַלעמאָל בעגריסט יעדען פונק פון האָפנונג, נאָר דאָס לעבען האָט בלויז בעוויזען איהר קאַלטען, גרויען פנים, דאָס לעבען האָט זיך קיינמאָל נישט אָבגעקעהרט אין זיין ווינקעל און די האַנד פון טאַרע גאַם איז שטענדיג געבליבען הענגען אין דער לופטען...

אַלע פאָהנען, וועלכע ער האָט גערעכענט פאַר הייליגע סימבאָלען, זענען מעהר נישט געוועזען, ווי שילדען, מיט וועלכע עס איז בעקוועמער געוועזען צו נאַרען די וועלט. אַלע גרויסע ווערטער, וועלכע פלעגען איהם בעגייסטערן, זענען אַריינגעחאַפּט געוואָרען אין פלען; געניטע אַדוואָקאַטען, פּאַרלאַמענטאַריער, רעדאַקטאָרען, זשורנאַליסטען האָבען געטאָן מיט זיי, וואָס זיי האָבען נאָר געוואָלט, און ער, טאַרע גאַם, וועלכער האָט ערנסט געטרוימט וועגען אייביגע אידעאַלען, ער, טאַרע גאַם, וועלכער האָט געשטעלט פאַר זיך אַזוינע ברייטע אויפגאַבען, איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ צייטונגס-קולי, אין אַ אַרבייטס-קליאַטשע, מיט אַ שער אין האַנד איבער אַ פּאַק צייטונגען און מיט אַ שווערען, ווי מיט בליי אָנגעגאָסענעם קאָפּ. אַ

אמת, ער האָט גאָרנישט געשריבען געגען זײַנע איבערצײַגונגען, נאָר דאָס איז דערפאַר, ווײַל אין אַלץ, וואָס ער האָט געשריבען וועגען בכלל קײן איבערצײַגונגען נישט געווען.

טאָרע גאָס איז אָבער אַ צו אינדיווידועלע פיגור, כדי זיך אונטערצוגעבען דער מאַכט פון דאָס פלאַכע, פון דאָס געמײַנע. נישט האָבענדיג קײן קרעפטען צו בעקעמפּפען זײַן שלעכטען מזל, בעשליסט ער, צו שטאַרבען און פאַר'ן טויט איז ער זיך מתודה. דעם טאָג בוך, וועלכען עס איז שווער צו לעזען אָהן אַ אינערליכער ציטערניש, הײבט ער אָן מיט די ווערטער:

„פון אָנהויב איז קײן זאַך נישט געווען פּוסט. ווי פיעל צײַט איז אַוועק פון דאַן בעת קײן זאַך איז נישט געווען פּוסט? נאָך מײַן רעכנונג אינגאַנצען צעהן יאָהר. נאָר אויך אין צעהן יאָהר קענען ווערען גרוי די האָר, אויך אין צעהן יאָהר קען מען פטר'ן אַ גרויסען פערמעגען. ווען דאָס קומט פאָר — ווײס דער מענש נישט. האַפּסט זיך אין אײן פריהמאָרגען, און זעהסט, אַז די פּוסטקײַט, ווי אַ גרויסער, וואונדערליכער פויגעל, זיצט בײַ דיר אויפ'ן בעט און קוקט מיט זײַנע רעטזעליגע אויגען."

דאָס איז אַ שרעקליכע געשיכטע פון אײן לעבען, פון אונזער לעבען, וואָרום ווער האָט נישט דערפיהלט אַמאָל אָט די פּוסטקײַט, ווער יאָגט זיך נישט נאָך די אַלע געשטאַלטען, אידעאַלען, חלומות, וועלכע ווערן פערשוואונדען, אָבגעריבען פון דעם אונ'רחמנות'דיגען טרעטען פון דער ווירקליכקײַט; ועמען איז אויף זײַן לעבען נישט אויסגעקומען אויפצושטעהן אין אײן פריהמאָרגען מיט אַ וועהטאָג, אַרויסצולויפען אין גאָרטען און זעהען ווי דורכ'ן נאַכט זענען אַלע בלומען דערפרוירען געוואָרען.... ווער בענקט נישט נאָך די גאָלדענע טעג, ווען מיר פיהלען זיך רײַך, ווען מיר פיהלען אַז קײן זאַך איז נישט פּוסט?

אָט דאָס דאָזיגע בוך הײַערסטאַמ'ס איז נאָהנט יעדערן, ועמען עס איז בעקאַנט דער גרויסער, וואונדערליכער פויגעל, וועלכער זעצט זיך בײַם פענסטער פון אונזער צימער, שקט, און אויף אַלע פראַגען ענטפערט ער מיט דעם שרעקליכען „Nowermor" (קײנמאָל מעהר).

דערצו איז די וידוי פון טאָרע גאָס געשריבען אין אַזאַ עלעגישען טאָן, וועלכער דערמאָנט די צאַרטע סטרונעס פון אַ וויאָלענטשעל. אין דער נשמה פון טאָרע גאָס איז נישטאָ קײן האַס, נאָר אַ פער-

דרום. פון דער וועלט געהט ער אוועק אהן קללות, פערקעהרט, ער בענשט אלץ, וואס לעבט; זיינע לעצטע ווערטער זענען:
„ד׳ נתן, ד׳ לקח, יהי שם ד׳ מבורך...״

III.

הייערסטאם אליין אין זיין פארווארט זאגט, אז זיין בוך האט ער געמוזט אנשרייבען, כדי ער זאל קענען בלייבען לעבען, און ווען איין פעסימיסט האט בעמערקט, אז אפילו ער איז וויים פון אזוינע אומעטיגע געדאנקען, ווי די, וועלכע זענען ארויסגעזאגט אין „דעם קאפ פון מעדוזא״, — האט איהם הייערסטאם געענטפערט:

יא! דערפאר האט איהר טאקי נישט אנגעשריבען אזא בוך.

אויב „דער קאפ פון מעדוזא״ לאזט נאך זיך דעם איינדריק פון פאלקאמער האפנונגס-לאזיגקייט און פערשטארקט הייערסטאמ׳ם רעפו-טאציע אלס פעסימיסט, זענען אבער נישט וועניגער אומעטיג, נישט וועניגער עלעגיש אויך אלע איבריגע ביכער פון דעם שוועדישען שרייבער, אין וועלכע ער דעקט אויף מיט א טיפען אויג פון א פסי-כאלאג די טראגעדיע פון ליעבע, די טראגעדיע פון פאמיליען-לעבען. פערלירענדיג אלץ אין אונזער לעבען, מידע, איילען מיר זיך אויפצובויען א אייגען נעסט, מיר געהען אוועק פון געזעלשאפטליכע אידעאלען אלס אקטיווע טוער, מיר רעטען זיך אין א שטיל ווינקעל; מיר בלייבען לעבען נאר דערפאר, ווייל ס׳איז פערהאן די פרוי, וועלכע וועט אונז ליעב האבען און וועט אויסגלייכען די קנייטשען אויף אונזער פנים. דאס איז דער לעצטער עטאפ אויף אט דעם לאנגען, שווערען וועג. דא, אם ענדע, ווארט אויף אונז דאס גליק; דא וועלן מיר בעקימען אונזער געשאנק, לכל הפחות דא ווארט אויף אונז די צופרידענהייט מיט זיך, די אינערליכע רוה, ווארום וואס קען נאך בערוהיגען מעהר ווי פיהלען, אז דו ביסט נישט אליין. די גאנצע מורא איז דאך נאר פאר׳ן בלייבען אליין.

הייערסטאם מיט זיינע ראמאנען „גלייכע קרעפטען״, „די ניט טריידע״ טרייבט אונז ארויס פון אונזער לעצטען רוה-ווינקעל. דאס הויז, וואס מיר האבען געבויט — זאגט דער אדוואקאט אסקאר סטעי-

נארט — פאלט סוף כל סוף אויף אונזער קאפ און מיר דארפען זיך נאך פרעהען, אויב מיר ראטעוועז זיך לעבעדיג". אלע העלדען פון הייערסטאמ'ס ראמאנען זענען נישט קיין שלעכטע מענשען, פערקעהרט, זיי זענען ביז דער העכסטער שטופע סימפאטיש, אי די פרויען, אי די מענער. די ריהרענדסטע ליעבע בינדט זיי צונויף, זיי זענען אזוי ווייט פון וואלוועלען פלירט, מעהר פון אלעם וואלטען זיי וועלן דעם בונד אויף אייביג — „צוויי אין איינע", „צוויי אין איינע". די שבועה אין אייביגקייט איז נישט קיין פוסט ווארט, נאר אויף דעם מענשען הענגט א קללה. גאט וויל נישט, אז איין נשמה זאל שטענדיג פיהלען די צווייטע, ער האט געזאגט דעם מענשען: דו בּיסט פער'משפט צו איינזאמקייט, דו בּיסט איינזאם דאן, ווען דו קושט דיין געליעבטער, דו בּיסט איינזאם, ווען דיינע ליפען שעפטשען ווערטער פון ליעבע. פלוצלונג וואקסט אוים א וואנט, א הויכע וואנט צווישען דיר און דיין פרוי און איהר פערשטעהט שוין נישט איינער דעם צווייטען, און איהר זייט שוין פרעמד. און אפט נישט פלוצלונג, נאר לאנגזאם, לאנגזאם וועבט זיך די פאוטינע פון אבגעזונדערטקייט. דעם מענשענס נשמה איז דאך אזא צארטער אינסטרומענט—א ביסעל נישט אזוי אנגעריהרט און די סטרונעס פלאצען. אין א קלייניגקייט, אין א בליק, אין דעם טאן, מיט וועלכען עס ווערט געזאגט דאס ווארט, פיהלט זיך אמאל א גאנצער אבגרונד.

עס איז געוועזען דער מאן אין א שווערן געמיט; ער האט געארבייט, און ווען זיין פרוי איז צו איהם צוגעגאנגען, האט ער מיט פערדרוס בעמערקט:

„— איך האב נישט ליעב, ווען אימיצער זיצט נעבען מיין טיש.

„— אימיצער? האט זי שטיל געפרעגט.

„— יא, — האב איך געענטפערט.

„— אימיצער, האט זי מעכאניש ווידערהאלט".

און דער אבגרונד איז שוין אויסגעגראבען. מיט וואס קען מען איהם פערשיטען? די נשמה איז שוין בעליידיגט, פוסט.

דער אדוואקאט אסקאר סטעינארט האט זעהר ליעב געהאט זיין פרוי, עללען. ער פערזיכערט, אז ער האט נישט אויפגעהערט, זי ליעב צו האבען; פערליערען איהר אויף שטענדיג וואלט געוועזען פאר איהם דאס גרעסטע אומגליק, נאר איין מאל אין זיין לעבען איז ער

געווען נישט פאַרזיכטיג. עללען איז שוין לאַנג קראַנק אויף די נערווען, נאָר זי איז אין דערהיים, שטיל ליגט זי אין צימער, בײַ זיך אין צימער. ווען אָסקאַר געהט אַריין אין דערפריה פאַר'ן אוועקגעהן אין ביוראָ, קוקט זי אויף איהם מיט בעטענדע, רחמנות'דיגע אויגען — פאַר איין זאַך האָט זי מורא, ער זאָל זי נישט אוועקפיהרען אין קליניק; אָסקאַר זאָגט צו: אָ! ניין, ניין, קיינמאָל נישט, זי וועט זיין דאָ מיט איהם, נעבען איהם, מיט די קינדער. ער זאָגט דאָס נאָר, ער קען אַזוי נישט מיינען, טאַקי צוליעב די קינדער מוז מען זי אוועקפיהרען פון שטוב, אין דער בעסטער קליניק, אונטער דער השגחה פון די בעסטע דאָקטוירים גוטע פריינד, וועלכע פערזיכערן, אַז זי וועט זיך אומקערן גיך אַ געזונדטע. מ'פיהרט זי אוועק צוליעב איהר טובה וועגען, נאָר פאַר איהר, עללען, איז עס אַ קאַטאַסטראָפע, זי פיהלט נאָר איינס: ער האָט זיך בעשלאָסען, זי אוועקצופיהרען פון שטוב, נישטאָ מעהר קיין ליעבע, דער גאַנצער בונד איז צוריסען. אָהן פראָטעסט לאָזט זי זיך אוועקפיהרען, נאָר איין געשריי פאַר דעם, איידער עס עפנען זיך די טירען פון קליניק.

אַהיים נאָכ'ן געזונד ווערן, קומט עללען אַ פרעמדע און דאָס לעבען פון אָסקאַר סטעינאַרט איז צושלאָגען, — ס'איז גאָרנישט געבליבען.

בײַ הייערסטאַמען איז אַלץ צונויפגעפלאָכטען פון די דינסטע פסיכאָלאָגישע געוועבען. אָט איז נאָך איין טראַגעדיע פון אַ פאַמיליע.

באַב פלאָדין האָט וועניגער פאַר אַלץ געקענט טראַכטען וועגען די רעזולטאַטען, צו וועלכע ס'קען ברענגען זיין שטענדיגער ליובען דעם חבר גוסטאַוו ווינקלער. ער האָט נישט געוואָלט פערבאָרגען פאַר זיין פרוי דאָס, וואָס אָט דער חבר האָט איהם איינמאָל אין אַ אָפענהערציגען שמועס דערצעהלט. זאָל וויסען אַננאַ, אַז גוסטאַוו ווינקלער האָט איהר אַמאָל נאָך מיידעל־ווייז ליעב געהאַט. ער וויל, אַז זיי ביידע, אי ער, באַב פלאָדין, אי זיין פרוי, אַננאַ, זאָלען נאָך מעהר, ווי פריהער, זיין אויפמערקזאַם צו גוסטאַוו'ן און ער הערט נישט אויף צו רעדען וועגען איהם, הערט נישט אויף אָבשטעלען זיך אויף פערשיעדענע רמזים, נעשיקטע בלומען, פון וועלכע מ'קען דרינגען, אַז נאָך איצט בענקט גוסטאַוו נאָך אַננאַ'ן. נאַאיווער באַב! ער גראָבט זיך אַליין אַ גרוב, ער דערווייטערט אַליין פון זיך זיין פרוי, וואָרום פון אַלע זיינע ערצעהלונגען וואַקסט אויס גוסטאַוו ווינקלער

ביז אַ רײַצענדער, טראַגישער פיגור. און וואָס קלענער עס ווערט באַב, אַלץ גרעסערט זיך אין איהרע אויגען גוסטאַוו, ביז עס קומט אָן די קאַטאַסטראָפע: אַננאַ געהט אַוועק פון איהר מאַן, פון איהר אײַנציגען זוהן, צו איהם, צו גוסטאַוו'ן, וועלכער נאַרט זי גיך אָב.

און נאָר דער טויט פון זוהן געאָרגי האָט אומגעקעהרט אַננאַ'ן אין הויז פון איהר מאַן, איבער דעם טויטען קערפער האָבען זיי זיך ווידער געגעבען די הענד. אויף לאַנג? ווער ווייס. ס'איז אַזוי שווער אײַנצוהאַלטען דאָס גליק. זײַט פאָרזיכטיג! זאָגט הײַערסטאַם מיט זײַנע ביכער, אײַער גליק העננט אויף אַ האָר, דאָס גליק איז זעהר ציטריג, זעהט היט דאָס; און אין דערזעלבער צײַט פונקט, ווי ער זאָגט: נאָר עס וועט נישט העלפען. פריהער צי שפּעטער — אין אײַער הויז וועט אַ קלאַפּ טאָן דער שרעקליכער שונא, די אײַנזאַמקײַט, נאָר זי, די אײַנזאַמקײַט, איז אײביג, נאָר זי געוועלטיגט, נאָר איהר געהערט דאָס לעצטע וואָרט.

IV.

הײַערסטאַמ'ס פּעסימיזם, זײַן האָפנונגסלאָזיגע בעציהונג צום לעבען איז נישט אַרויסגערופען דורך דעם, וואָס די מענשען זענען שלעכט. אין גרעסטען טײל זעהען מיר אין זײַנע ווערק — איבערהויפּט אין די, וועלכע בעשעפטיגען זיך מיט דער פאַמיליען-טראַגעדיע — אַ זעלטענע ליעבע, אַ זעלטענע סימפּאַטיע צום מענשען. ניט זיי זענען שולדיג, נאָר די פערבאָרגענע כּוחות וועלכע שטעלן זיך אין אונזער וועג און שטערן אונז.

אין בוך „די טראַגעדיע פון אײַן ליעבע" טרעט אַרויס די ליעבעס-בעציהונג צום מענשען גאָר בעזונדער רעליעף. איבער דעם בוך ווילט זיך ווײנען; וואָס פאַר אַ טרויעריגע געשיכטע! אַ געשיכטע פון אַ צאַרטער בלום, וועלכע מען האָט איבערגעזעצט אויף אַנ'אַנדער באָדען און דאָרטען איז זי פערוועלקט געוואָרען; אַ געשיכטע פון אַ יונגער פרוי, וועלכע האָט זיך געסטאַרעט ליעב צו קריגען דאָס לאַנד פון איהר מאַן און האָט עס נישט געקענט — דאָס האַרץ, די נשמה האָט זיך געבעטען אהײם, צוריק אַהײם, טאָראַ ברויססע, געזונגע קראַק, האָט זיך ערצויגען ערגיץ אין מיטעל-שוועדען, צווי-

שען דער מילדער, רוהיגער נאַטור, צווישען בערעזעס. פון איהר פענסטער האָט זיך געזעהען דער שענער וועטערן, און דאָס הויז פון איהר מאַן יאָהאַן ברויססע איז אפילו אויך געווען אין שוועדען, נאָר זעהר ווייט און די נאַטור איז דאָרט גאָר אַנ'אַנדערע, אַ חמורע, גרויע; הויכע בערג, פינסטערע וועלדער. יאָהאַן ברויססע וויל, אַז זיין יונגע פרוי זאָל אויך אַזוי, ווי ער, ליעב האָבען די מורא'דיגע ערטער. נישט שוין זשע פערשטעהט זי נישט, ווי דאָס איז שען? נאָר ווען טאָראַ זאָגט „יאָ, שען", פיהלט ער, אַז עס איז געזאָגט געוואָרען, כדי צוליעב טאָן איהם, און די אַלע לאַנדשאַפטען, וועלכע זעבען איהם אַזוי טייער, זענען איהר פרעמד. דאַן געהט ער אַהיים צוריק אומעטיג, ברוגז, הייסט איינשפאַנען פערד און וואָגען און פאָהרט אַוועק אַליין.

און טאָראַ שרייבט אַ בריעף איהר מוטער אַהין אין מאָגערא.

„ברויססען דוכט זיך, דאָס איך געהער נישט איהם, הגם איך „לעב מיט איהם און וויל לעבען שטענדיג. איך וויל זיך צווינגען „ליעב צו קריגען דאָס אַלץ: די נאַטור, די מענשען, אַלץ וואָס איך זעה (פריהער האָב איך דאָס נישט געפיהלט;) איך האָב איהם אַלץ געזאָגט, אַז דער שוואַרצער באַרג שרעקט מיך, אַז די בערעזע און סאָסנע זענען שענער, איידער די בוימער, וועלכע וואַקסען דאָ. דאַן האָט ער גענומען און אַוועקגעפיהרט מיך אויף יענער זייט באַרג און געוויזען בערעזעס. זיי זענען געוואַקסען, ווי אין דער מדבר, ווייט איינע פון די צווייטע. פון דאָרט זענען מיר אַוועק אין סאָסנאָווען וואַלד. דו האָסט געווים, מאַמע, אַזאַ וואַלד קיינמאָל נישט געזעהען. ער איז אַזאַ געדיכטער און אַ פינסטערער, דאָס גראָז קען קיינמאָל נישט וואַקסען הינטער די בוימער, וואָרום אַהין דערגרייכט נישט די זון. ווען איך האָב עס געזאָגט ברויססען, האָט ער בעשלאָסען, אַז מיר איז ווידער נישט געפעלן".

קיינמאָל, קיינמאָל וועט טאָראַ נישט ליעב קריגען די פרעמדע שוועדישע פראָווינץ סקאָניע, אָט דעם געדיכטען, פינסטערן וואַלד, דעם באַרג, און קיינמאָל וועט דאָס איהר נישט מוחל זיין איהר מאַן יאָהאַן ברויססע.

יאָ! דעם מענשען'ס נשמה איז דאָך אַזאַ צאַרטער אינסטרומענט, אַ ביסעל נישט אַזוי אָנגעריהרט און—די סטרונעס פּלאַצען.

וועגען דעם דערצעהלען אַלע בילער הייערסטאַם'ס, זיין גאַנצע שאַפונג, וועלכע דערמאָנט די אומעטיגע טענער פון אַ וויאָלענטשעל.

טאַראַס שעווטשענקאָ.

I.

נאָך אין אָנפאַנג פון פאָריגען יאָהרהונדערט האָט איינער געזאָגט נביאות, דאָס אויף דעם 19=טען יאָהרהונדערט פאַלט אוים דער גורל, דורכצונעהן אונטער דעם צייכען פון גוואַלטיגען סאָציאַלען קאַמפף.

דער נביא האָט געטראָפען, אָבער נישט אינגאַנצען, וואָרום דער 19=טער יאָהרהונדערט איז אַ עדות נישט נאָר פון סאָציאַלען קאַמפף, נאָר פיליילכט אין אַ גרעסערער מאָס פון נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ן ק אַ מ פ ף.

דער קאַמפף פ״ר א אייגענער קולטור, פאַר אַ אייגענער שפראַך, פאַר דער אייגענער מעלאָדיע, וועלכע קאָן נאָר פערשטאַרקען און פערשענערן דעם אַלגעמיינעם כאָר. דער קאַמפף מיט דער צענטראַליזאַציע אין איהרע פערשיעדענסטע פאָרמען, מיט דעם פעאָדאַל=סיסטעם זיין ק ו ל ט ו ר, וואו עס זענען דאָ באַראָנען און וואַסאַלען, קנעכט, וועלכע טאָרען ניט האָבען זייער אייגענעם ווילען, זייער אייגענעם בעגריף וועגען שענקייט און אמת.

פאַר ביוראָקראַטען פון דער גאַנצער וועלט איז אַזאַ שטרעמונג זעהר אונאַנגענעם, אָבער פאַר די בעסטע מענשען, וועלכע פערשטע=הען, וואָס די צייט פאָדערט, איז דער נאַציאָנאַל=קאַמפף אַ וויכטיגער ענין, אַ אידעאַל, וועלכער פערדיענט זייער גרעסטע אויפמערקזאַמקייט.

זיי שרעקט נישט אָב דאָס, וואָס יעדער ביישפיעל איז געפעהרליך, רייצענד, רופט אַרויס אַלץ נייע אָנהענגער; זיי אַרט נישט, וואָס אין דעם נאַציאָנאַל=קאַמפף ווערן אַריינגעצויגען אַלץ מעהר און מעהר פעל=

קער און פעלקערלעך און אלע שטרעבען זיי פונאנדערצעוויקלען זייערע גייסטיגע מעגליכקייטען — זיי שרעקט דאס נישט —

וואָרום ווער עס האָט וואָס צו זאָגן, זאָל זאָגן.

און וואס מעהר פארבען, מעהר געמעלעכצען, אלץ שענער וועט אויסזעהן דער טעפּיך...

נאציאָנאלע בעוועגונגען אינטערעסירען שוין נישט בלויז פּאָליטיקער, סאָציאָלאָגען, נאר אין דערזועלבער מאס אויך פּאָעטען. וואָרום די עסטעטיק, דער געשמאק קאן נישט דערלאָזען, דאס די אָדער יענע שפראך, אפילו דער דיאלעקט פון דער אָדער יענער פראָווינץ, זאָלען פערלוירען געהן.

דער, וואָס פרײדיגט קולטורעלע העגעמאָניע, איז ניט נאר א בלינדער פּאָליטיקער, נאר אויך א געשמאקלאָזער מענש...

II.

דאָס, וואָס איז אָנגענומען געוואָרען אָנצורופען „קליין-רוסלאנד“ אָדער, „אוקראינא“, איז אויך איינע פון די פיעל צענטר-ען, וואו עס ווערט געפיהרט א אונמיערליכער, צייטענווייז טראגישער קאמפף פאר דער אייגענער קולטורעלער עקסיסטענץ: אמאל איז דער סכסוך געפיהרט געוואָרען אויף דעם שלאכט פעלד, די בעריהמטע „זאפּאָראָזשעסקאיא סיעטש“ מיט איהרע „פרייע קאָזאקען“ זענען געוועזען די פערטיידיגער פון דער איינגעבאָרטיגער אוקראינישער קולטור, וועלכע איז געווען רייך ניט מיט איהרע ביכער, נאר מיט דעם בעזונדערן קאָלאָריט, מיט די בולט'ע פארבען, וועלכע מאכען אוקראינא פאר איינעם פון די שענסטע ווינקלען, וואוהין עס ווענדט זיך שטענדיג דאס הארץ פון פּאָעט און דאָס אויג פון מאלער.

איצט איז די אויפגאבע איבערגעגעבען געוואָרען פון די קאָזאקען מיט זייער פרימיטיווער דיפּלאָמאטיע אין הײלען סטעפּ (דאָס איז געוויסערמאסען פערקערפּערט אין דעם בעריהמטען בילד רעפּינ'ס (Запорожцы пишущіе Грамоту Султану אין די הענד, דערווייל נאך שוואכע, פון דער אוקראינער אינטעליגענץ, און ווייל די הענד זענען

נאָך שװאַך, טראָגט זײַער קאַמף דעם ראָמאַנטישען כאַראַקטער, װעלכער גיט די מעגליכקײַט צו בעציהען זיך צו זײַ מיט דער טיפסטער סימפּאַטיע.

עס ריהרט די שטאַרקע ליעבע צו זײַער שפּראַך, צו דער קלײַנער, אָבער דאָך ביז גאָר אינטערעסאַנטער ליטעראַטור; עס ריהרט, זײַ דאָס הײַפעלע אידעאַליסטען זאַמעלט פאָלקס-ליעדער, די אוקראַאינישע ליעדער, אין װעלכע עס איז דאָ אַזױ פיעל פּאָעזיע און אומעט. אונז, יודישע נאַציאָנאַלע אינטעליגענץ, װאָלט ניט געשאַדט צוקוקען זיך צו דעם, װי די אוקראַאינצעס פיהרען זײַער קולטור-קאַמף. אין פיעל זאַכען זענען זײַ אָרימער פון אונז, נאָר זײַ זענען רײַכער מיט דער בעװוּנדערער אינטימער װאַרימקײַט, זײַ האַלטען זיך פעסטער צװישען זיך און אַלץ מאַכט בײַ זײַ דעם אײַנדריק פון אַ גוט-אָרקעסטרירטען כאָר, װאו יעדערער װײַסט, װי צו שפּיעלען אױף זײַן אינסטרומענט און קײַנער װעט זיך נישט ערלױבען מיט אַ פאַלשען טאָן אַרײַנצוברײַנגען דעם אונאַנגענעמען דיסאָנאַנס.

מען'דאַרף בײַ זײַ לערנען די חכמה פון דערשלאָגען זיך הײבשע קולטורעלע רעזולטאַטען מיט קלײנינקע מיטלען און אונזער קרעפטיג יודיש טעאַטער דאַרף זיך װינשען אַזױנע אידעאַליסטען, װי די פּערשטאָרבענע קראָפּאָװניצקי, קאַרפּענקאָ-קאַרי און די לעבעדיגע סאַדאָװסקי, זאַנקאָװעצקאַיאַ.

זײַ אַרבײַטען רוהיג, מיט פעסטען גלױבען, זײַ איז גאַנץ אונבעװוּסט אונזער נערװעזיטעט. דאָס איז, פערשטעהט זיך, דערפאַר, װײַל דער באָדען זײַערע איז אַ פעסטערער, זײַ האָבען אַ נ' אײַ ג ע ן ה ױ ז, װעהרענד מיר האָבען נור אַ ק װ אַ ר ט י ר, זײַ געהען פאַרט איבער דער אײגענער ערד.

גאָר שטערונגען אױף זײַער װעג זענען דאָ גענוג, ניט גאָר לאַנג איז יעדעס ביכעל אױף אוקראַאינישער שפּראַך דורכגעגאַנגען מיט די גרעסטע שװיריגקײַטען; זײַער טעגליכע פּרעסע איז זעלטען אָרים און פּערנלײַך. מיט אונזערער (אײן טעגליכע צײַטונג אין קיעװ „Рада“). נאָר בײַ זײַ איז עפּיס אַלץ שפּאָרעװדיג, אַלץ געראָטען, װאָרום—מעהר ליעבע, מעהר ערנסטקײַט.

III

איצט פייערן די אוקראַינצעס — און, צוזאַמען מיט זיי, די גאַנצע סלאַווישע וועלט — דעם פופציג־יעהריגען יאָהרצייט, זינט זייער נאַציאָנאַלער פּאָעט טאַראַס שעווטשענקאָ איז געשטאָרבען.

זיי וועלען געווים אויסנוצען דעם מאָמענט צוליעב דער פערטיעפונג פון נאַציאָנאַלען און קולטורעלען בעוואוסטזיין. דאָס וועט זיין נישט שווער, ווארום מען וועט נישט דאַרפען דורכפיהרען א וועג פון שעווטשענקאָ׳ס שאַפונג צו דעם האַרץ פון פאָלק. דער נאָמען איז טייער און בעוואוסט כמעט אין יעדען דאָרף. ווי אָפט קאָנט איהר טרעפען אין אוקראַינאַ אויף א יריד א גרופּע בלינדע און צווישען זיי אַן׳אַלטען באַנדוריסט (קאָבזאַר) מיט לאַנגע וואָנסען, וועלכער פיהרט מיט זיינע פינגער איבער דער באַנדורע און זינגט: „געדאַנקען וועגען טאַראַס׳ן" — א לאַנגעס, לאַנגעס ליעד פון דעם לעבען און טויט שעווטשענקאָ׳ס.

מיר איז אויסגעקומען הערען דאָס ליעד פון דעם בעריהמטען אַלטען קאָבזאַר מיכאַילאָ קראַווטשענקאָ, וועלכער געהט פון דאָרף צו דאָרף, פון יריד צו יריד, זעצט זיך אַוועק אין א ווינקעל ערגיץ, און זינגט אַזוי, אַז ביי די צוהערער, וועמענס צאָהל ס׳איז אַלע מאָל גרויס, בעווייזען זיך טרערען אין די אויגען און דער אַלטער קאָזאַק לאָזט אַראָב דעם קאָפּ זיפצענדיג. ווירקליך, אָט דאָס ליעד „געדאַנקען וועגען טאַראַס׳ן", איבערהויפּט אין דער איבערגעבונג פון דעם מיכאַילאָ קראַווטשענקאָ (ער איז בעריהמט אין גאַנץ אוקראַינאַ) מאַכט א שטאַרקען איינדריק.

עס וואָלט אפשר געלינגט אַן׳אַנדערס מאָל אָבצושטעלען זיך מעהר אויף די וואַנדערנדע זינגער, וועלכע העלפען אַזוי פיעל די אוקראַינער אינטעליגענץ אין איהר קולטור־אַרבייט. א סך איז פערלאָרען געוואָרען פון שעווטשענקאָ׳ס אוקראַינאַ, גאָר א סך איז אָבער געבליבען. ס׳איז געבליבען דער וויי͏כער קאָלאָריט, די בעזונדערע שטילע מעלאָדיע, וועלכע הענגט אויף די ווערבעס, אויף די ווייסע ריינע הייזער און אויך דער אַלטער בלינדער מיט אַן׳אַריבערגעוואָרפענער גרויסער קאָבזע איבער די פּלייצעס (א מין האַרפּע, וועלכע די בלינדע מאַכען אַליין, — א זעלטענער פּרימיטיווער אינסטרומענט), דער יורש פון אַלטע, אַלטע לעגענדען וועלכער זינגט אומעטיגע ליעדער וועגען דער אַמאָליגער גדולה, וועגען

העטמאנעס, וועגען די העלדען דאראשענקא און סאגאידאצני. די ליע־דער געהען איבער פון דור צו דור, פון די זיידעס צו די אייניקלעך און שעוועטשענקא איז אליין געוועז דער אייניקעל, דער נאציאנאלער קאבזאר. אין איינער פון זיינע פאעמען דאנקט ער טאקע דעם זיידען, וועלכער האט פאר איהם בעהאלטען די אלטע העלדישע מעשיות.

אין דעם איצטיגען רעפערטואר פון די וואנדערנדע זינגער געפינט זיך שוין, אויסער אלטע לעגענדען, אויך א גרויסער טייל פון שעווטשענקא'ס ליעדער, וועלכער איז אין די אויגען פון פאלק פערוואנדעלט געווארען אליין אין א לעגענדע, א שענע און פאעטישע.

אבער נישט נאר ביי זיך אין אוקראינא איז שעווטשענקא בעריהמט און בעליעבט, זיין גרויסע בידייטונג, זיין פאעטישע קראפט ווערט שוין איצט אנערקענט פון אלעמען, שעווטשענקא רעכענט זיך איצט פאר איינעם פון די גרעסטע נאציאנאלע ליריקער. נישט אלע מאל איז דאס אזוי געוועזען. בעת ער האט געלעבט, האבען זיך אין זיין זייט געשאטען גלייכווערטלעך, שטעכווערטלעך, מען האט א ביסעל געלאכט פון דעם פאעט־חאחאל, וועלכער שרייבט אויף א מאדנער שפראך, אויף א זשאר־גאן. צווישען די לאכענדע איז געוועזען אפילו אזא, ווי טורגעניעוו, וועל־כער האט געזאגט, אז ס'איז נישטא קיין גרינגערס, ווי צו זיין א אוק־ראינישער פאעט — מען נעהמט א פען און מען שרייבט "Грае, грае, воронае„ און אט האט איהר אייך פאעזיע.

ביעלינסקי האט איהם אויך געראטען שרייבען... רוסיש.

טורגעניעוו און ביעלינסקי, די בעסטע מענשען פון דער דעמאל־דיגער עפאכע — ווי קומט דאס? דאס קומט דערפון, וואס דאן זענען געווען אונבעוואוסט די שפעטערדיגע אידעען און אלע האבען געלעבט אונ־טער דעם היפנאז פון צענטראליזירטער קולטור. זייער בעציהונג צו שעווטשענקא'ס שפראך דערמאנט אזוי די איצטיגע בעציהונג פון פיעל צו אונזער „זשארגאן".

און אפילו די עצה דיזעלבע: שרייבט רוסיש, שרייבט פויליש...

שעווטשענקא האט דאן זיינע קורצזיכטיגע גוטע פריינד געענטפערט:

איך דאנק אייך פאר אייער עצה: א ווארימער מאנטעל, נאר נישט אויף מיר גענייט, און אייער קלוג ווארט גיט אב מיט ליגען. שרייט אייך, איך וועל אייך נישט הערן און צו זיך אייך נישט רופען. איהר זענט קלוג און איך בין א נאר.

נאר איצט איז זיך שווער פארצושטעלען, אז די „בעסטע מענ־

מענשען" זאלען זיך אזוי בעציהען צו דער אריגינעלער שפראך פון אנ־אריגינעלען פאעט. ווען מען קאן דען אריינפאלען אין זינען, צו פאדערן פון א טענאר, ער זאל זינגען, ווי א באריטאן...

שעווטשענקא, ווען ער וואלט ווירקליך געפאלגט זיינע בעלי עצות— אויב מיר זאלען צוגעבען, דאס דער פאעט קאן אמאל נישט הערן זיין נשמה און פ א ל ג ע ן — וואלט ער דאן געווען נאר א צווייטער קאלצאוו אפשר נאך גרעסער פאר קאלצאוו'ן, ער וואלט דאן געווען נאר א פאלקס־דיכטער, אין זיינע לידער וואלט איבערגעגעבען ווערן די גאנצע שרעק פון אמאליגער „פאנשטשינע", פון וועלכער שעווטשענקא אליין און זיינע ברידער, שוועסטער האבען געליטען. ער וואלט דאן געווען א פאעט פון א בעשטימטען קלאס און דורכדעם, פערשטעהט זיך, איז שוין די ראם שמעלער, די בעדייטונג — בעגרענעצט מיט א געוויסער עפאכע; שעווטשענקא וואלט דאן אין א געוויסער צייט ארום פערגעסען געווארען, ווי עס זענען שוין פערגעסען געווארען פיעל אנדערע פאעטען און ווי עס וועלן מוזען פערגעסען ווערען סוף כל סוף אזויגע פאעטען, ווי ניקיטין, קאלצאוו און אפילו נעקראסאוו.

נאר שעווטשענקא'ס בעדייטונג, פערקעהרט, וועט וואקסען און וואקסען, ווארום דער קוואל איז א טיעפערער, „און טיעפע ברונעמס ווערן קיינמאל נישט אויסגעשעפט". ער האט נישט נאר בעוויינט און בעזונגען זיין קלאס, דעם „קרעפאסטנאי מוזשיק", צו וועלכען ער האט אנגעהערט, מיט וועלכען ער איז געווען צונויפגעבונדען ביז דעם לעצטען אטעם זיינעם — ער האט בעוויינט זיין פ א ל ק, ז י י ן ל א נ ד, זיין מוטער „אוקראינא". ער איז געווען א נאציאנאלער פאעט אין דעם העכסטען זין פון ווארט. ער האט זיך אויפגעהויבען איבער דער קלאסען־פסיכאלאגיע און דעריבער איז דער הויפט־מאטיוו פון זיין פאעזיע—נישט די געפיהלען פון א נ ו ק ם, געפיהלען פון א פלעבייער, וועלכער האט פערשטאנען די גאנצע אונרעכט פון האר צו איהם, צו זיינע ברידער, צו זיין קלאס; ער וויל נישט זיין קיין ס פ א ר ט א ק, ער איז א מ ק ו נ ן, זיין ארט איז צווישען די, וועלכע האבען בעוויינט דעם גלות פון פאלק און די פערלאזענקייט פון לאנד.

IV.

דריי מעלאָדיעָן הערן זיך אין שעווטשענקאָ'ס פּאָעזיע: ליבע צו דעם באַטראַק, צו דער באַטראַטשקע, וועלכע אַרבייטען אויף פרעמדע פעלדער, וועלכע קאָנען פערקויפט ווערן, ווי קנעכט, דורך דעם „פּאָמעשטשיק"—דאָס זענען ריין=סאָציאַלע מאָטיווען, דאָס איז אַ פּראָטעסט געגען דאָס דעמאָלדיגע פערשקלאַפונגס=סיסטעם, געגען דער „קרעפּאָסטניטשעסטווע", פון וועלכער שעווטשענקאָ איז נאָך נישט געווען פריי אפילו דאַן, ווען זיין בוך „קאָבזאַר" האָט איהם געמאַכט פאַר אַ בערימטען אין פיעל סאַלאָנען און נאָך מעהר צווישען פאָלק.

נאָר דער מאָטיוו פערנעמט דעם לעצטען אָרט. שטאַרקער זענען די מאָטיווען פון ליבע בכלל. דאָ נוצט שוין אוים שעווטשענקאָ די גאַנצע זאַפטיגקייט, דאָס האַרמאָנישע, דאָס אינטימע און עלענדישע, וואָס די אוקראַינישע שפּראַך פערמאָגט; די דאָזיגע שפּראַך איז אָרים, ווען מען דאַרף איבערגעבען אַנ'אַבסטראַקטען געדאַנק, נאָר איך ווייס נישט, אויב וועלכע=עס=איז אַנדער שפּראַך זאָל זיין אַזוי רייך מיט צאַרטע ווערטער, מיט דעם שטילען שעפּטשען, ווען איין נשמה פיהלט די צווייטע און עס ווילט זיך ריידען, ריידען און דאָס ריידען זאָל זיין ענהליך צו מוזיק, צו די צאַרטע טענער פון אַ האַרפע. נישט אומזיסט זענען אומעטום אַזוי בעריהמט די אוקראַינישע ליבעס=ליעדער.

שעווטשענקאָ איז זעהר טיעף אין ליבעס=ליריק. אַזוינע זאַכען ווי „נאַימיטשקאַ", „קאַטערינאַ" פערגעסען זיך נישט, איהם איז נאָהנט דאָס צובראָכענע האַרץ פון דעם פערליבטען און פעליבטער, פון דער וועלכע ווערט פערגעסען. ער געוועלטיגט איבער אַלע סטרונעס פון דער בעאונרוהיגטער נשמה, נישט קוקענדיג דערויף, וואָס זיין פערזענליך, איינזאַם, ליידענדיג לעבען איז קיינמאָל נישט דערוואַרימט געוואָרען פון דער פרויען=ליבע. ער איז אַלע מאָל געווען אַ וואַנדערער=פּאָעט, אַ באָביל, אָהן אַ הויז, ווי יענער בלינדער קאָבזאַר פּערעבענדיאַ, וועגען וועלכען ער שרייבט:

Перебендя старый, слипый,
Хто iого не знае?
Сяде соби у куточку
Тай на кобзи грае.

און נאָך וואָלט געווען נִישט רִיכטִיג, צו רעכנען שעווטשענקאָ'ן פאַר אַ טרובאַדור פון לִיבע, וואָרום ס'איז פערהאַן אַ דרִיטע מעלאָדיע, אַ מעלכטִיגע נִישט מִיט דעם געשריי, נאָר מִיט דער טִיעפקייט פון בענקשאַפט, די מעלאָדיע, וועלכע קענִיגט איבער אַלע אִיבריגע אויף אַזוי פִיעל, אַז מִיר פערגעסען כמעט אָן זיי און געדענקען נאָר אִיהרע טענער.

דאָס זענען די לִידער, די הִיסטאָרִישע לִידער וועגען זיין פאָטערלאַנד, וועגען אוקראַינאַ; דאָס אִיז סוף כל סוף דער אייצעלנער שעווטשענקאָ'ס ראָמאַן, וועגען וועלכען מען האָט אַלע מאָל דערצעהלט און געזונגען. נאָר דאָ וואַקסט אוים שעווטשענקאָ בִיז צו דער מדרגה פון אַ געניאַלען פאָעט.

די, וועלכע נאָט האָט געבענשט מִיט אַ רוהִיגער גייסטִיגער אָרגאַניזאַציע, וועמעס אִינערלִיכע וועלט ס'איז אַזוי קלוג איינגעאָרדענט, און דער שכל געוועלטִיגט אויף זייערע געפִיהלען, —וועלן געפִינען אִין שעווטשענקאָ'ס פאָעזיע אַ נִישט-געזונדטע, הִיסטערִישע, פּאַטאָלאָגִישע צוגעבונדענקייט צו זיין היים. פון זייער שטאַנדפּונקט זענען זיי גערעכט, יעדעס שטאַרק געפִיהל אִיז נִישט ה י ג י ע נ י ש אִין דעם זִין, וואָס מען דאַרף אָבגעבען דאָס גאַנצע האַרץ און די גאַנצע נשמה. שעווטשענקאָ אִיז געווען טאַקע פון יענע פאָעטען, וועלכע ווערן פערברענט פון זייער אִינערלִיכען פייער. ער האָט נִישט געקאָנט לעבען אִין דער פרעמד, צווישען פרעמדע און אַזוי ווי דער גורל זיינער אִיז געווען אַ אומגליקלִיכער און ער האָט יאָהרען-לאַנג געמוזט זיין פעריאָגט, — זענען אַזוי אומעטִיג זיינע לִידער, און ער וויינט שטענדִיג מִיט „בִיטערע טרערען“ („Гіркіми слёзами“).

און פון דער-וויַיטען, פון אָרענבורגער גובערניע, וואוהִין שעווטשענקאָ אִיז געווען פערשִיקט און וואו ער האָט געטראָגען דעם סאָלדאַטסקען שִינִיעל, — זעהט-אוים אוקראַינאַ נאָך שענער, נאָך פּאָעטִישער. רייסט ער זיך אַהִין, בעט, נאָכ'ן טויט צו בעגראָבען אִיהם נעבען דניעפּר אויף אַ הויכען בערגִיל, כדי ער זאָל אַלץ קאָנען זעהן—זעהן זיין „לִיעבע אוקראַינאַ“ און הערן, ווי עס רוישען די חוואַליעס פון דעם דניעפּר.

און דאָס פאָלק—דאָס זענען די קִינדער זיינע; ער בעט זיי, זיי זאָלען הִיטען דאָס אַלטע, דאָס הִיסטאָרִישע, ער ווענדט זיך צו זיי מִיט ווערטער פון אַ טרייען פאָטער, וואָס בעט שטאַרק: „קִינדער מיינע, בלומען מיינע“ („дити мой квиты“).

די אִיצטִיגע קולטור האָט אויסגעאַרבייט אַ טִיפּ פון דעם פער-

צוזאַמפעלטען , עקסטעריטאָריאַלען אינטעליגענט , וועלכער פיהלט זיך אומעטום אַליין — אין האַג , אין ניו־יאָרק און אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל , נאָר וועלכער קאָן פאָרט נישט פיהלען, ווי גוט ס׳איז , ווען מען קאָן זיך צו עפּיס שטאַרק, שטאַרק צובינדען און ווי גוט ס׳איז , ווען מען קאָן זיך צובינדען טאַקע צו אַנ׳אייגען לאַנד , צו אַ שטיק געאָגראַפיע , אַזוי צובינדען זיך , אַז דאָס אַוועקפאָהרען ווייט אין דער פרעמד זאָל פערדעכענט ווערען פאַר אַ טראַגעדיע און דאָס אומקעהרען זיך זאָל זיין אַ יום־טוב , אַ גרויסער יום־טוב , ווי עס איז געווען יעדעס מאָל פאַר שעווטשענקאָ׳ן , ווען ער פלעגט קומען אין זיין היימאַט , אין זיין לאַנד׳

וואָרום שעווטשענקאָ איז געווען אַ נאַציאָנאַלער פּאָעט און אוקראַינע איז אין זיינע אויגען געווען נישט קיין פּראָווינץ , נאָר אַ ל אַ נ ד . . .

בוכהאנדלונג „צענטראל“

ווילנא — ווארשא — ניו-יארק

יודישע לעהר-ביכער

די פאלקס-שפראך:
א עלעמענטאר לעהר-בוך פיר אנפענגער.

מיט אילוסטראציעס און צייכנונגען אין טעקסט, פון י. קלעפפיש.

פרייז 25 קאפ.

די פאלקס-שול
א עלעמענטאר אילוסטרירט לעהר-בוך פיר אנפענגער.

פון

מ. בירענבוים און מ. טייטש.

מיט א קורצען בריעף-לעהרער, ווי אויך קאליגראפישע איבונגען.

פרייז 30 קאפ.

די מוטער-שפראך

א מעטאדע צו לערנען לעזען און שרייבען יודיש.

מיט גראמאטיקאלישע כללים און אילוסטראציעס אין טעקסט.

ביילעגענט אלע העברעאישע ווערטער, וואס געהען אריין אין דער יודישער שפראך.

צוזאמענגעשטעלט פון ז. און א. רייזין.

פרייז 35 קאפ.

די נייע יודישע שול
א לעזע-בוך פיר קינדער (נאכ'ן אלף-בית).

צוזאמענגעשטעלט לויט די נייסטע קוועלען מיט לייכטען לעזע-שטאף פון תלמוד, מדרש, פון דער יודישער און פרעמדע ליטעראטורען, אלץ לויט דעם בעגריף פון קינדער. מיט בילדער אין טעקסט.

פון אברהם רייזין.

פרייז [illegible] קאפ.

יודישער אלף בית
א סיסטעמאטישער אלף-בית צו לערנען יודיש, פיר אנפענגער.

מיט בילדער און מיט א קורצער מעטאדישער ערקלערונג, ווי צו לערנען מיט שילער לויט דעם קלאנגען-סיסטעם פון פ. האלפערין.

פרייז 30 קאפ.

Книжный магазинъ „ЦЕНТРАЛЪ“ Варшава — Вильно — Нью-Iоркъ. —

אינהאלט:

דער פעטער	3
אַ שטוב	23
אַ רעגען	44
בעשיינט די חתונה	57
צוויי פעסלעך וויין	67
אַליין	83
ווייבער	109
מאַן און ווייב	130
שטילע ווערטער	154
דער איינבינדער	156